די

# זיכרונות
# פון מיין געבורטס-שטאָט
# לידא

געשריבן פון

**יעקב ב"ר ירמיהו אילוטוביץ (אילוטאָוויטש)**

אין אָנדענק
פון מיין פרוי לאה (ליזה) און די אומגעקומענע בא היטלערן ימ"ש; מיינע דריי שוועסטער: חיי-שרה, רבקה און בלומע מיט זייערע מאנען און קינדער ז"ל, בסה"כ 9 פערזאָן. און אויך אין אָנדענק פון די לידער אידן וועלכע זיינען אומגעקומען פון די היטלער באנדעס ימח שמם וזכרם.

Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2024

# א וואָרט פון דעם ארויסגעבער

דער בעל-מחבר יעקב ב״ר ירמיהו ע״ה אילוטוביץ (אילוטאָוויטש) איז געבוירן געוואָרן ה׳ חשון תרמ״ד (1883) אין לידא. אין 1939, ווען די באָלשעוויקעס האָבן פארנומען פוילן, האָבן זיי אויך פארנומען לידא. יעקב און זיין ווייב לאה (ליזה) זיינען דעמאָלט פארשיקט געוואָרן קיין סיביר אין דער שטאָט אבאקאן. אין 1946 האבן די סאוויעטן געלאָזט אז פוילישע בירגער זאָלן צוריקפאָרן קיין פוילן. נאָך וואוינען אין ווראָצלאָוו און פאריז, האָבן די אילוטאוויטשעס עולה געווען קייק ארץ-ישראל אין 1949, וואו דאס לעבן איז אויך ניט געווען גרינג פאר נייע פאראָרעמטע אימיגראנטן. זיין ווייב איז נפטר געוואָרן ז׳ תשרי תרכ״ב (1961), און יעקב האט זיך אריבערגעצויגן אין א מושב-זקינים אין תל-אביב. דאָרט האָט ער זיך פארנומען מיט שרייבן זיינע זכרונות במשך צוויי און א האלב יאָר, ענדיקן לערך 1965. ער איז נפטר געווארן ב׳ חשון תרל״ה (1974).

אחוץ שרייבן וועגן דעם שטאָט לידא און אירע אידישע מוסדות, זיינען די זכרונות פול מיט פרטים וועגן צענדליקע לידער משפחות וואס דער בעל-מחבר האָט געקענט. ווען ער ווייסט, שרייבט ער זייערע גורלות, צי זיי זיינען מצליח געווען איבערצוואנדערן קיין אויסלאנד, צי אומגעקומען דורך די היטלאריסטן הי״ד. די רעדאקטאָרס פון *ספר לידא* (תל-אביב, 1969) האָבן געוואוסט וועגן אילוטאָוויטשעס זכרונות און האָבן זיך באנוצט מיט זיי.

וויבאלד עס איז זעלטן צו געפינען א יזכור-בוך פון א געבאָרענער אין מזרח-אייראָפע וואָס איז נאך ניט געדרוקט געווארן, ״פראָיעקט זכרון״ שטאָלצירט זיך מיט דערשיינען דעם דאָזיקן מעמוארן-ביכל אויף אונזער וועבזייטל (www.zikaron.tourolib.org).

מיר ווילן באדאנקן יהודה ענגעלבערג שיחי׳ פאר זיין ארבעט אין צוגרייטן דעם טעקסט צום דרוק. אחוץ דעם, האָבן מיר סטאנדארדיזירט און פארהיינטיקט דעם אויסלייג, ארויסגעלאָזט געוויסע פריוואטע באמערקונגען וואס מיר האבן געצייכנט מיט ״[...]״, און געמאכט אנדערע קליינע פארענדערונגען כדי צו מאכן עס גרינגער צו לייענען.

מיכאל ראָטענפעלד
טוראָ אוניווערסיטעט
דירעקטאָר פון פראָיעקט זכרון
ניו יאָרק
תשפ״ד

# גלאָסאַר

אום =כדי
דאס = פארשטייט זיך אז
די קרעסן[1] = די גרענעץ-לענדער אין מזרח פוילן לעבן ווייס-רוסלאנד
דעטייל = לאחדים (ריטייל בלע״ז)
זא דאס = פארשטייט זיך אז, אזוי ווי
מאַגאַזין = סקלאַד (וואַרהויז בלע״ז)
מאגאזינער = פארוואלטער פון א סקלאד
צעך = אָפטיילונג

[1] Kresy אין פויליש.

## קאפיטל נמ. 1

א ביסל היסטאריע פון דער שטאט "לידא":

ביזן יאר 1920 האט לידא געהערט צו רוסלאנד (ווילנער גובערניע).

פון יאר 1920 ביז סעפטעמבער 1939 האט לידא געהערט צו פוילן. נאוואורודקער וואיעוואודסטווא.

פון יאר סעפטעמבער 1939 געהערט אויף דאס ניי צו רוסלאנד. (די סאוויעטישע).

צו לידער קרייז האבן געהערט פאלגענדע 14 שטעטלאך:

אויפן וועג צו ווילנע: איישישאק, ראדון, ווארענאווע, נאצע.

אויפן וועג צו גראדנע: שצוצין, זאלודאק, וואסילישאק, ראזאנקע, ארלאווע, אסטרין.

אויפן וועג צו נאוואגרודעק (נאווארעדאק): איוויע, ליפנישאק, בעליצע, טראבי.

די פוילישע רעגירונג האט איינגעפונען אז לידער קרייז איז א צו גרויסער. האט די פוילישע רעגירונג אויגעטיילט די פאלגענדע שטעטלאך: שצוצין, זאלודאק, וואסילישאק, ראזאנקע, ארלאווע און אסטרין צו א באזונדערער קרייז, און די שטעטל שצוצין – אלס קרייז שטאט. און סיי דער לידער קרייז און סיי דער שצוצינער קרייז האבן געהערט צו נאוואגרודקער וויאיעוואודסטווא.

לידא האט הינטער זיך א היסטאריע פון הונדערטער יארן. און דאס זעלבע אויך די אידישע באפעלקערונג.

די אלטע שול (בית כנסת), וועלכע האט אפגעברענט מיט בערך 70 יאר צוריק [אין 1895]. לויט ווי מען האט געזאגט, האט זי עקזיסטירט בערך דריי הונדערט יאר.

לידא פארמאגט א אלטערטימלעכקייט: א אלטע פעסטונג פון וועלכע עס איז פארבליבן די פיר שטיינערנע ווענט אויף א בארג.

לויט היסטאריקער איז די פעסטונג געבויט געווארן דורך דעם ליטווישן קעניג "געדימין" מייט אריבער 600 יאר צוריק.

אזעלכע פעסטונגען זיינען אויך פאראן אין ווילנע און אויך אין נאוואגרודעק.

די פעסטונג און דעם בארג, האבן אויך א פאר לעגענדעס, ווי צום ביישפיל:

אונטער א וואנט צום שטאט צו, איז פאראן 2 אלטע ביימער, און לויט די לעגענדע זיינען אונטער די ביימער באגראבן א קעניג מיט א קעניגן.

די צווייטע לעגענדע איז אז אין בארג פעסטונג זיינען באגראבן גרויסע גאלדענע אוצרות. נאר מען טאר ניט גראבן ווייל דאס ארט פון די אוצרות זיינען פארשאלטן, און די וואס האבן געפרובט גראבן זיינען אריינגעצויגן געווארן אין דער ערד.

די לעגענדעס זיינען דערציילט געווארן צווישן די קינדער וועלכע האבן געוויס געהערט דערציילנדיג פון עלטערער מענשן.

לויט דעם ווייסרוס ה' סימילעוויטש, וועלכער האט אנגעשריבן די היסטאריע פון דער שטאט לידא, איז די שטאט ניט געווען אויף דעם ארט וואו זי געפינט זיך יעצט נאר מיט דריי קילאמעטער העכער וואו עס געפינט זיך יעצט דאס דארף "ווערך לידא." און מעגלעך אז דאס האט א גרונד, ווייל נאך יעצט איז די שטאט לידא ארומגערינגלט מיט זומפן. מען דארף פארשטיין, אז בשעת מען האט געבויט די פעסטונג, זיינען די זומפן געווען נאך גרעסער און ברייטער און דער בארג זעט אויס צו זיין א קינסטלעכער, ד.ה. א אנגעשאטענער אויף וועלכן מען האט געבויט די פעסטונג. זא דאס [=אזוי ווי] די זומפן האבן באשיצט די פעסטונגאון האט אויך באשיצט פון שונא.

מיט בערך זעכציג יאר צוריק איז אין לידא געווען א מיליטער נאטשאלניק וועלכער האט געוואלט אין לידא מאכן א פארק. האט ער אויסעפונען אז וואו דער טייל אלעשניק וועלכער גרעניצט זיך מיט די "דריטע מאי" גאס איז דער זומפ געוויס ניט אזוי טיף. און ווען מען וועט דעם טייל אלעשניק אנשיטן מיט זאמד וועט ער אויסגעטריקנט ווערן. דער מאגיסטראט האט אים דאס מיט פארגעניגן ערלויבט דאס אויסצופירן, האט ער מיט די פערד און וועגענער פון מיליטער געפירט זאמד און זשוויר טויזענדער וועגענער אום [=כדי] אויסצעטריקענען דעם אנגעצייכענטן טייל אלעשניק אויף א פארק. ער האט אויך אויסגעגראבן צוויי סאזשלקעס, אויף אפצוציען דעם וואסער. ער האט אין פארק אויסגעבויט, פון ברעטער, א בימה פאר מוזיק און אויך א קליינעם זומער טעאטער. דער נאטשאלניק ווי אויך די לידער בעפעלקערונג זיינען געווען שטארק צופרידן, און די ערשטע צייט אום זומער האט מען געמיינט אז עס וועט זיין א פארק ווי עס באדארף צו זיין. נאר אז עס האט אום הערבסט געגאסן א גרויסער רעגן, האט זיך דער זומפ אונטערן זאמד און אונטער די פיס געטרייסלט. אויף אזוי ווייט זיינען די זומפן ארום לידא געווען טיף אז עס האבן די טויזענדער וועגענער זאמד ניט געהאלפן אים גענצלעך אויסצוטריקענען, זא דאס [=פארשטייט זיך אז] דאס די שטאט לידא איז געווען פיל העכער פון דעם ארט וואו עס איז יעצט די שטאט.

דער שרייבער פון די שורות געדענקט אז נאך דער גרויסער שריפה פון לידא, האט מען געגראבן פונדאמענטן אומצובויען געמויערטע הייזער. האט מען אויף סובלסקע [=סאוואלסקי] גאס, אין דעם זייט וואו עס איז געווען צוקערניקס הויז און די ווייטערדיגע הייזער, האט מען געפונען מענשלעכע שארבנס און מענשלעכע ביינער. דאס באווייזט אז ניט ווייט פון דער פעסטונג איז געווען א בית הקברות, אדער בשעת א מלחמה האט מען דארט באגראבן די געהרגטע. דאס באווייזט אויך אז די שטאט האט ניט געקענט זיין אזוי נאענט פון פעסטונג. אויך נאענט פון פעסטונג לאזט מען ניט בויען פריוואטע הייזער, נאר מיליטער געביידעס וועלכע זיינען געווען געוויס. און וואו עס איז פאראן מיליטער, קען מען האבן פרנסה, האבן די אידן פון שטאט לידא געהאנדלט מיט דעם מיליטער; האט זיך די אידישע שטאט לידא אין פארלויף פון א סך יארן גערוקט אלס נענטער צום פעסטונג, ביז וואנען עס איז אויסגעוואקסן די אידישע שטאט לידא וואס איז געווען דער אידישער צענטער. די קריסטן, זעט אויס, האבן זיך באזעצט אין די פעריפעריעס פון שטאט לידא.

די שטאט לידא האט געהאט דריי צענטראל גאסן:

ווילנער גאס, פאר די רוסישע צייטן. סובאלסקי גאס, פאר די פוילישע צייטן.

קאמינקע גאס, פאר די רוסישע צייטן. דריטער מאי גאס, פאר די פוילישע צייטן.

קרומע גאס, פאר די רוסישע צייטן. מאיאר טאצקעוויטש גאס, פאר די פוילישע צייטן.

פארוואס מען האט די קרומע גאס גערפן "קרומע" איז ניט צו פארשטיין. פארקערט, די גאס איז געווען א גלייכע. זי האט זיך אנגעהויבן פון גרויסן פארק און האט זיך געצויגן ביז צו די פערטע.

אין צענטער שטאט איז געווען דער גרויסער מארק, און אין מיטן מארק איז געווען דער שטאטישער ברונעם פון וועלכן דער גאנצער מארק און די ארומיקע געסלעך פלעגן נעמען פון אים וואסער, ווי אויך דער שולהויף.

נאך דער גרויסער שריפה, האט מען געשניטן א נייע גאס וועלכע האט זיך אנגעהויבן פון דריטן מאי ביז צו דעם שולהויף, און מען האט די גאס א נאמען געגעבן "סאדאוואַ".

דער גאנצער שטח פון דריטער מאי גאס ביז די שוסטער קלויז און ביז הירשע לייב דעם בעקער האט געהערט צו א קריסטלעכן אפטייקער. אין דער זייט פון קרומע גאס, איז דער גאנצער שטח געווען ארומגעצוימט מיט א הויכן צוים (פארקאן) פון פעסטע הילצערנע קלעצער, און אויף דעם גאנצן שטח, וועלכער האט זיך געצויגן ביז צום טייכל פון דריטע מאי גאס, איז באשטאנען פון א גרויסן פרוכטן גארטן. און אינעווייניג צום זייט פון קרומע גאס איז געשטאנען א גרויס הילצערנע געביידע אין וועלכע עס איז אויך געווען די אפטייק און די וואוינונג [פון דעם אפטייקער]. און נאך דער שריפה, האט מען דורך דעם גארטן געשניטן די נייע "סאסאווע" גאס.

נאך דער שריפה, האט זיך שוין די אפטייק געפונען אויף סובאלסקי גאס אין א צוויי שטאקיק געמויערט הויז. דער אפטייקער איז געווען א פאליאק מיטן נאמען סטאבינסקי. ווי עס ווייזט האט ער אפגעקויפט דעם זכות ביי דעם פריערדיגן אפטייקער אדער בא די יורשים. סטאבינסקי האט דערנאך פארקויפט די אפטייק צו בערגטאנען, אויך א קריסט, מין הסתם פון דייטשישער אפשטאמונג און צו לעצט האט די אפטייק אפגעקויפט גרשן לעווינסאן, א זון פון נחמיה לעווינסאן, וועלכער האט געהאט א הויז מיט א ווין געשעפט אויף סובאלסקי גאס. די טראנזאקציע איז געמאכט געווארן דורך מיר, א 2-3 יאר פאר דער צווייטער וועלט מלחמה.

דער גאנצער שטח פון דעם אלטן אפטייק אויף קרומער גאס איז, נאך דער גרויסער שריפה, פארצעלירט געווארן פון דעם אייגענטימער אדער פון זיינע יורשים אויף פלעצער און איז פארקויפט געווארן צו אידן. צו דער זייט פון קרומע גאס האט אפגעקויפט בן-ציון דרשן. ער איז געווען א זון פון בארימטן קעלמער מגיד, וועלכער האט אויסגעבויט א הויז א געמויערטע פוןביידע זייטן קרומע און סאדאווע גאסן.

שפילקאווסקי נחמן, וועלכער איז געווען באוואוסט אונטערן נאמען "נחמן דער לופניצער", פון דארף לופעניץ, האט אויסגעבויט א צווייסטאקיג הויז, צו דער זייט פון קרומע גאס, און א טאבאק פאבריק פון דער זייט פון סאדאווע גאס.

צו דער זייט פון סאדאווע גאס, האט אפגעקויפט א גרויס שטח פון אפטייקער אילוטאוויטש חנן, וועלכער האט געבויט מיט יארן שפעטער און צוערשט האט ער אויסגעבויט א גרויסע פיינע הילצערנע געביידע. און מיט אייניגע יאר שפעטער איז געקומען בעראן גינזבורג מיט ה' גאץ, א איידעם פון וויסאצקי פון דער טיי פירמע, וועגן בויען די ישיבה פון הרב ריינעס און האבן געגעבן געלט דעם ה' אילוטאוויטש חנן און ער האט אויסגעבויט א גרויס צווייסטאקיג געמויערט הויז פאר די ישיבה, און נאך דער ערשטער מלחמה האט שוין הרב ריינעס ישיבה ניט עקזיסטירט, האט מען אפגעדונגען פאר די העברעאישע "תרבות" שול.

אחוץ די אויבן דערמאנטער 4 צענטראל גאסן, האבן זיך פון סובאלסקי גאס געצויגן 5 זייטיגע גאסן ביז צום טייך לידייקא ווי פאלגט: טורעצקי גאס, גלעזער גאס, קאמערציינא און לידער גאס.

פאר די גרויסע שריפה, זיינען מערסטנטייל געווען הילצערנע הייזער. נאך דער שריפה האט מען אממערסטן געבויט געמויערטע הייזער.

די מערסטע הייזער אויפן מארק זיינען בעשטאנען פון שענקן ביר און בראנפן, און די קויפער זיינען געווען די פויערים וועלכע פלעגן ברענגען זייערע לאנדאווירטשאפטלעכע פראדוקטן אויפן מארק צו פארקויפן. און נאכן פארקויף, פלעגן די פויערים מיט זייערע ווייבער מאכן א כייטע. דער פארבייס איז באשטאנען פון קארן ברויט מיט הערינג.

לידא האט געהאט א שולהויף, ווי עס האט זיך געפירט אין אלע אידישע שטעט און שטעטלעך אין ליטא און פוילן. דער ארייננגאנג אין שולהויף איז געווען פון צוויי צענטראל גאסן ווי פון סובאלסקי גאס און פון סאדאווע גאס און פון גרויסן מארק. אין מיטן שולהויף איז געשטאנען דער גרויסער בית הכנסת און דער

גרויסער בית המדרש. ארום די צוויי גרויסע בתי כנסת איז געווען די חסידישע קוידענאווער קלויז, די קצבישע קלויז, די שניידערשע קלויז, די סטאליער קלייזל, די מתעסקים קלויז, די חסידישע לובאוויטשער קלויז. אחוץ די אלע אויבן גערעכנטע בתי מדרשים, איז געווען אין אלע עקן שטאט קלויזן ווי פאלגט: די ווילנער גאס קלויז, אונטערן-שלאס גאס קלויז; אויף דריטע מאי גאס א קלויז, אויף טארגאווא גאס א קלויז-שוסטער, און אויף סובאלסקי גאס בא סאלץ'ן אין הויף א קלייזל א קליינע.

ווי געזאגט האבן זיך אלע אפגעברענטע קלויזן גיך אפגעבויט, ווייל זיי זענען געווען קליינע בנינים. דער גרויסער בית המדרש האט זיך אויך גיך אפגעבויט, ווייל דער בית המדרש איז פאר די שריפה אויך געווען א פעסטגעמויערטע געביידע, זיינען די ווענט פארבליבן, האט מען ניט געדארפט האבן פיל געלט אפצובויען, האבן די שטאטישע בעלי בתים זיך באמיעט שנעל אפצובויען.

אבער פון דער גרויסע שול איז נאר פארבליבן א ביסל אש, ווייל זי איז געווען א הילצערנע געביידע, און אזוי ווי די לידער קהילה האט געוואלט אויפבויען א געמויערטע געביידע לתפארת, לויט ווי דער סלאנימער ארכיטעקט האט געמאכט דעם פלאן מיט א קופאל, האט געדארפט קאסטן א סך געלט, און אזוי פיל געלט האט די לידער קהילה ניט געקענט צוזאמענעמען. איז די ישועה געקומען פון די לידער אייער-הענדלער. זיי האבן אויפגעגעבן א מקור ווי צו באקומען א גרעסערע סומע געלט. דער פלאן איז באשטאנען אין פאלגענדעס: אזוי ווי אין ווילנע איז פאראן א רייכער קינדערלאזער אייער-הענדלער, זאל מען שיקן צו אים א דעלעגאציע פון לידער בעלי בתים און אויך פון די לידער אייער-הענדלער וועלכע האבן מיט אים האנדלס-באציונגען און אים פארשלאגן צו פאראייביגן זיין נאמען מיט זיין פרוי אין איינמויערן איבערן איינגאנג פון שול א מארמערשטיין מיט אויסגעקריצטע זייערעביידנס נעמען. און פאר דעם זאל ער געבן א גרעסערע סומע געלט. די דעלעגאציע האט דאס אים פארגעלייגט און נאך לאנגע אונטערהאנדלונגען מיט דעם ווילנער אייער-הענדלער, וועלכן מען האט גערופן יעקב-מאיר (זיין פאמיליען-נאמען געדענק איך ניט), האט ער איינגעשטימט צו געבן דריי טויזנט רובל, וועלכע זיינען אין יענע צייטן געווען א גרויסע סומע. מיט דעם געלט איז מען צוגעטרעטן צו בויען די גרויסע שול. די איבעריקע געלט וואס האט זיך נאך געפאדערט האט מען צוזאמענגענומען פון פארקויפן פלעצער אין שול. און מען האט איינגעמויערט איבערן איינגאנג פון שול די נאמען פון יעקב-מאיר מיט זיין פרוי, אויפגעקריצט אין א מארמערשטיין.

די געביידע פון דער גרויסער שול איז געווען א גרויסע און פרעכטיגע מיט א קופאל וועלכע האט געקענט שטיין אפילו אין ווארשע. צום באדויערן, האבן די היטלער באנדיטן ימ"ש פארברענט די אידישע שטאט לידא, אן "עיר ואם בישראל" מיט אלע בתי מדרשים. די גרויסע שול איז געבויט געווארן ווי א פעסטונג, אזוי אז דאס פייער האט ניט געווירקט. האבן די היטלער באנדיטן ימ"ש געניייט די אידישע באפעלקערונג, בעפאר מען האט זיי אויסגעשאכטן, צוצורייסן די ווענט פון שול מיט דינאמיט ציגלוויז.

איך, דער שרייבער פון די שורות, אילוטאוויטש יעקב, איז געפארן צוריק מיט זיין פרוי עה"ש פון סיביר אין אפריל מאנאט 1946 דורך לידא און ער איז דורכגעלאפן זען וואס מיט די שטאט לידא איז פארגעקומען, האט ער געזען אז קיין זכר איז ניט פארבליבן פון דער אידישער טייל שטאט לידא, סיי פון די מענשן, סיי פון די הייזער און פון שולהויף און פון דער פרעכטיגער שול געביידע. עס איז נאר פארבליבן די "פאטא" פון דער פרעכטיגער גרויסער שול.

## קפיטל נמ. 2

### טיפן פון לידער בעלי בתים, סוחרים, קליינהענדלער און בעלי מלאכות

די מערסטע בעלי בתים פון די שענקען אויפן גרויסן מארק זיינען געווען די אנגעזעענסטע בעלי בתים פון שטאט, ווי צום ביישפיל:

ר׳ משה אליעזר׳ס—ער איז געווען, אדער זיין פרוי, קרובים פון אמאליגן פארשטארבענעם לידער רב ר׳ מרדכי מעלצער ז״ל. ער איז געווען א נידעריג פלינקער איד מיט ניט קיין גרויסע שווארץ-גראע בארד.. ער האט געקענט לערנען.

עס איז געווען אויפן מארק א בעל הבית, ר׳ מאטיע, חיים בער׳ס רובינאוויץ, זייער א פרומער. ער פלעגט מתפלל זיין מיט גרויס כוונה, אזוי אז פון גרויס כוונה און ציילן די ווערטער פלעגט ער ארויסשטעקן דעם צונג. איז דאס בא אים געווען א געוווינהייט אז אפילו בא ריידן מיט מענשן פלעגט ער ארויסשטעקן דעם צונג. צי ער האט אויך געקענט לערנען ווייס איך ניט, ווייל ער פלעגט זיך אזוי פארדבקענען און פארציען דעם דאווגען אז ער פלעגט קיין מאל ניט דאוונען בציבור, האט ער קיין צייט געהאט צו לערנען ווען ער וואלט אפילו געקענט.

פאר די גרויסע שריפה, איז אין שכנות מיט ר׳ מאטיע חיים בער׳ס הויז איז געווען א שיינע הילצערנע הויז מיט א גלעזערנעם גאניק צום מארק פלאץ, און הינטער די הויז איז געווען א פרוכטן גארטן וועלכער האט זיך געצויגן ביז צו שטערוואנע געסל. די הויז האט געהערט צו איינעם וואס מען האט אים גערופן איטשע קאפלאן (אן א רעב). ער האט מיט די לידער שטאטישע בעלי בתים ניט פארקערט. ער איז קיין תלמודיסט ניט געווען, נאר ער האט די לערע פון ש״ס-קארטן זייער גוט געקענט. ער האט געפירט א פיין הויז נאר וואס איז געווען זיין באשעפטינוג, האט קיינער ניט געוואוסט. ער פלעגט שטענדיג ארומפארן צו די גוטבאזיצער פון יענער צייט. מען האט גערעדט אין שטאט אז איטשע קאפלאן שפילט מיט די פריצים אין קארטן און פון דעם מאכט ער א לעבן. מען האט אויך געזאגט אז ער איז א מעקלער פון פריצישע גיטער און וועלדער. און מעגלעך [אז ער האט זיך פארנומען] מיט די אלע דריי אויבן דערמאנטע פרנסות. נאר א פאקט איז געווען אז ער האט געפירט א פיין רייך לעבן. אגב, ער איז געווען זייער א קלוגער איד. ער האט געהאט 2 טעכטער און א זון. ער האט זיי געבילדעט. די עלטערע טאכטער איז געווען די פרוי פון ראזענבערגן, ניט קיין לידער. מיר דוכט אז ער איז געווען פון ריגא. ער איז געווען א אינטעליגענטער מענש. די צווייטע טאכטער איז געווען א שיינע בלאנדינקע. זי האט געהייראטעט, מיר דוכט, אין ווילנע. דער זון האט שטודירט און איז ניט פארבליבן אין לידא. די פרוי פון איטשע קאפלאן איז געווען א קרענקלעכע און איז געשטארבן נאך פאר די גרויסע שריפה. נאך דער גרויסער שריפה, האט איטשע קאפלאן פארקויפט דעם פלאץ צו שמואל שטיינבערג און איז ארויסגעפארן פון לידא קיין ווילנע, ווייל אין ווילנע האבן געוווינט זיין אינגערער טאכטער און זיין זון.

די ביאגראפיע פון שמואל שטיינבערג ווייס איך ניט. ער איז, דוכט מיר, ניט געווען קיין לידער. ער איז געווען א פעסטער געבויטער איד מיט א שווארץ געדיכט בארד, ניט קיין תלמודיסט נאר א קוידענאווער חסיד. זיין פרוי רבקה איז געווען א לידערן. זי, רבקה, האט געהאט א אייזנקראם נאך פאר איר חתונה מיט שמואל שטיינבערג, און זי איז געווען זייער אנגענומען ביי די פויערים. זיי פלעגן ניט קויפן אייזנווארג אין א וועלכע עס איז אייזנקראם—נאר ביי רבקה׳ן. זי איז געזעסן אין קראם פון פרי ביז שפעט אין אוונט. זי איז געווען רייך, איר מאן שמואל האט זיך פארנומען מיט אויפקויפן אלטע אייזן, איז ער פון דעם אויך רייך געווארן און צוזאמען זיינען זיי געווען געוויס רייך.

האט שמואל שטיינבערג אויסגעבויט אויף דעם געקויפטן פלאץ פון איטשע קאפלן א גרויס צוויישטאקיג הויז צום מארק פלאץ צו. אין פארטער פון הויז האט שמואל שטיינבערג געעפנט א גרויס אייזנסקלאד צוזאמען מיט זיין עלטערן זון מאיר. אויפן צווייטן שטאק האבן געוואוינט די אלטע פארפאלק מיט זייער צווייטן זון זלמן, און מאיר שטיינבערג מיט זיין פאמיליע. און אז שמואל שטיינבערג האט חתונה געמאכט זיין

טאכטער פאר בנימין לאנדא, דעם זון פון ר' נטע לאנדא, האבן זיי אויך געהאט זייער סאדע פאבריק און וואוינונג אין דעם זעלבן הויז. און אזוי-אט איז געווארן שמואל שטיינבערג א שכן פון ר' מאטיע חיים בער'ס. צווישן די ביידע הייזער איז געווען א שמאל הייפעלע. אגב, זיי זיינען ביידע געשטארבן אין א קורצע צייט איינער נאכן אנדערן.

איטשע קאפלאן האט אויך געקויפט נאך דער גרויסער שריפה א פלאץ פון אפטייקער אויף סאדאווא גאס און האט אויסגעבויט א שיין הילצערן הויז אין וועלכע עס האט דערנאך געוואוינט זיין איידעם ראזענבערג, ווייל איטשע קאפלאן האט שוין דאן אין לידא ניט געוואוינט, נאר אין ווילנע. ער איז געווויס געשטארבן אין ווילנע אלס אלטער מאן. מען דארף צוגעבן א שבח נאך זיין טויט: אז מען פלעגט זיך ווענדן צו אים נאך א נדבה, פלעגט ער געבן מיט א ברייט האנד. די טיפן פארדינען לייכט און גיבן אויס לייכט.

עס איז געווען א שענקער אויפן מארק מיטן נאמען מאיר. זיין פאמיליען-נאמען געדענק איך ניט. זיין פאמיליען-נאמען איז געווען ניט וויכטיג פאר די באשרייבונג פון זיין פערזענלעכקייט. ער איז געווען א נידעריגער אידל מיט א קליין בערדל. די מערסטע צייט פון טאג פלעגט ער פארברענגען אין בית המדרש, ניט צוליב דעם ווייל ער איז געווען למדן נאר פשוט צוליב דעם וואס זיינע דריי טעכטער האבן געפירט דאס געשעפט, ד.ה. דעם שענק, און דעם טאטן האבן זיי ארויסגעשיקט פון שטוב. פלעגט ער גיין זיצן אין בית המדרש. וואו דען האט ער געהאט צו גיין? אין לידא האבן די בנות צלפחד ניט געקענט חתונה האבן. האבן זיי ארויסגעוואנדערט קיין אמעריקע.

ניט ווייט פון מאיר'ס שענק, איז געווען דער שענק פון הירשע-מרדכי-נחום'ס. ער איז געווען א קליין פלינקער איד מיט א קליין בערדל. ער האט אויך געהאט דריי טעכטער. די עלסטע פון זיי מיטן נאמען רבקה איז געווען די פרוי פון בערל דווארעצקי, וועלכער האט געהאט אין לידא א גרויס פאפיר געשעפט. ער איז געווען דער מורשה פון "קרן קימת לישראל" אין לידא און א טעטיגער מיטגליד אין ועד פון "תרבות" אין לידא. אין 1940 פארן וועלטקריג האט זיך אים איינגעגעבן אוועקצופארן דורך רוסלאנד קיין אמעריקע. קיין מיליאנער איז ער אין אמעריקע ניט געווארן, נאר מאכט א לעבן ווי די אמעריקענער זאגן. דער שרייבער פון די שורות, אילוטאוויטש יעקב, איז געווען אין אמעריקע אין 1962, האט זיך מיט אים געטראפן אין ניו-יארק. די צווייטע טאכטער פון הירשע-מרדכי-נחום'ס, נחמה, איז געווען די פרוי פון עלטערן ברודער פון די ברידער דובטשאנסקי, וועלכער איז געווען א באקאליי קרעמער. הירשע-מרדכי-נחום'ס, זיין פרוי און די דריטע טאכטער ווי אויך נחמה מיטן מאן און א קינד זיינען אלע אומגעקומען ביי היטלערן. דער יונגערער יונה דובטשאנסקי מיט זיין פרוי און קינד זיינען אויך אומגעקומען ביי היטלערן ימח שמו.

אויפן מארק קעגן איבער די פלייש קראמען איז געווען א שענקער בער משה באראן. ער איז אויך ניט געזעסן אין בית המדרש איבער א בלאט גמרא. ער האט פשוט ניט געקענט אפילו דעם פירוש המילות פון דאווגען. און אזוי ווי ער איז געווען א רייכער איד, האט ער געקויפט א איידעם פאר זיין טאכטער הרב ראזאווסקיס א זון. הרב ראזאווסקי איז געווען א באוואוסטער רב, דוכט מיר אין שטאט וואלקאוויסק. בערע משה האט אויך געהאט א זון יעקב, וועלכער איז געווען א חבר פון דעם שרייבער פון די שורות. ער האט געהאט א אפטייק מאגאזין אין זיין פאטערס הויז.

אויפן מארק פנת שולהויף איז געווען א בעל הבית ר' ראובן חנה רובין, א הויכער איד מיט א שיינע בארד, דערצו א קוידענאווער חסיד. צי ער איז אויך געווען א תלמודיסט, ווייס איך ניט. פילייכט יא און גיכער ניט, ווייל א חסיד הערט תורה פון רבין און דאס אויך איין מאל אין יאר ווען דער רבי פלעגט קומען באזוכן זיינע חסידים און נעמען דעם פדיון. גענוי פון וואס די פאמיליע האט געלעבט, געדענק איך ניט, ווייל ביי אים, דוכט מיר, איז קיין שענק ניט געווען. מעגלעך פון דעם וואס ער האט געהאט צו פארדינגען צוויי אדער דריי דירות און א קראם מיט א שפייכלער צום זייט פון שולהויף. ער איז אויך געווען א דעה זאגער אין שטאט.

אויפן ווינקל פון מארק און קרומע גאס איז געווען דער שענק פון ר' דוד יודל קאמענעצקי. ער איז אויך ניט געווען קיין למדן. ניט קוקנדיג אויף דעם וואס זיין ברודער יוסף אליהו איז געווען א דיין אין שטאט לידא.

ר׳ דוד יודל קאמענעצקי איז געווען א הויכער שלאנקער איד מיט א שיינע בארד, און אחוץ דעם שענק, איז ער פון צייט צו צייט אויך געווען א וואלד סוחר. זיין זון פנחס פון זיין ערשטער פרוי איז אויך געווען א וואלד סוחר. זיין יונגער זון, אויך פון דער ערשטער פרוי, האט חתונה געהאט אין שטעטל ארלאווע און איז דארט פארבליבן וואוינען. ער האט אויף אלעמען געקוקט קרום, פשוט דערפאר ווייל ער האט געהאט קרומע אויגן. אין רוסיש האט דאס געהייסן "קופאקי".

*

די צווייטע הויז פון ר׳ דוד יודל קאמענעצקי, צום מארק צו, איז געווען דער שענק רעסטאראן-האטעל פון ר׳ אליהו לאנדא, נאר די פירמע איז געווען אויף די ווייבס נאמען: "ליבע לאנדא". דאס איז שוין טאקע געווען א בעסערער אידישער שענק-רעסטאראן וואו מען האט אויך געקענט באקומען, חוץ א שנאפס בראנפן, א געשמאקע געפילטע שטיק פיש, א געבראטענע גענזל און פלייש מיט סוף; קאמפאט איז אמאליגע יארן ניט נויטיג געווען. קאמפאט אין אמאליגע יארן, אפילו אין בעסערע רעסטאראנען, איז געווען א לוקסוס ארטיקל. אין אונזערע ליטווישע שטעט און שטעטלעך, פלעגט מען אין בעסערע בעלי בתישע הייזער קאכן קאמפאט פון פלוימען מיט ראזשינקעס נאר פורים צו די סעודה.

ר׳ אליהו לאנדא האט געהאט פיר זין, נאר איך האב געקענט נאר דריי זין. דעם עלטסטן זון האט מען גערופן אייזל, ער האט געארבעט אין רעסטאראן צוזאמען מיט די מוטער ליבע, ווייל פון דער צייט וואס איך האב געדענקט איז ליבע שוין געווען א עלטערע פרוי. דעם צווייטן זון האט מען גערופן אבראם. ער האט זיך געפירט מעשה איטעליגענט-אריסטאקראט. ער פלעגט זיין פיין געקליידעט לויט די מענערישע מאדע פון יענע צייט: א ווייסע אויבערהעמד מיט א שיינעם אויסבינדער. ער האט ניט געוואוינט אין רעסטאראן הויז נאר פריוואט אין א צימער. אגב, ער איז געווען א אלטער קאוואליער [=אלטער בחור]. ער פלעגט נאר גיין עסן צו די מאמען. ער פלעגט פארקערן אין לידא אין די אזוי גערופענע אינטעליגענט-אריסטאקראטישע הייזער. צו ער האט געהאט א וועלכע עס איז באשעפטגונג, האב איך ניט געהערט. מעגלעך אז אחוץ דעם עסן בא זיין מאמען, האט ער באקומען אויף זיינע קעשענע הוצאות פון דער מאמעס געשעפט. וועגן זיין בילדונג האב איך אויך ניט געהערט גענוי וואס פאר א בילדונג ער האט באקומען. קיין העכערע בילדונג געוויס ניט, און מיר דוכט אז קיין מיטעלע אויך ניט, נאר מעגלעך זעלבסט בילדונג. נאך זיין פירונג און קליידונג, האט ער אויסגעזען ווי ער וואלט געווען א פראפעסאר.

אבראם לאנדא האט געהאט א חבר, זיין פאמיליען נאמען איז געווען קאלמאנאוויטש. זיין ארט לעבן איז געווען דאס זעלבע ווי אבראם לאנדא, ד.ה. ער האט געלעבט אויך אויפן חשבון פון זיין טאטן דעם סטאליער, ווי מען האט זיין טאטן גערופן "מאניע דער סטאליער פון אונטערן שלאס גאס". ער איז אויך געווען א אלטער קאוואליער אין זלעבן עלטער וואס לאנדא, אויך די זעלבע בילדונג וואס לאנדא, אפילו די וואוקס.

נאר צום סוף האט קאלמאנוויטש צו 50 יאר חתונה געהאט מיט ר׳ אברהם ביאַארסקיס א טאכטער, וועלכע איז געווען יונגער פון אים מיט א פאר און צוואנציג יאר. די פאמיליע באיארסקי איז געווען די וואס האט געהאט א פיינעם שטוביגן רעסטאראן בא נתפלי סאלץ אין הויז. איר מאן ר׳ אברהם באיראַרסקי איז געווען א פיינער איידעלער אינטעליגענטער מענש. ער איז אנגעשטעלט געווען אין א וואלד פירמע אלס בוכהאלטער ניט אין שטאט לידא, נאר אויפן פראווינץ. זעט אויס אז פון זיין פאסטן אליין איז שווער געווען אויסצוהאלטן א היפשע פאמיליע, האט די פרוי זיינע געפירט דעם שטוביגן רעסטאראן אין וועלכן עס פלעגן באזוכן די בעסערע געזעלשאפט. האט זיך דער אלטער יונגערמאנטשיק באזארגט מיט עסן בא די שוויגער, ווארעם מיט וואס ער האט זיך באשעפטיגט האב איך אויך ניט געהערט.

דער דריטער זון פון ר׳ אליהו לאנדא איז געווען בנימין לאנדא. ער האט שוין באצייטנס חתונה געהאט, ווייל, ווי איך געדענק, האט ער שוין געהאט א דערוואקסענעם זון. מיט וואס בנימין לאנדא האט זיך פארנומען ביז צו זיין חתונה, האב איך ניט געוואוסט, מעגלעך א ביז צו זיין האכצייט [=חתונה] איז ער געווען אויף די מאמעס קעסט. מעגלעך אויך אז ער האט באקומען א נדן, האט ער אויסגעבויט אויף סובאלסקי גאס,

קעגנאיבער דעם פוילישן קלויסטער, א צוויי-שטאקיג געמויערטע הויז אין וועלכן ער האט איינגעארדנט א פיינעם האטעל.

עס איז געווען נאך א לאנדא מיטן נאמען ר׳ נטע לאנדא, נאר די פירמע איז אויך געווען אויף די ווייבס נאמען "עטל לאנדא". ר׳ נטע לאנדא האט אויך פארבראכט א היפשן טייל פון טאג אין בית המדרש אין דאווגען און שמועסן.

בא די פירמע "עטל לאנדא" האט מען געקענט באקומען געשמאקע געפילטע פיש מיט א שטיקל טרונק בראנפן און א געבראטן שטיקל גענזנס. נאר ווען מען האט געוואלט א גאנצן מיטאג, האט מען געדארפט פריער באשטעלן. די הויז פון עטל לאנדא האט זיך געפונען אין שטערוואנע געסל, ניט ווייט פון מארק.

ר׳ נטע לאנדא האט פארמאגט אין זיין פארמעגן צוויי זין און דריי טעכטער. דעם עלטסטן זון האט מען גערופן ר׳ אייזל לאנדא, ד.ה. אייזיק, נאר די פירמע איז געווען "אייזל לאנדא". די פירמע אייזל לאנדא, האט געהאט אויף קרומע גאס, בא בערל דווארעצקי אין הויז, א הורטאוון פעל סקלאד און ער האט אויך געהאט א חלק אין א זייף פאבריק. ער איז פון נאטור געווען א גוטמוטיגער. מיר דוכט אז ער איז קיינמאל ניט געווען אין כעס אויף א מענשן. ער איז געווען א קצת תלמיד חכם און קצת משכיל. ער האט ליב געהאט צו דערציילן און אויך הערן א גוטן וויץ. איך געדענק זיינעם א וויץ: א בגד איז שווער ביז מען צערייסט אים, נאר ווי מען צערייסט אים, איז טראג און טראג.

ר׳ אייזל לאנדא האט געהאט דריי זין, משכילים און העברעאיסטן. דעם עלטסטן זון האט מען גערופן משה, דעם צווייטן האט מען גערופן וועלוול, דעם דריטן – אבא. אייזלס פרוי טיליע איז געווען א אינטעליגענטע און א משכילה. זי האט געשטאמט פון נאוואגרודעק. די גאנצע פאמיליע פון אייזל לאנדא, אחוץ דעם יונגסטן זון אבא מיט זיין פרוי יודית און טאכטער וועלכע געפינען זיך אין ישראל, זיינען אומגעקומען בא היטלערן ימ״ש.

דער צווייטער זון פון ר׳ נטע און עטל לאנדא איז געווען בנימין. ער האט געהייראטעט די טאכטער פון שמואל שטיינבערג דעם אייזן סוחר. ער האט געהאט א פאבריק פון סאדע וואסער אין הויז פון זיין שווער שטיינבערג און אויך די וואוינונג בא אים האט מען געקענט טרינקען א גלאז זעלצן וואסער מיטן אמת׳ן כשר׳ן סאק. עס האט אפילו געקאסט מיט א קאפעקע טייערער, אבער עס איז ווערט געווען. בנימין איז אויך געווען א גוטמוטיגער, אבער פון א תלמודיסט און משכיל איז ער געווען ווייטלעך.

די עלטסטע טאכטער פון ר׳ נטע און עטל לאנדא האט געהאט פאר א מאן אידל גילמאווסקי, דער בארימטער וויצן דערציילער. ער האט געהאט א מאנופאקטור געשעפט אין שטערוואנע געסל. די צווייטע טאכטער מלכה האט חתונה געהאט פאר מרדכי יודלעוויטש, דער זון פון ר׳ שלמה יודלעוויטש. קיין קינדער האבן זיי ניט געהאט. פארן ערשטן קריג איז ער אוועקגעפארן קיין ישראל (דאן נאך פאלעסטינע) און איז אין ישראל געשטארבן. זיין פרוי מלכה איז פארבליבן אין לידא און איז אומגעקומען בא היטלערן ימ״ש. די דריטע טאכטער פון ר׳ נטע לאנדא האט געהייראטעט אין נאוואגרודעק. געוויס איז זי אויך אומגעקומען בא היטלערן ימ״ש.

עס איז געווען א שענקער אויפן מארק מיטן נאמען חיים פינקעס, די פאמיליע קאמענעצקי, נאר דער פאמיליען נאמען איז בא אים געווען ניט וויכטיג. די פירמע איז געווען "חיים פינקעס". ווען למשל מען וואלט געפרעגט אויף חיים קאמינעצקי, וואלט מען ניט געוואוסט ווער דאס איז, נאר ווען מען פרעגט אויף חיים פינקעס, וואלט יעדעס קינד אנגעוויזן וואו עס געפינט זיך.

ער איז געווען א נידעריג פלינק אידל, זייער א קלוגער, ביז צו חיטרע. א גאנץ יאר האט ער געהאט דעם בראנפן-ביר שענק און אויף פסח האט ער געהאט צו פארקויפן פסחדיגן ראזשינקעס וויין. דעם וויין פלעגט בא אים מאכן א איד מיטן נאמען מאיר. ער פלעגט אים צוגרייטן א גרויסע פאס וויין וועלכע האט זיך געפונען אין קעלער. איניגע טעג פאר פסח, פלעגט דער אידישער עולם אנהויבן איינקויפן וויין אויף "ארבע כוסות" צום

סדר, פלעגט חיים פינקעס פרעגן בא דעם קונה פאר װעלכן פרייז ער פארלאנגט, װייל ער האט װיין פאר 1.50 רובל א טאפ װיין, פאר א רובל א טאפ און פאר 75 קאפעקעס א טאפ. דער מאיר פלעגט בא מיין פאטער קװעטשן האניג אום אפצוטיילן פון דעם װאקס. די פירמה חיים פינקעס האט עקזיסטירט פאר דער ערשטער װעלט קריג.

די פירמע ברוך קלעפאטש האט זיך געפונען אין בן-ציונס דרשן'ס הויז און האט אנגעהויבן צו עקזיסטירן צװישן די ערשטע און צװייטער קריג. בא דעם הער קלעפאטש איז שוין געװען צוגעפאסט מערער צו די צייט. בא אים איז די װיין שוין געװען געגאסן אין פלעשער און אין אלערליי פרייזן. אויף קלעפאטשעס װיין האט אידל גילמאװסקי געשאפן א װיץ: אז קלעפאטש האט צו פארקויפן קרימער װיין [ד.ה. פון דער קרים]. א נאאיװער פלעגט פרעגן, "באמת קרימער װיין?" פלעגט אידל ענטפערן, "יא, קרימער – אז מען טרינקט פארקרימט מען זיך."

פון קלעפאטשעס פאמיליע איז פאראן אין ישראל דער עלטסטער זון מתתיהו און צװיי טעכטער, קיילע און יענטע, װעלכע זיינען געװען אין דער צייט פון דער צװייטער קריג אויף סיביר צוזאמען מיטן שרייבער פון די שורות. די איבעריגע, ד.ה. דער פאטער ברוך קלעפאטש מיט זיין פרוי און דער יונגערער זון, זיינען אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

די צװייטער פירמע װאס האט פאבריצירט פסחדיג װיין מיט מעד האט געהערט צו אילוטאװיטש יוסף. זיין פירמע האט געארבעט א גאנץ יאר װיין און מעד ניט נאר אויף פסח נאר איבערהויבט מעד. די פירמע האט אויך געהאט עקספארט, ניט חו"ח אויף אויסלאנד, נאר אין די ארומיגע שטעטלעך פון לידער און אשמענער געגנטן.

די װיין-מעד פאבריק פון יוסף אילוטאװיטש האט אנגעהויבן צו עקזיסטירן נאך פאר דער ערשטער קריג. מעגלעך אז יוסף'ס פאטער אליהו האט נאך אנגעהויבן פאבריצירן די װיין און מעד. איך האב געפרעגט בא פאקסן יוסף'ס זון, װעלכער געפינט זיך אין ישראל, װייס ער אויך ניט דעם אנפאנג פון דער פירמע פון די װיין און מעד פאבריק.

יוסף אילוטאװיטש איז מיט איינעגע װאכן פאר דער צװיטער קריג געשטארבן און זיין פרוי מיט צװיי טעכטער האבן די רוסן ארויסגעפירט קיין סיביר. און נאך דער קריג, זיינען זיי צוריקגעקומען קיין פוילן און פון פוילן קיין דייטשלאנד און פון דייטשלאנד קיין אמעריקע, װאו זיי געפינען זיך יעצט. יוסף'ס זיידע איז געװען יודל אילוטאװיטש. יודל איז געװען פון די ברידער שאלאמאיעס.

דער יונגערער זון פון יוסף אילוטאװיטש, איז װי נאר די סאװיעטן האבן פארנומען לידא אין יאר 1939 איז ער אװעק פון לידא, און ביז היינטיגס טאג הערט ניט די פאמיליע פון אים, װי עס װייזט איז ער אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש, און דער עלטערער זון פון יוסף אילוטאװיטש, מאקס, װי איך האב שוין באמערקט, געפינט זיך אין ישראל.

*

עס איז געװען אין לידא א באמת אינטעליגענטער איד, א תלמיד חכם, א משכיל און א חובב ציון. ער איז געװען א פקיד אין ביר ברויעריי פון יעקב פאפירמייסטער אדער א בעל בית. איך האב אים געקענט נאך אין מיינע יונגע יארן, איז ער שוין געװען א עלטערער מענש, נאר גיכער, האט אים דער אלטער יעקב פאפירמייסטער געשטיצט אלס אלטער מאן און אינטעליגענטער תלמיד חכם, װעלכער האט געהייסן ר' פסח חנה בערלאװיץ.

*

עס איז געווען א אנגעזעענער בעל בית אין לידא, ר' חיים משה קאמענעצקי. ער איז געווען פון די שטאט-פירערס. דאס גרויסע געמויערט הויז אויף סובאלסקי גאס וועלכע דער פעטערבורגער ישראל אילוטאוויטש האט אפגעקויפט איז אמאל געווען זיינע נאך פאר די לידער גרויסע שריפה. זיין געשעפט איז געווען א בראנפן סקלאד נאך א צייט פריער פאר דעם רוסישן בראנפן מאנאפאל אין זיין אייגן הויז. ווען איך האב אים געקענט אלס יינגל, איז ער שוין געווען א אלטער מאן.

עס איז געווען א אנגעזעענער בעל הבית אין לידא מיטן נאמען נפתלי סאלץ. ער איז געווען א אלטער בעל הבית אין לידא נאך פאר די גרויסע שריפה. ער איז געווען א ברודער פון דעם ווילנער סאלץ. דאס איז געווען א באוואוסטע פאמיליע און א אינטעליגענטע אין גאנץ וויסרוסלאנד און ליטא. זייער פאשעפטיגונג איז געווען פערד-פאסט. די פערד-פאסט האט עקזיסטירט בעת עס איז נאך ניט געווען פארשפארט די אייזנבאנען. פלעגן די פערד-פאסט פירן די פאסט און אויך פאסאזשירן, און אפילו עס איז שוין געווארן באנען האט נאך די פערד-פאסט עקזיסטירט צווישן די קלענערע שטעטלעך.

מען דערציילט אז אמאל איז דער רוסישער קעניג ניקאליי דער ערשטער געפארן איבערן לאנד. איז ער געפארן מיט די פערד-פאסט, און אויף יעדע פערד-פאסט סטאנציע האט מען געביטן די פערד. ווען דער צאר איז געקומען קיין ווילנע, האט מען די פערד געביטן אין סטאנציע פון סאלץ, האט סאלץ אליין אנגעטריבן די פערד ביז די נאענטע סטאנציע, ווייל ער האט ניט אנטרויען צו פירן דעם צאר, דעם רוסישן אנטרייבער. אויפן וועג האט דער צאר פארפירט א שמועס און געפרעגט ווי עס לעבט די באפעלקערונג און וואס די באפעלקערונג רעדט וועגן אים דעם צאר, נאר וואס סאלץ האט דעם צאר געענטפערט איז ניט געווען באוואוסט.

דער לידער נפתלי סאלץ האט אויך געהאט די פערד-פאסט. זיינע אלטע הילצערנע הייזער, וועלכע האבן זיך געפונען אויף סובאלסקי גאס, זיינען געבליבן געשיינט פון דעם פייער פון דער גרויסער לידער שריפה. דער הויף איז געווען א גרויסער, מיט וואוינונגען און שטאלן פאר די פערד און וועגענער, און דער הויף האט זיך געצויגן ביז צום לידייקע טייך. אויפן הויף האט זיך געפונען די באוואוסטע "סאלץ'ס קלויז".

נפתלי סאלץ איז געווען פון מיטלן וואוקס, א ברייט פלייציגער, מיט א שווארץ-גראע, ניט קיין גרויסע בראד. ער פלעגט שטענדיג האלטן די הענד אריינגעשטעקט איבער די הויזן און אזוי פלעגט ער שפאצירן בא זיך אין הויף און אויך אין גאס. ער האט זיך ניט געמישט אין קהלשע ענינים. ער איז געווען באקאנט אין לידא מיט די נאטשאלסטווע. ער האט זיך ניט אנטזאגט צו אינטערווענירן בא נאצאלסטווא פאר געזעלשאפטליגע ענינים. פאר פריוואטע מענשן, האט ער זיך אויך ניט אנטזאגט צו אינטערווענירן, נאר דאן ווען א צווייטן פריוואטן האט דאס ניט געשאדעט. אין זיין קלויז, דוכט מיר, האט ער א גאנץ יאר ניט באזוכט אחוץ ראש השנה און יום כיפור און פיליכט ווען ער האט געהאט יארצייט. נפתלי סאלץ'ס קינדער האבן אלע שטודירט. זיינער א זון איז געווען אדוואקאט אין לידא. ער איז געווען זייער אינטעליגענט און א גוטער אין כאראקטער. מען האט אים זייער געשעצט אין לידא. ער איז יונג געשטארבן פון א אפעראציע אויף די בלינדע קישקע אלס קאוואליער.

אייניגע ווערטער וועגן די צוויי פאמיליעס: אילוטאוויטש און פופקא וועלכע זיינען געווען אין לידא די צוויי גרעסטע משפחות, מעגלעך נאך פון 17 יארהונדערט, וועלכע זיינען געווען א מין צוויי חמולות, אזוי ווי בא די מזרח אידן, וועלכע האבן באהערשט די שטאט לידא. אפילו אין 19-יארהונדערט פלעגט מען זאגן אז די אידישע באפעלקערונג אין לידא באשטייט פון פופקעס און אילוטאוויטשעס, און ווירקלעך איז טאקע אזוי געווען. זעלבסטפארשטענדלעך אז אין פארלויף פון יארן האבן זיך א סך פוןביידע פאמיליעס צעפארן איבער דער וועלט. און אז מען טרעפט אין דער וועלט מענשן פון די צוויי פאמיליען-נעמען, זיינען זיי געוויס פון לידא. עס זיינען געווען פון דען אין לידא נאך אנדערע פאמיליען-נעמען: זיינען דאס געווען אריינגעפארענע פון אנדערע שטעט אדער איידעמס וואס מען האט גענומען פאר די טעכטער פון אנדערע שטעט.

אין לידא איז געווען פיל פאמיליען-נעמען ווי: לאנדא, קאמינעצקי, ציגעלניצקי און אנדערע נעמען. דאס זיינען אבער געווען ניט קיין געבארענע פון דורות ווי די פאמיליעס אילוטאוויטש און פופקא. נאך אין 18 יארהונדערט זיינען אריינגעפארן אין לידא פאמיליעס פון אנדערע שטעט און שטעטלעך צוליב פרנסה, ווייל לידא האט געהאט א נאמען פאר א פרנסה שטאט. די פיל וועלדער וואס זיינען געווען ארום לידא האט צוגעצויגן וואלד סוחרים וועלכע האבן זיך באזעצט אין לידא אויף שטענדיק. אויך די באן ליניעס ווי די "פאלעסקע" וועלכע איז געבויט געווארן אין 18-יארהונדערט און די ליניע באלאגאיע-שעדלעץ וועלכע האט זיך געבויט אין 1904 איז דאן לידא געווארן א קנופ ליניע. דאס אלעס האט געצויגן מענשן צו באזעצן זיך אין לידא. ווער רעדט אין די צייט פון דער פוילישער הערשאפט, ד.ה. פון 1920 ביז 1939, האט זיך לידא שטארק אנטוויקלט אין האנדל און אין פאבריקאציע. דאס אלעס האט פארגרעסערט די אידישע באפעלקערונג אין לידא מיט נאך אנדערע פאמיליען-נעמען.

*

די עלטערע איינוואוינער פון לידא האבן געוויס געהערט פון דער פאמיליע חאנטשיק. דער פאמילען-נאמען איז געווען פופקא. דעם ערשטן פון דער שלשלת חאנטשיק האט מען געוויס גערופן חנן, נאר יונגערהייט האט מען אים פארצויגן אויף "חאנטשיק". און דער נאמען איז שוין פארבליבן אויף די קומענדע דורות. אז מען האט געוואלט וויסן פון וועמען ער שטאמט, האט מען געזאגט ער שטאמט פון די חאנטשיקס. דער ערשטער חאנטשיק, ווי עס ווייזט, איז געווען א גרויסער דעה זאגער אין שטאטישע אנגעלעגענהייטן. איינער א חאנטשיק האט איבערגעלאזט זין און טעכטער, זעלבסטפארשטענדלעך, זיינען די זין אויך געווען דעה-זאגערס אין לידא.

דער פאטער פון דעם שרייבער פון די שורות האט אויך געשטאמט פון די חאנטשיקס. דאס איז געווען ירמיהו אילוטאוויטש, נאר פון א טאכטער וועלכע האט חתונה געהאט פאר א אילוטאוויטש. האט ער דערציילט א פאקט פון זייער הערשאפט אין לידא. די געשיכטע איז פאלגענדע: אז ער, ירמיהו אילוטאוויטש, איז געווען נאך גאר א יונגער בחורל, איז ער אין א ווינטערדיגן שפעטן אוונט ארויס פון בית המדרש. אגב איז נאך דאן געווען די עפאכע פון כאפן קינדער פאר סאלדאטן, זיינען צוגעלאפן צו אים כאפערס און האבן אים פארהאלטן. איז צוגעגאנגען צו אים דער עלטסטער כאפער און האט מיט זיין לאמטערן א לייכט געטאן צו אים אין פנים און האט אויסגערופן: "לאזט אים אפ, ער איז פון די חאנטשיקס".

דעם לעצטן חאנטשיק, וועלכער איז נאך אויך געווען א דעה-זאגער אין לידא, האב איך נאך אלס קליינער יינגל אים געקענט, מען האט אים גערופן ניט מיט זיין פאמיליען-נאמען מאשע פופקא, נאר מאשע חאנטשיקס. ער איז שוין דאן געווען א זקן און איז אין געכן געשטארבן.

נאך פאר דער גרויסער שריפה, געדענק איך די גרויסע הילצערנע געביידע אויפן ווינקל פון קרומע און קאמינקע גאסן. עס איז בא אים געווען א האטעל פאר פריצים און א אכסניה פאר אידישע געסט, מיט א גרויסן שטאל פאר פורן. נאך דער גרויסער שריפה, האט דער עלטסטער זון וואלף פופקא אויסגעמויערט אויף דעם פלאץ פון דער געוועזענער הילצערנער געביידע א צוויי שטאקיק ווינקל הויז אין וועלכן עס איז געווען דער האטעל פעטערבורג און סאוויצקעס רעסטאראן. נאך וואלף'ס טויט, איז די הויז איבערגעגאנגען צו זיין ברודער חנן פופקא דעם עקספעדיטאר. וואלף פופקא האט געהאט א זון אן אדוואקאט וועלכער האט געוווינט אין פעטערבורג, פילייכט לעבט ער נאך, און א טאכטער, וועלכע האט חתונה געהאט אין סלאנים און איז געוויס אומגעקומען מיט איר פאמיליע בא הילטערן ימ"ש.

חנן פופקא האט געהאט צוויי זין: מישע און צאלעל. צאלעל איז געשטארבן גאר א יונגער, און מישע מיט זיין פרוי און פאטער און מוטער זיינען אומגעקומען בא הילטערן ימ"ש און פון דער גרויסער הויז איז קיין זכר ניט פארבליבן, אזוי ווי פון דער גאנצער אידישער שטאט לידא און פון דער אידישער באפעלקערונג פון לידא. עס זיינען פארבליבן ווי דער נביא האט געזאגט: "אחד מעיר ושנים ממשפחה".

מען דארף באמערקן אז אין לידא איז ניט געווען די טיפן קהל'ס לייט וואס מען האט וועגן זיי אנגעשריבן א גאנצע ליטעראטור ווי צ.ב. מאפו, פרץ סמאלענסקין, מענדעלע און נאך אנדערע שרייבער פון יענע צייט. אין לידא האבן זיך די קליינע צאל קהל'ס לייט קאנצענטרירט ארום די פלייש קאראבקע, פון וועלכע מען האט אויסגעהאלטן דעם רב, דיינים, שוחטים. א חזן האט זיך אין לידא ניט איינגעהאלטן ווייל פאר א חזן איז שוין פון די פלייש קאראבקע ניט געווען צו צאלן און פון אנדערע קוועלן איז ניט געווען פון וואנען צו נעמען. גערענק איך אז חזן פאטשימאק פלעגט יעדן שבת דאוונען אין א אנדער בית המדרש, בית כנסת און קלויז, און יעדעס בית תפילה פלעגט אים באצאלן פארן דאוונען. און פארן כאר, פלעגט דער באס[?] זיידל גיין מיט א פושקע יעדן פרייטאג איבערן שטאט קלייבן געלט, און וואס עס פלעגט דעם חזן פאטשימאק פעלן צום לעבן, פלעגט דער רייכער שווער זיינער דערלייגן, וועלכער איז געווען א לעדער פאבריקאנט אין שטעטל סקידל. אזוי האט מען געזאגט אין לידא, און אזוי האט זיך געמאטערט חזן פאטשימאק מיט זיינע חזנות אין לידא, בערך צוויי יאר צייט. און געמאטערט האט ער זיך צוליב דעם נאמען "לידער שטאט חזן", און מיט דעם נאמען איז ער געפארן קיין ווארשע און איז דארט געווען חזן אין א גרויסע שול.

עס זיינען אמאל געווען אין לידא צוויי בארימטע חזנים. איינעם האט מען גערופן נח לידער, און דעם צווייטן חזן מאיר לידער, נאר זיי האבן זיך אין לידא ניט איינגעהאלטן. ווי נאר זיי האבן באקומען דעם נאמען "דער בארימטער לידער חזן" זיינען זיי מיט די נעמען אוועקגעפארן קיין אמעריקע, און אמעריקע שלינגט איין אלע בארימטע חזנים.

נאך חזן פאטשימאק, איז געווען א חזן אין לידא מיטן נאמען **אפענדעג**. ער איז געווען א פיינער זינגער און חזן, אבער ער איז לאנג ניט געווען אין לידא. ווי נאר ער האט באקומען דעם נאמען "לידער חזן", האט מען אים אויסגעכאפט קיין ענגלאנד. עס זיינען געווען אין לידא נאך צוויי חזנים: **ראבינאוויטש** און **ווייןהויז**, און זיי האבן זיך אויך לאנג ניט געהאלטן און מיט די נעמען "לידער חזן" זיינען זיי אוועקגעפארן קיין אמעריקע.

אגב, דעם חזן'ס ווייןהויז א טאכטער, וועלכע איז געווען פארהייראטעט מיט בערדאווסקין פון האטעל "דאגמארא", איז געווען ארויסגעפירט מיט אונז צוזאמען פון לידא קיין סיביר און מיר זיינען דארט געווען אין איין שטאט. זי איז געווען ארויסגעפירט מיט אירס א אינגל, און נאכן קריג קומענדיג צוריק קיין פוילן, איז זי מיטן אינגל אוועקגעפארן דורך דייטשלאנד קיין אמעריקע צו איר פאטער דעם חזן ווייןהויז. וואס מיט איר מאן בערדאווסקי איז געווארן ווייס איך ניט. מיט אייןווארט: אין לידא איז געגאנגען א ווערטל: אז אויף לידער בית עלמין זיינען ניט קיין חזנים. חזן פאטשימאק מיט זיין פאמיליע זיינען אין ווארשע אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש, נאר איך האב געהערט אז זיינער א זון איז געבליבן לעבן.

עס איז געווען אין לידא באמת א פיינער איד און תלמיד חכם, דאס איז געווען ר' יצחק שפירא. ער האט געשטאמט פון בריסקער רבנישן יחוס. (אגב, משה חיים שפירא, דער אינערן מיניסטער פון מדינת ישראל איז געווען זיינער א נאענטער קרוב.) ער האט געהאט אין לידא אויף קרומע גאס א סקלאד פון וויצן מעל, און אויך א פארשטייערשאפט פון א גרויסע נאפט פירמע וועלכע האט געהאט א רעזערוואואר בא די באן ליניע אין לידא. (אגב, איך, דער שרייבער פון די שורות—אילוטאוויטש יעקב—בין געווען א געוויסע צייט, פון איין אוסטרוצקע צום מיליטער ביז צו די צווייטע, דער בוכהאלטער פון דעם פארקויף פון די נאפט.) ר' יצחק שפירא איז געווען מערער א יושב בית. פיל מאל אז איך פלעג אריין צו אים אין וואוינונג, פלעג איך אים געפינען זיצענדיג בא א גמרא אדער בא א ספר. די געשעפטן האט געפירט זיין צווייטע פרוי מיטן נאמען רישע. זי איז געווען זייער א קלוגע און טיכטיגע פרוי. זי האט אויך געשטאמט פון רבנישן יחוס. אגב, זי איז געווען פון די איינציגע פרויען אין לידא וואס האבן גערויכערט.

*

א אינטעליגענטע, העבראעאישע פאמיליע איז געווען אין לידא, דער העבראעישער לערער עזרא אלטשולער. ער האט געהאט צוויי טעכטער וועלכע האבן געגעבן לעקציעס אין עברית. בא אים אין הויז האט מען גערעדט עברית.

באמערקונג: לידא האט בכלל ניט ארויסגעגעבן פון זיך קיין גרויסע וויכטיגע מענשן, ווי צום ביישפיל: שרייבער, דיכטער, פילאזאפן, רבנים, חזנים א.א. ווייטער, אחוץ הרב יצחק יעקב ריינעס ז"ל, וועלכער איז ווירקלעך געווען א רב, א וועלט גאון און א גרויסער חובב ציון, דער גרינדער פון "מזרחי" און פון לידער ישיבה, וועלכע האט געטראגן זיין נאמען. די ישיבה אין לידא האט עקזיסטירט ביז 1914. הרב יצחק יעקב ריינעס איז געשטארבן אין לידא אין יאר 1915.

הרב י.י. ריינעס ז"ל האט געהאט צוויי זין און א טאכטער. דער עלטערער זון פון הרב י.י. ריינעס ז"ל, ר' אברהם ריינעס ז"ל, איז געווען א איידעם פון א זייער רייכן מאסקווער סוחר, וועלכער האט אים פיל יארן געשטיצט מיט פרנסה. און הרב ריינעס ז"ל, דער פאטער, האט אים באשטימט פאר א דיין אין לידא, ניט פרעגנדיג בא די בעלי בתים. זיינען טאקע די בעלי בתים ניט געווען צופרידן, און אזוי ווי דער משכורת פון א דיין אין לידא איז געווען זייער א קליינע, האט אים דעריבער דער רייכער שווער געשטיצט. נאר נאך פיל יארן האט ר' אברהם ריינעס באקומען א רבנות שטעלע אין ענגלאנד, איז דאס אויך מיטן כח פון טאטן ר' יצחק יעקב ריינעס ז"ל וועלכער איז געפארן אין ענגלאנד, און אין די שטאט, אין וועלכע מען האט דעם זון ריינעס געזאלט נעמען פאר א רב, האט דער טאטע הרב ריינעס ז"ל, מיט זיין גוואלדיגן רעדנער קראפט און מיט זיין וועלט נאמען, געווירקט אויף די שטאט און מען האט ר' אברהם'ן גענומען פאר א רב אין וועלכע ער איז דארט געווען אלס רב פיל יארן.

הרב ר' אברהם ריינעס האט געהאט, לויט ווי איך געדענק, דריי טעכטער. די מיטעלע טאכטער האט חתונה געהאט אין לאדז פאר א זון פון א טעקסטיל פאבריקאנט'ס. די דריטע מיט נאמען ריינא, האט חתונה געהאט פאר א בחור פון הרב ריינעס ישיבה וועלכער איז דערנאך געווען רב אין מאסקווע פאר די באלשעוויסטישע צייטן, און זיינען שויןביידע געשטארבן. די עלטסטע טאכטער, איז מעגלעך אז זי האט חתונה געהאט אין ענגלאנד.

הרב ר' אברהם ריינעס ז"ל איז מיט עטליכע יאר צוריק געקומען קיין ישראל אין עלטער פון איינגע און אכציק יאר אליין. ווי עס ווייזט, איז זיין פרוי שוין פריער געשטארבן אין ענגלאנד, און אפזייענדיג אין ישראל א פאר יאר, איז ער געשטארבן.

דער צווייטער זון פון הרב יצחק יעקב ריינעס ז"ל, מיטן נאמען משה, איז אחוץ דעם וואס ער איז געווען א תלמיד חכם, איז ער אויך געווען א באגאבטער העברעאישער שרייבער און דיכטער. ער איז געשטארבן אין לידא אלס יונגער מענש, בערך פאר דרייסיג יאר אלס רווק.

הרב יצחק יעקב ריינעס ז"ל האט שטארק געקלאגט נאך אים. הרב י.י. ריינעס ז"ל האט אנגעשריבן א ספר אין אנדענק פון זיין זון משה אונטערן נאמען "נד של דמעות".

די טאכטער פון הרב יצחק יעקב ריינעס ז"ל, האט חתונה געהאט פאר א ישיבה בחור מיטן נאמען אהרן רבינאוויטש, וועלכן הרב ריינעס ז"ל האט אים באשטימט פאר א דיין אין לידא. פאר דער באשטימונג זיינען די בעלי בתים פון לידא אויך ניט געווען צופרידן, נאר פון דען, איז ער געווען דיין מיט א משכורת. נאך הרב ריינעסעס טויט איז הרב אהרן רבינאוויטש געווארן רב פון לידא, אויך מיט אומצופרידנקייט פון א סך בעלי בתים מיטן מאטיוו וואס נאך דעם גרויסן גאון הרב יצחק יעקב ריינעס ז"ל איז הרב אהרן רבינאוויטש ניט ראוי צו פארנעמען דעם כסא הרבנות אין לידא, נאר פון דען איז ער פארבליבן רב אין לידא.

ר' אהרן רבינאוויטש האט געהאט צוויי טעכטער און א זון. דער זון האט שטודירט אין מאסקווע אלס דאקטאר מעדיצין. די עלטערע טאכטער עלקע האט חתונה געהאט אויך פאר א ישיבה בחור, אביגדור ציפערשטיין. האט אים הרב אהרן רבינאוויטש אויך באשטימט פאר א דיין אין לידא. אין 1939 אז די סאוויעטן האבן פארנומען לידא און גאנץ ווייסרוסלאנד, איז זיין זון געקומען צו באזוך אויף א קורצע צייט און איז צוריקגעפארן. די עלטערע טאכטער פון ר' אהרן רבינאוויטש, עלקא, מיט איר מאן ציפערשטיין מיט א קינד זיינען אין 1940 אוועקגעפארן קיין ווילנע. און פון ווילנע דורך רוסלאנד קיין יאפאן, שאנכאי כינע. און זיי

האבן פארבראכט ביז איבער די קריג. נאך דער קריג איז די משפחת ציפערשטיין אוועקגעפארן קיין אמעריקע, ניו-יארק. און אין די ישיבה-אוניברסיטעט אויפן נאמען ר' יצחק אלחנן ז"ל, האט הרב ציפערשטיין געגעבן לעקציעס פון תלמוד פאר די ישיבה בחורים וואס לערנען צו זיין רבנים אין אמעריקע. הרב ציפערשטיין איז שוין געווען א פאר מאל אין ישראל. ער האט אין ישראל חתונה געמאכט א טאכטער פאר א יונגן מענשן אין פתח-תקוה. הרב אהרן רבינאוויטש מיט זיין פרוי און די צווייטע טאכטער זיינען אומגעקומען אין לידא בא הילטערן ימ"ש.

די לעצטע צוויי רבנים וואס האבן פארנומען דעם כסא הרבנות אין לידא פאר יצחק יעקב ריינעס ז"ל זיינען געווען ר' אלינקע און ר' מרדכי מעלצער ז"ל. האט מען אויף זיי געזאגט אז זיי זיינען געווען צדיקים, אבער ניט קיין וועלט בארימטע גאונים רבנים.

דער שרייבער פון די שורות, אלס געבוירענער אין לידא, האט געהערט זאגן אז עס איז געווען אין לידא א העברעאישער שרייבער מיטן נאמען גארדין אדער גארין. מעגלעך אז אזא העברעאישער שרייבער האט לידא ארויסגעגעבן, אבער ער האט גאר אין די יונגע יארן געווויס ארויסגעוואנדערט פון לידא.

פון די לידער רבנים וועלן מיר אריבערגיין שרייבן וועגן די לידער דיינים.

פאר מיין געדענקען און אין מיין צייט יארן (פון דעם שרייבער פון די שורות), זיינען געווען אין לידא 4 דיינים.

גאר דער עלטסטער דיין וועלכן איך געדענק ווען איך בין נאך געווען א חדר יינגל איז געווען ר' שלמה דיין. ער איז שוין דאן געווען א זקן, א גרייז-גראער. מען האט אויף אים געזאגט, אז ער איז א ייד א צדיק. מן הסתם האט ער אויך געקענט לערנען. אז ער איז געשטארבן האט מען אים איינגעארדנט א גרויסע לויה.

דער צווייטער דיין וועלכן איך האב געקענט אין מיינע יינגלשע יארן איז שוין דאן אויך געווען א אלטער מאן, בערך 75 יאר. האט מען אים גערופן ר' ירמיהו דיין. ער איז געווען א הויכער קרעפטיגער מאן, מיט ניט קיין גרויס גראע בארד. ער האט געלעבט מיט אייניגע יאר לייגגער פון ר' שלמה דיין.

דער דריטער דיין איז געווען ר' יוסף אליהו קאמענצקי. ער איז שוין אויך דאן געווען א אלטער מאן. א נידעריגער מיט א גרויסע גרייז-גראע בארד, ניט לויט זיין וואוקס. ער פלעגט גיין אלע טאג פינקטלעך צו הרב יצחק יעקב ריינעס אויסצוזיצן אין בית דין שטיבל אויסצופראווען דיינות. ער האט געקענט לערנען, נאר ער איז ניט געווען קיין בקי.

מען האט דערציילט וועגן דיין ר' יוסף אליהו, אז זעצנדיג אין בית דין שטיבל איז געקומען א אלטע פרוי מיט א געשאכטענע הון פרעגן א שאלה. האט זי זיך געווענדעט מיט די שאלה צו ר' אליהו. ער האט א קוק געגעבן אויף די הון און געפסקנט אז די הון איז טרף. האט די פרוי געקרעכצט. דער קרעכץ איז געווען ניט פון א רייכע פרוי, ווייל א רייכע פרוי גייט ניט פרעגן קיין שאלה. אז הרב ריינעס האט דערהערט דעם ארעמן קרעכץ, האט ער איר צוגערופן מט די הון און האט זי באטראכט און האט זיך אנגערופן צו ר' יוסף אליהו דיין, בזה הלשון: "ר' יוסף אליהו, גיט א קוק אויף די הון, זי איז דאך כשר". זעלבסטפארשטענדלעך, אז די פרוי איז אוועק אהיים מיט די הון א פריילעכע. זי האט מן הסתם געשאכטן די הון אויף שבת, אדער פיליכט פאר א קראנקן, און מיט אמאל מאכט איר ר' יוסף אליהו טרף. צו מאכן טרף איז גאנץ לייכט, מען דארף גיט לאנג טראכטן און אריינגריבלען זיך אין די דינים. אבער די גאונישע קאפ, דארף לאנג ניט טראכטן ווייל ער האט אלע דינים אין קאפ. ווען ר' יוסף אליהו דיין איז געשטארבן, געדענק איך ניט. מעגלעך ווען איך בין שוין ניט געווען אין לידא, נאר אין אדעס. אלענפאלס, איז ר' יוסף אליהו געשטארבן נאך דער ערשטע קריג.

דער פערטער דיין איז געווען דער פרוזשענער, ד.ה. ער האט געשטאמט פון דער שטעטל פרוזשען.

דער פּרוזשענער דיין האָט געהאַט אויף זיך אַ גאונישע קאָפּ. ער איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ תלמיד-חכם, אַ פּקח. דער פּרוזשענער דיין איז געשטאָרבן נאָך פאַר דער ערשטער קריג.

פאַר די רוסישע צייטן אין ווייס רוסלאַנד און ליטאַ, ד.ה. ביזן יאָר 1920, איז אַחוץ אַ רב מיט דיינים, האָט אויך געדאַרפט זיין אַ אָפיציעלער רב נאָך דער מאַכט. די תלמודישע בילדונג איז ניט געווען וויכטיג, נאָר אַלגעמיינע בילדונג האָט אַזאַ רב געמוזט האָבן.

אַזאַ רב האָט אין רוסיש געהייסן "קאַזיאַני ראַבין". און די אָפיציעלע רבנים האָט מען איבערהויבט גענומען פון דעם רבינער סעמינאַר וועלכער איז געווען אין יענע צייטן אין ווילנע. די אָפיציעלע מיסיע פון אָפיציעלן רב פאַר דער מאַכט איז געווען צו פירן די מעטריקע ביכער פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די שטעט און שטעטלעך, פון די געבוירענע קינדער און פון די געשטאָרבענע. און לויט די מעטריקע ביכער האָט דער אָפיציעלער רב געדאַרפט צושטעלן די אָפיציעלע מאַכט וויפל אידישע יונגע לייט עס דאַרפן זיך מעלדן צום מיליטער יעדעס יאָר. אַזאַ אָפיציעלער רב איז אין לידאַ געווען נאָך פון פאַר דער גרויסע שריפה. זיין פאַמיליען-נאָמען איז געווען קראַווניק. איך געדענק אים. ער איז געווען אַ נידעריגער מיט אַ קליין געשאָרן בערדל. ער איז טאַקע געווען אַ געענדיגטער פון ווילנער ראַבינער סעמינאַר. איך געדענק אים נאָך פון מיינע יינגלשע יאָרן. ער איז שוין דאַן געווען בערך 60 יאָר אַלט. ער איז געווען זייער רייך און זייער קאַרג. די רייכקייט האָט ער געמאַכט פון דער גרויסער שריפה. פאַר דער מאַכט האָט ער געזאָגט אַז די מעטריקע ביכער זיינען פאַרברענט געוואָרן. נאָר אין דער ווירקלעכקייט האָט ער די מעטריקע ביכער באַהאַלטן, און דערי־בער האָט ער געקענט מאַכן אַלערליי קאָמבינאַציעס, איבערהויבט פאַר די וואָס האָבן געדאַרפט זיך שטעלן צום מיליטער. און פון דעם האָט ער געמאַכט אַ גרויס פאַרמעגן. ער האָט אין לידאַ געוואוינט אַליין און געלעבט זייער קאַרג. זיין פאַמיליע האָט געוואוינט אין ווילנע. זיין פאַמיליע אין ווילנע האָט שוין גאָר ניט געלעבט קאַרג. זיין פרוי פלעגט קומען צו אים אָפט. זי פלעגט זיין אַנגעטאָן לויט די לעצטע מאָדע פון יענע צייט. זיינע אַלע קינדער האָבן שטודירט. ווען ער איז אַרויס אין פּענסיע, גענוי געדענק איך ניט, נאָר אַלענפאַלס פאַר דער ערשטער קריג.

אויף זיין אָרט איז געוואָרן "קאַזיאַני ראַבינער" אין לידאַ אַ לערער פון דער אידישער-רוסישער שול, אויך אַ געענדיקטער פון ווילנער ראַבינער סעמינאַר, מיטן פאַמיליען-נאָמען דובאַווסקי. זייער אַ אינטעליגענטער און איידעלער מענש.

פאַר די פּוילישע צייטן פון יאָר 1920 איז דער פּאָסטן פון קאַזיאַני ראַבינער אָפּגעשאַפט געוואָרן און די פירנוג פון די מעטריקע ביכער איז איבערגעגעבן געוואָרן פון דער פּוילישער מאַכט צו די דוכאַוונע [=רוחניותדיקע, ד.ה. עכטע] רבנים. נאָך דער גרויסער שריפה איז אַריינגעפאַרן קיין לידאַ פון שטעטל ראַדון אַ יונגער מאַן מיטן נאָמען בערל גאַרפינג מיט זיין פרוי דוואַשע, נאָר ער איז מערער געווען באַוואוסט אַלס בערל ראַדנער. ער האָט געקויפט אויפן מאַרק אַ פּלאַץ און האָט אויסגעבויט אַ געמויערט צוויי-שטאָקיג הויז אין וועלכעס ער האָט געעפנט אַ הורטגעשעפט פון ווייצן מעל, זאַלץ און הערינג. ער איז געווען אַ אינטעליגענטער מענש. ער האָט געקענט אַ פיינעם העברעאיש. מעגלעך אַז ער האָט אויך געקענט לערנען תלמוד ווייל ער דאַך געקומען פון דעם חפץ-חיים'ס שטעטל אין וועלכע עס איז געווען די ישיבה פון חפץ חיים.

די קינדער האָט ער געגעבן בילדונג. זיין פרוי, דוואַשע, האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט אים אין געשעפט, מעגלעך דערפאַר וואָס ער, בערל, איז געווען אַ שוואַכער מענש, מיר דוכט אַז ער איז געווען אַ לונגען ליידנדער. ער איז געשטאָרבן אין די בעסטע מיטעלע יאָרן. דוואַשע איז פאַרבליבן אַ אַלמנה מיט פיר קינדער, צוויי זין און צוויי טעכטער. די יינגערע טאָכטער האָט געהאַט די זעלבע קראַנקהייט וואָס דער פאָטער האָט געהאַט און איז געשטאָרבן אַלס יונגע מיידל. דוואַשע האָט ווייטער געפירט דאָס געשעפט און ערצויגן די קינדער. די עלטערע טאָכטער מיטן נאָמען חייעלע האָט געענדיגט גימנאַזיע און איז געווען אַ זייער אינטעליגענט מיידל. נאָר עס איז איר ניט געגאַנגען אין שידוכים און איז פאַרזעסן אַ מיידל ביז בערך נאָענט פון 40 יאָר. זי האָט געהייראַטעט מיט אַ אַלטן בחור, אויך אַריבער פערציק יאָר. ער האָט געהאַנדלט אַ ביסל מיט וואַלד, אַ ביסל מיט פּריצים און האָט געמאַכט אַ לעבן. זי האָט נאָך פון דעם געבוירן אַ שיין מיידעלע.

דער עלטערער זון פון בערי גארפינג האט געהייראטעט מיט א טאכטער פון מאטיע פופקא פון גאוויע. ער איז געווען א עקספעדיטאר אויפן באן און האט געמאכט א לעבן. ער איז אויך געווען א איידעלער יונגער מאן, און עס איז בא זיי געבארן געווארן א זון און מען האט אים א נאמען געגעבן בובע, געוויס נאכן זיידן בערל. דער בובע איז געוואקסן און האט געלערנט אין "תרבות" שולע, און אין "תרבות" שולע האט אויך געלערנט א שיין בלאנד מיידעלע מיטן נאמען ליובע, די טעכטערל פון יענקל ציגעלניצקי. איז צווישן דיביידע קינדער, ער 18 און זי 17 יאר, געווארן א ליבע און האבן חתונה געהאט ווי מען זינגט אין א לידל: ער 18, זי 17. די חתונה זייערע איז פארגעקומען בעת די סאוויעטן זיינען שוין, געווען אין לידא, און עס איז בא זיי געבארן געווארן א יינגעלע. אין יוני 1941 האט מען מיר מיט מיין פרוי ארויסגעפירט פון לידא קיין רוסלאנד, קיין סיביר. האב איך ניט געקענט וויסן וואס מיט זיי איז פארגעקומען.

נאך דער מלחמה, קומענדיג צוריק פון סיביר קיין פוילן אין ווראצלאוו, האבן מיר געטראפן בובען מיט ליובען מיטן קינד. האט זי, ליובע, אונז דערציילט ווי אזוי זיי זיינען לעבן געבליבן און וואס פאר א טראגעדיע עס איז דערביי פארגעקומען. די געשיכטע איז פאלגענדע: אז די דייטשן זיינען אריין אין לידא, האבן זיי געמאכט די געטא בא שעוואחאביצען אין די הייזער וואס האבן זיך געפונען אויפן צווייטן זייט באן ליניע, און אין די געטא האט מען אריינגעפירט די אידן פון שטאט לידא. בובע איז גלייך נאך דעם אוועק אין וואלד צו די פארטיזאנען. זי, ליובע, מיטן קינד זיינען פארבליבן אין געטא צוזאמען מיט אירע עלטערן. ווען עס איז פאגעקומען די גרויסע אקציע און מען האט געטיילט די מענשן אויף רעכטס און לינקס, זיינען אירע עלטערן אריין אין די זייט וואס דארף גיין צו די שחיטה, האט זי זיך געווארפן צו אירע עלטערן אום צו גיין צוזאמען מיט זיי צו די שחיטה, נאר א דייטשער זעלנער האט איר אפגעשלעפט פון די עלטערן. זי פלעגט זיך יעדעס מאל ווארפן צו זיי און דער זעלנער פלעגט איר יעדעס מאל אפשלעפן און צו לעצט. האט ער איר געהאלטן ביז וואנען מען האט אלעמען אוועקגעפירט צו די גריבער, וואס זיינען געווען פון פריער צוגעגרייט, און וועלכע די אידן האבן אויסגעגראבן. "איך גיב ניט איבער", האט געזאגט ליובע, "אפילו קיין טויזנט חלק פון דער טראגעדיע וואס איז דאן פארגעקומען". א קורצע צייט נאך דער גרויסער אקציע, איז פארגעקומען די צווייטע אקציע פון די פארבליבענע אידן אין געטא לידא, אום זיי ארויסצושיקן קיין טרעבלינקע, וועלכע מען האט אריינגעזעצט אין וואגאנען. דערציילט ליובע אז זי האט זיך געפונען מיטן קינד, ניט אין דעם וואגאן וואס דער זעלבער דייטשער זעלנער האט געדארפט זיין דער באגלייטער. האט דער זעלבער זעלנער איר אפגעזוכט און אריבערגענומען איר מיטן קינד אין זיין וואגאן. און אין אוונט אז עס איז געווארן פינסטער, האט ער איר מיטן קינד ארויסגענומען פון זיין וואגאן און ער האט איר געהייסן לויפן צום דארף, וואס האט זיך געפונען אויף דעם צווייטן זייט באן-ליניע. אין דארף איז זי אריין צו א באקאנטע קריסטן, וועלכע האט איר באהאלטן איבער נאכט. און גאנץ פרי האט די קריסטן איר אנגעטאן אין פויערישע קליידער מיט א צלם אויפן האלז (אגב איז זי א בלאנדע, האט זי אויסגעזען ווי א יונגע קריסטן), און האט איר צוגעפירט צום וואלד וואו בובע האט זיך געפונען. און אזוי זיינען זיי געווען אין וואלד ביז ענדע מלחמה. פון פוילן איז בובע מיט זיין פרוי ליובע און מיטן קינד אוועקגעפארן קיין ישראל און זיי וואוינען אין חיפה. די פארבליבענע גארפינג פאמיליע איז אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

עס איז געווען אין לידא א הורט סוחר פון מעל, זאלץ און הערינג מיטן נאמען אליהו קיוועלעוויטש. זיין געשעפט און וואוינונג איז געווען אין צעדוואנע געסל. קיין תלמיד חכם איז ער ניט געווען, קיין משכיל אויך ניט. אין פאמיליען לעבן האט ער זיך געפירט אויפן שטייגער פון פעאדאלן סטראי, למשל: אין עס צימער האט זיך קיינער ניט געטארט זעצן אויף זיין פלאץ אין פאטעל. האט געטראפן אז דער שרייבער פון די שורות (מיר זיינען געווען שכנים) האט זיך יא געזעצט אין זיין פאטעל, האט מיר זיין צווייטע פרוי פאיע געבעטן, מיט א שמייכל, ניט צו זיצן אויף דעם פלאץ און האט מיר צוגעטראגן א צווייטן שטול. ער, אליהו קיוועלעוויטש האט געהאט פון דער ערשטער פרוי א טאכטער חנה און צווי זין. דער עלטערער זון האט חתונה געהאט מיט זיין א קוזינע פון שטעטל ליובץ מיטן נאמען בערטע און עס איז בא זיי געבוירן געווארן א זון מיטן נאמען מאקס, וועלכן זיי האבן צו צוועלף יאר אוועקגעשיקט קיין ישראל לערנען אין אגראנאם שולע מקוה ישראל. ער האט די שולע ניט געענדיגט, נאר ער געפינט זיך אין ישראל.

קיוועלעוויץ, דער מאן פון בערטע איז יונג געשטארבן, און בערטע איז געבליבן א יונגע אלמנה. דער צווייטער זון פון אליהו קיוועלעוויץ, חיים, איז געווען א קאוואליר. חנה, די טאכטער פון אליהו קיוועלעוויטש האט חתונה געהאט מיט א סלאנימער יונגנמאן מיטן נאמען וויניאצקי, און ער האט אין לידא געעפנט א שוך געשעפט וועלכער האט פראספערירט. די פאמיליע וויניאצקי האט געהאט א זון מיט א טאכטער. פאר דער צווייטער קריג האבן זיי דעם זון אוועקגעשיקט קיין אמעריקע צו רייכע קרובים, נאר אז די מלחמה האט אויסגעבראכן האט די אמעריקענער מאכט אים מאבליזירט אלס פוילישער בירגער אין אמעריקענער מיליטער און אין די צייט פון קריג איז ער געפאלן אין קריג. די פאמיליע וויניאצקי איז אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

אליהו קיוויליעוויטש האט מיט די צווייטע פרוי פאיע אויך געהאט א זון גרוינם און א טאכטער שולמית. גרוינם האט שטודירט און איז געווארן א ארצט [=דאקטער]. און אין דער צייט פון היטלערן איז ער געווען אין וואלד בא די פארטיזאנען אלס ארצט, און נאך דער קריג איז ער אוועקגעפארן קיין אמעריקע. ער געפינט זיך אין ניו-יארק. שולמית איז אויך געבליבן לעבן און איז אויך אוועקגעפארן קיין אמעריקע, און זי האט חתונה געהאט מיט ליאצקען, וועלכער איז אויך געווען אין וואלד אלס פארטיזאן און נאכער איז ער אוועקגעפארן קיין אמעריקע, און חתונה געהאט מיט שולמית און געפינען זיך אויך אין ניו-יארק. ווען דער שרייבער פון די שורות איז געווען אין ניו-יארק, האט ער זיך מיט זיי אלעמען געזען.

אליהו קיוועלעוויטש האט געהאט נאך א טאכטער פון דער ערשטער ווייב מיטן נאמען ליובטשע, וועלכע האט נאך פאר דער צוויטער קריג חתונה געהאט אין ריגא. מעגלעך אז זי איז אומגעקומען בא היטלערן. די צווייטע פרוי פון אליהו קיוועלעוויטש, פאיע, און אויך חיים זיינען אומגעקומען בא היטלערן.

אויף קרומע גאס איז געווען א הורטאווער באקאליי און קאלאניאל סוחר מיטן נאמען ר' נטע שעלובסקי. ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס, א ברייט פלייציגער, מיט א פירקאנטיג טונקל בלאנד בארד, מיט א שטארקע שרייענדיגע שטימע. און צוליב די שטימע זיינע, האט ער שוין געמוזט זיין א בעל תפילה, דאוונען פארן עמוד שבת און יום טוב, האט ער געמוזט. דאס איז געווען זיין לעבן. ער איז געווען א שטענדיגער מתפלל און מתעסקים קלויז. נאר אזוי ווי ער האט געוואלט מזכה זיין מיט זיינע חזנות אויך אנדערע בתי מדרשים, האט ער געזוכט די געלעגענהייט זיי מהנה צו זיין מיט זיין זיסע שטימע. אז ר' נטע שעלובסקי פלעגט דאוונען פארן עמוד אין וועלכן עס איז בית כנסת אויפן שולהויף, האט מען זיין שטימע געהערט איבערן גאנצן שולהויף. ער איז אבער אויך געווען א געזעלשאפטלעכער עסקן. ער האט געגרינדעט די געזעלשאפט "משמרת חולים".

אין דער צייט ווען איך, דער שרייבער פון די שורות, האב געוואוינט אין אדעס, איז ר' נטע שעלובסקי געקומען קיין אדעס איינקויפן קאלאניאל סחורה. און אז מען איז אין אדעס, ווי גייט מען ניט אריין אלס חזן-בעל-תפלה, צום בארימטן אדעסער חזן פון יענער צייט וועלכער האט געהייסן פיניע מינקאווסקי און לאזן הערן זיין שטימע, און פיניע מינקאווסקי זאל זאגן זיין מיינונג וועגן זיין שטימע? וועגן דעם מיינונג וואס חזן פיניע מינקאווסקי האט אים געזאגט, האט ער מיר ניט דערציילט, און איך האב ניט געפרעגט. ער האט נאר מיר געזאגט אז ער איז געווען בא פיניע מינקאווסקי מיט א וויזיט, און דאס איז דאך א זעלבסטפארשטענדלעכע זאך אז א חזן קומט אין א צווייטע שטאט געפינט ער פאר זיין פליכט אפצושטאטן א באזוך בא דעם שטאטישן חזן און כאפן א שמועס וועגן חזנות, פונקט ווי א רב אז ער קומט אין א צווייטע שטאט געפינט ער פאר זיין פליכט אריינצוגיין צום שטאטישן רב אום צום כאפן א תלמודישן שמועס.

נאך דעם באזוך בא פיניע מינקאווסקי, האט ר' נטע אויך געוואלט מאכן א באזוך בא מענדעלע מוכר ספרים וועלכער האט נאך דאן געלעבט. צו דעם באזוך, האט ער מיר שוין געבעטן איך זאל מיט אים גיין. איך בין מיט אים געגאנגען, נאר דער באזוך איז געווען זייער א קורצער, ווייל אזעלכע באזוכער האט מענדעלע געהאט יעדן טאג א היפש ביסל.

ר' נטע שעלובסקי האט געהאט דריי זין און א טאכטער. דער עלטסטער זון אלי-משה האט חתונה געהאט אין לידא און האט געהאט א מעבל געשעפט. אין בילדונג איז ער געווען א באגרעניצטער. דער צווייטער זון

איז געווען ישראל-אהרן שעלובסקי, וועלכער איז געווען א אינטעליגענטער יונגערמאן, א משכיל, א העברעער, א איבערגעגעבענער ציוני כללי. ער איז איין מאל געווען אויסגעקליבן אלס דעליגאט פון לידא צו א ציוניסטישן קאנגרעס וועלכער איז פארגעקומען אין ווין. אין 1935 איז ישראל-אהרן שעלובסקי מיט זיין פרוי צפורה און דריי קינדער אינגלעך עולה געווען קיין ארץ-ישראל און האט זיך באזעצט אין אין תל-אביב און האט באקומען א פאסטן אין "קרן קימת לישראל". ער איז אין די בעסטע מיטעלע יארן געשטארבן פון א בלוט אויסגוס אין קאפ.

דער דריטער זון פון ר' נטע שעלובסקי איז יונגערהייט אוועקגעפארן קיין אמעריקע און די משפחה האט פון אים גאר ניט געהערט ביז היינטיגס טאג.

די טאכטער פון ר' נטע שעלובסקי איז געווען די יונגסטע מיטן נאמען הינדע, וועלכע איז אומגעקומען בא היטלערן. אויך דער עלטערער זון פון ר' נטע, איז אומגעקומען מיט זיין פרוי בא היטלערן. ר' נטע שעלובסקי מיט זיין פרוי עטל, זיינען געשטארבן נאך פאר היטלערן.

*

עס איז געווען אויף קרומע גאס א הורט מעל געשעפט. דער איינהאבער האט געהייסן "שפירקא" (שפירא). פארוואס האט מען אים גערופן שפירקא און ניט שפירא, פשוט אום צו אונטערשידן צווישן אים און צווישן ר' יצחק שפירא. שפירקא איז געווען ניט קיין לידער, נאר א געקומענער פון ערגעץ וואו. ער איז געווען א אלטער בחור און האט חתונה געהאט מיט סאניע דעם סטאליערס עלטסטע טאכטער. זי איז שוין אויך געווען אין די הויכע יארן. לויט ווי מען האט געזאגט אין שטאט איז זי געווען נאענט פון 40, און אזוי ווי אין לידא האט זיך ניט געפונען פאר איר א זיווג, האט זי מיט אים חתונה געהאט. זי האט פון אים געבוירן א פאר קינדער אויף די עלטערע יארן. מען דארף צוגעבן אז זי איז געווען א קלוגע און טיכטיגע פרוי. דעם מעל געשעפט האט זי געפירט, ווייל ער איז שטענדיג ארומגעפארן און געמאכט געשעפטן. שפירקא מיט זיין פרוי און קינדער זיינען אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

*

אויפן מארק איז געווען עטלעכע רייען איינצל קראמען פון אלערליי סחורות. דער הויפט פדיון איז געווען פון די פויערים, וואס פלעגן ברענגען זייערע פראדוקטן אויפן מארק צו פארקויפן, און פאר די אפגעלייזטע געלט האבן זיי געקויפט אין די קראמען די סחורה וואס זיי האבן געדארפט צו האבן און אויך צו מאכן דער פויער מיט זיין ווייב א בראנפן כוסה. די קרעמער פון מארק זיינען געווען טיפן ניט צו באשרייבן, אחוץ אייניגע, טיפן קרעמער אויסערסטע, וועלכע איז ווערט צו באשרייבן.

עס איז צום ביישפיל געווען אויפן מארק א מעל קרעמער, האט מען אים גערופן "יאסיע גוי". דעם צונאמען האט ער געוויס באקומען דערפאר וואס ער איז געווען א פראסטער מגושמדיגער איד, א געוועזענער דארפסמאן. ער האט קוים געקענט דאווענען [...].

און אויף קרומע גאס איז געווען א בעל הבית, האט מען אים גערופן איטשע כאלערניק. און דער כאלערניק מיטן גוי האבן געהאט א מחותן וואס האט געהייסן יודל.[2] האט זיין עלטסטער זון חתונה געהאט מיט די טאכטער פון איטשע כאלערניק און דער צווייטער זון האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון יאסיע גוי. פלעגט זיך יודל וויצלען און זאגן: "איך האב צוויי מחותנים א כאלערניק מיט א גוי, אז די כאלערע וועט צונעמען דעם גוי, וועל איך פוןביידן פטור ווערן". יאסיע האט געהאט א זון איז ער געווען א געבילדעטער און א איידעלער מענטש.

*

[2] [די נעמען פן די מענשן דא זיינען געביטן געווארן.]

צווישן די אייזן קראמען איז געווען א אייזן-קרעמער מיטן נאמען ר' מרדכי גרשון לעווין. דעם פאמיליען-נאמען האט מען בא אים ניט באנוצט. מרדכי גרשון אייזן-קרעמער איז געווען גענוג צו וויסן ווער דאס איז. ניט קיין תלמיד חכם, נאר א קוידענאווער חסיד און א ארנטלעכער איד. א זון זיינער האט געוואוינט אין ווארשע. ער האט אויך געהאט, דוכט מיר, צוויי טעכטער. די עלטערע טאכטער האט חתונה געהאט אין באראנאוויטש פאר אנארקונסקי. אירער א זון האט געענדיגט דאקטאר מעדיצין. ער געפינט זיך פון נאך דער צווייטער מלחמה מיט זיין פאמיליע אין ישראל און פראקטיצירט אלס דאקטאר. ר' מרדכי גרשון לעווין האט אויך א אייניקל אין ישראל מיטן נאמען סנאווסקי וועלכער איז שוין אין ישראל נאך פון פאר דער צווייטער קריג.

*

צווישן קרעמער אויפן מארק איז געווען א קרעמער מיטן נאמען ר' אייזיק קאמענעצקי. די סחורה וואס ער האט פארקויפט איז באשטאנען פון הייוון אויפן איינצל. דער פאטער פון ר' אייזיק קאמענעצקי האט מען גערופן ר' חנה-שאיע קאמענעצקי, וועלכן איך געדענק. בעת איך בין נאך געווען א יונגער בחורל, איז שוין חנן-שאיע געווען א אלטער, גרייז-גראער מאן. ר' אייזיק קאמענעצקי האט געהאט 2 זין און צוויי טעכטער. דער עלטסטער זון גרשון האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון ישראל יוסף'ס סאפאטניצקי מיטן נאמען פייגל. זי איז געווען א פיינע קלוגע און טיכטיגע פרוי. אלס פריילין איז זי געווען די גאנצע געשעפט פירערין בא ר' נטע שעלובסקי אין באקאליי געשעפט. נאך איר האכצייט [=חתונה] איז זי געווען די געשעפט פירערין און, דוכט מיר, אויך אלס שותפטע בא שמואל-דוד רובינאוויטש אין געשעפט פון פאפיר און שרייב מאטעריאלן. דערנאך איז זי געווארן די אייגענטימערין פון דעם געשעפט, און דער מאן אירער און אויך דער יונגסטער זון שלמה האבן געארבעט אין געשעפט. בא גרשון און פייגל קאמענעצקי זיינען געבארן געווארן דריי זין. דער עלטסטער מיטן נאמען חנה-שאיע, א נאמען נאך זיין עלטער זיידן, דער צווייטער בעביך, מן הסתם פון בעריל אדער ברוך, און דער דריטער שלמה. חנה-שאיע האט חתונה געהאט מיט מאזיענסקיס א טאכטער מיטן נאמען חנה און זיינען אוועקגעפארן קיין ארץ-ישראל, נאכער איז אוועקגעפארן בעביך, וועלכער איז אין ישראל געווארן א עורך-דין און דערנאך א שופט. דער דריטער שלמה איז פארבליבן מיט די עלטערן אין לידא און צוזאמען אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

דער דריטער זון פון ר' אייזיק קאמענעצקי האט געוואוינט אין לאדז. ער האט געארבעט אין די טעקסטיל בראנזשע. ער איז אויך מן הסתם אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש. די עלטסטע טאכטער פון ר' אייזיק קאמענעצקי האט חתונה געהאט פאר אירן א קוזין, אויך א קאמענצעצקי, אין אשמענע. ער איז געווען דער פארוואלטער אין סטרונאצעס הייוון פאבריק. זיי זענען אויך געוויס אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

די צווייטע טאכטער מאניע, פון ר' אייזיק קאמענעצקי, האט חתונה געהאט פאר דעם עלטערן זון פון ר' ירמיהו אילוטאוויטש מיטן נאמען יחזקאל. ער איז שוין נאך פאר זיין חתונה געווען פאבריקאנט אין ווארשע. אין 1915 אין דער צייט פון דער ערשטער קריג, איידער די דייטשן האבן פארנומען ווארשע, איז יחזקאל אילוטאוויטש מיט זיין פאמיליע ארויסגעפארן קיין מאסקווע וואו זיי זענען פארבליבן ביז היינטיגס טאג. ער גיט ניט פון זיך צו הערן. מן הסתם האט ער מורא זיך צו קאמוניקירן מיט אויסלאנד. ער האט אין די צווייטע וועלט קריג פארלארן זיין איינציגן זון, זייער א באגאבטער אינזשעניר געווען. ער האט נאך א טאכטער א אלמנה, אויך א אינזשעניר. זי האט איר מאן אויך פארלארן אין קריג און א אייניקל, א טאכטער פון זיין טאכטער די אלמנה.

דאס איז די געשיכטע פון א לידער פאמיליע פון דריי דורות.

א אויסגעצייכנטער קרעמער אויפן מארק איז געווען ירמיהו אילוטאוויטש. ער איז ווירקלעך געווען א תלמיד חכם. אלס יונגער בחור, האט ער גישמט אלס עילוי. ער איז אויך געווען זייער א קלוגער און ענערגישער מענש. בא אים האט מען אויך ווייניג באנוצט דעם פאמיליען-נאמען. עס איז געווען גענוג "ירמיהו דער קרעמער" אדער "ירמיהו וואס פארקויפט הייוון", האט מען געוואוסט ווער דאס איז.

הייוון איז בא אים געווען דאס הויפט ארטיקל. בא אים פלעגן קויפן אלע רבנים פון די ארומיקע שטעטלעך. דער הייוון פארקויפן בא די רבנים פון די קליינע שטעטלעך איז געווען זייער געהאלט. אנדערע רבנים האבן נאך אויך געהאט צוגאב צו די הייוון, אויך די ליכט, צום ליכטבענטשן . (דאס שרייב איך דרך אגב.) און אזוי ווי ירמיהו דער קרעמער האט פארמאגט א היפשע פאמיליע פון 8 קינדער, און קינדער דארפן עסן און אויך קליידונג, און מען דארף זיי אויך דערציען און ירמיהו האט געשטרעבט צו געבן די קינדער א גוטע ערציונג און אויך צו פירן א אנשטענדיג בעל-הבתיש הויז, האט די קראם מיט די הייון ניט געקענט געבן די פולע פרנסה, האט ער אויך געהאט א הורטאוון שפייכלער פון הערינג און זאלץ, בא בערל דווארעצקי אויפן הויף. בא דווארעצקין איז אויך געווען זיין וואוינונג, און אלץ אויף טאטנס דריטע קאטעגאריע, וואס האט אייגענטלעך געפאדערט צווייטע קאטעגאריע פאטענט. [...] ר' ירמיהו אילוטאוויטש איז געווען כל ימיו גבאי ראשון אין בית הכנסת הגדול, גבאי פון תלמוד תורה און מושב זקנים. ער איז אויך געווען א ראט מיטגליד אין לידער מאגיסטראט. אחוץ דעם וואס ער איז געווען א שטענדיגער אבאנירער פון דער צייטונג "הצפירה", פלעגט ער שטארק הנאה האבן פון סאקאלאווס פעליטאן "משבת לשבת".

ווי איך האב שוין דערמאנט, האט ירמיהו פארמאגט 4 זין און 4 טעכטער. די זין האט ער געשטרעבט צו געבן א תלמודישע ערציונג. דאס האט זיך אים טיילוויז איינגעגעבן מיט די עלטערע 2 זין. דער בכור יחזקאל איז געווען זייער א פעאיקער, האט ער אים געשיקט אין לאמזשער ישיבה, אין וועלכע ער האט פארבראכט דריי זמנים און קומענדיג פון לאמזשע, האט ער נאך געלערנט פאר זיך אין סאלץ'ס קלויז און גלייכצייטיג אויך וועלטלעכע לימודים מיט בוכהאלטעריע. נאך דעם באפרייען זיך פון מיליטער, איז ער אוועקגעפארן קיין ווארשע. פון אנפאנג האט ער געארבעט אין א פירמע. נאכער האט ער מיט נאך צוויי שותפים פון דער זעלבער פירמע זעלבסטשטענדיג געגרינדעט א פאבריק וועלכע האט זייער גוט פראספערירט. האט ער דערנאך חתונה געהאט פון לידא מיט אייזיק קאמענעצקיס א טאכטער.

ווי איך האב שוין דערמאנט, אין די ערשטע וועלט קריג אין 1915 איידער די דייטשן האבן פארנומען ווארשע, איז ער מיט זיין פאמיליע און אויך די שותפים מיט די פאבריק ארויסגעפארן קיין מאסקווע, ווייל זייער גאנצע קליענטור איז געווען אין רוסלאנד. און יחזקאל מיט זיין פאמיליע זיינען פארבליבן אין מאסקווע ביז היינטיגס טאג. שוין צוואנציג יאר ווי ער גיט ניט צו הערן פון אים און 50 יאר ווי די פאמיליע האט אים ניט געזען און ער די פאמיליע.

אין די צווייטע וועלט מלחמה האט ער פארלארן זיין איינציגן זון, וועלכער איז געווען א זייער באגאבטער אינזשעניר. זיין טאכטער, וועלכע איז אויך א אינזשעניר, האט אויך פארלארן איר מאן אין קריג. זי איז פארבליבן א אלמנה מיט א קינד, און זי וואוינט צוזאמען מיט די עלטערן.

דער צווייטער זון פון ירמיהו אילוטאוויטש מיטן נאמען יעקב האט ניט געהאט קיין גרויס חשק צו די גמרא. ער האט אויך געלערנט אין א קלענערע ישיבה בא דעם בארימטן גמרא מלמד ר' משה-בער, נאר אן ערפאלג, און נאך דעם האט ער זיך גענומען לערנען רוסיש, דייטש און בוכהאלטעריע, אום צו קענען ארויסגיין אין דער וועלט אום צו זוכן א תכלית.

ביזן באפרייען זיך פון מיליטער, האט ער געארבעט אין לידא אין אייניגע פירמעס אלס בוכהאלטער. באפרייענדיג זיך פון מיליטער, האט ער נאך געארבעט אין לידא דריי יאר צייט. און אין יאר 1908, האט ער זיך באזעצט אין אדעס, וואו ער האט געפירט א געשעפט, און דער געשעפט האט פארספערירט זייער גוט. אין יאר 1913 האט ער געהייראטעט מיט א אדעסער אינטעליגענטע, געבילדעטע און פעאיקע פיאניסטן און פון א אינטעליגענט בעל-הבתיש הויז מיט וועלכער ער האט אפגעלעבט 48 יאר גליקלעך. און אין יאר 1961 איז זי געשטארבן פון א שווערע קראנקהייט אויפן 71 יאר פון איר לעבן, און איז געקומען צו קבורה אין ישראל. אין יאר 1914 איז געבארן געווארן זייער זון לעאן.

אין יאר 1918, אז די באלשעוויקעס זיינען געקומען צו דער מאכט אין רוסלאנד און אויך אין אדעס, האבן זיי אים גרינדלעך ערליידיגט: דעם געשעפט קאנפיסקירט, און פון וואוינונג ארויסגעווארפן. איר יאר 1922 איז

ער מיט זיין פאמיליע צוריקגעקומען אין זיין געבורט שטאט לידא, וועלכע האט שוין געהערט צו פוילן. ארים וחוסר כל. נאר פון דען האט ער ניט פארלארן דעם מוט און ער האט זיך ווייטער ארויפגעארבעט.

*אין 1939, ווען די באלשעוויקעס האבן פארנומען צוריק פוילן, האבן זיי ווייס-רוסלאנד—וועלכע די פוילישע רעגירונג האט אנגערופן די קרעסן—אויך פארנומען און געוויינלעך אויך לידא.* האבן די באלשעוויקעס א צווייט מאל אים ערליידיגט, און אין יאר 1941 אין מאנאט יוני, צוויי טעג פאר דער קריג, האבן די באלשעוויקעס אים מיט זיין פרוי ארויסגעפירט קיין סיביר וואו זיי האבן איבערגעלעבט די פינף יאר צייט פון דער קריג. (וועגן די איבערלעבונגען אויף סיביר, וועט דער לעזער זען אין דעם ווייטערדיגן קאפיטל "סיביר").

אין מאנאט אפריל 1946 איז יעקב מיט זיין פרוי ע"ה צוריקגעפארן פון סיביר, און דורכפארנדיג די שטאט לידא, האט ער געזען דעם גרויסן חורבן פון לידא, אן עיר ואם בישראל.

צוריק קומענדיג פון רוסלאנד-סיביר קיין פוילן אין די שטאט ווראצלאוו (די געוועזענע דייטשע שטאט ברעסלאו), בין איך די ערשטע זאך געגאנגען זוכן צו עס איז שוין פילייכט פאראן א אלגעמיין ציוניסטישע ארגאניזאציע. האב איך צופעליג אנגעטראפן אויף א סימפאטישן יונגן מענשן, פרעג איך אים וועגן דעם וואס איך זוך. זאגט ער מיר אז מען רעדט וועגן גרינדן א אלגעמיין ציוניסטישע ארגאניזאציע. זאג איך צו אים, וואס הייסט מען טראכט, מען דארף טאן. האבן מיר ביידע געזען צונויפרופן אלע די וואס מיר האבן געקענט, און די וועמען מיר האבן צונויפגערופן האבן געבראכט זייערע באקאנטע און מען האט געגרינדעט א כלל ציונים ארגאניזאציע. די מערסטע מיטגלידער זיינען געווען גאליצאנער אידן, מערסטנס אינטעליגענטן און מיטן דאקטאר טיטל, נאר איך מיטן יונגן מענשן זיינען געווען אָנע [=אָן] דעם טיטל דאקטאר. אגב, דער יונגער מאן, זיין פאמיליע איז הירשפעלד. ער איז געווען א העברעאישער לערער, ער איז געווען אין ווראצלאוו מיט א אלטן פאטער וועלכער האט אויך געהאט דעם טיטל דאקטאר. איינער אזא דאקטאר איז טאקע געווען א מעדיקער. די הירשפעלדס, דער פאטער מיטן זון קומענדיג קיין ישראל, האבן זיך באזעצט אין רמת-גן און האבן געארבעט אין רמת-גן'ער מוניציפאליטעט. דער אלטער הירשפעלד איז מיט א קורצער צייט צוריק געשטארבן. די איבעריגע אלע מיטגלידער פון ווראצלאווער ציונים ארגאניזאציע, זיינען נאכער געקומען קיין ישראל.

איך קער זיך אום צו דעם שרייבער פון די שורות. אין ווראצלאוו האט מען אים אויסגעקליבן צו זיין א מיטגליד אין די אידישע קהילה אין ווראצלאוו. די קהילה איז אויך געווען נאר וואס ארגאניזירט. נאך דער קאנסטרואירונג בין איך געווארן דער וויצע-פרעזעס פון דער קהילה. מיין זון לעאן איז שוין דאן געווען אין אמעריקע דער מנהל כללי פון דער אמעריקענער ציוניסטישער ארגאניזאציע, האט ער מורא געהאט אז מען זאל ניט ארויסלאזן פון פוילן, ווייל פוילן איז שוין געווען א קאמוניסטיש לאנד, האט ער אונז געשריבן, מיר זאלן ארויספארן פון פוילן. איז אפזייענדיג אין פוילן 1½ יאר צייט, זיינען מיר אין ענדע 1947 ארויסגעפארן קיין פאריז.

אין פאריז האב איך אויך געארבעט אין דארטיגע אלגעמיין ציוניסטישע ארגאניזאציע און אין 1949 יאר, זיינען מיר פון פאריז געקומען קיין ישראל, און ביז היינטיגס טאג, שיקן זיי מיר זייער וועכענטלעכע צייטונג אין אידיש.

דער בן יחיד פון יעקב אילוטאוויטש, לעאן, וועלכער האט געענדיגט די "תרבות" גימנאזיע און נאכער דעם ווארשעווער אוניווערסיטעט אלס עורך-דין. אין דער זעלבער צייט איז ער, לעאן געווען איינער פון די גרינדער פון "הנוער הציוני" פון די אלגעמיינע ציוניסטן פון דער גרופע "עת לבנות" און גלייכצייטיג איז ער געווען דער מזכיר כללי פון די אלגעמיינע ציוניסטן "עת לבנות". אין 1939 אין דער צייט פון דער באמבארדירונג פון ווארשע דורך די הילטעריסטן, איז ער געקומען פון ווארשע קיין לידא, און זיין פאטער יעקב האט אים איבערגעשיקט קיין ווילנע, און פון ווילנע איז ער אוועקגעפארן מיטן "אינטוריסט" דורך רוסלאנד אין ווייטן מזרח, קיין יאפאן און פון יאפאן קיין שאנכאי (כינע), וואו ער איז פארבליבן איבער די וועלט מלחמה.

נאכן קריג, אין יאר 1946, איז ער אין שאנכיי אויסגעקליבן געווארן אלס דעלעגאט פון די שאנכייער אלגעמיינע ציוניסטן, צום 22 ציוניסטישן קאנגרעס, וועלכער איז פארגעקומען אין זשענעוו (שווייצאריע). אויף דעם זשענעווער 22 קאנגרעס, האבן אים ד"ר אבא הלל סילווער ז"ל און ד"ר ניומאן אנגאזשירט אלס מזכיר כללי פון דער אמעריקענער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע. עס איז אויך אונטער זיין אנפירונג, דער "בית ציוני אמריקה" און כפר סילבר ז"ל אין ישראל. און אין יאר 1964 אויף די ז.א.א. קאנפערענץ אין וואשינגטאן, איז ער אויסגעקליבן געווארן אלס עקזעקוטיוו דירעקטאר פון דער אלגעמיינער ציוניסטישער אמעריקענער ארגאניזאציע (ז.א.איי.).[3]

אויף די אינגערע 2 זין, האט שוין ירמיהו אילוטאוויטש ניט געוואלט פארלירן מיט זייער בילדונג, און נאכן לערנען אין חדר, האט ער זיי געשיקט לערנען אין די רוסיש-אידישע שול. דעם עלטערן פון די צוויי אינגערע זין מיטן נאמען גרוינם, אז ער האט דערגרייכט די צייט פון מיליטער דינסט, און ער האט ניט געהאט קיין גרויס חשק צו דינען דעם צאר ניקאליי, האט דער פאטער אים אוועקגעשיקט קיין אמעריקע צו די מוטערס א ברודער. ער האט זיין נעסט אויסגעבויט אין באסטאן. ער וועט שוין באלד האבן אוראייניקלעך. ער האט א גרויסן מעבל געשעפט און איז "אלרייט" ווי די אמעריקאנער זאגן.

דער פערטער זון פון ירמיהו אילוטאוויטש מיטן נאמען אידל האט אין לידא געענדיגט די "אויעזדנע אוטצילישטצע", דאס איז געווען א מין מיטל שולע און האט דערנאך געלערנט אויף פארמאצעווט, אבער נאכן פארענדיגן צו זיין א פארמאצעווט [=אפטייקער], האט ער זיך אין דעם פאך פארנומען א קורצע צייט, און דערנאך האט ער זיך פארנומען מיט האנדל. אים האט אפגעגליקט און ער איז געווארן זייער רייך אין ווארשע. בא די צווייטע וועלט מלחמה, האט ער אלס פארלארן און איז קוים מיטן לעבן ארויס פון ווארשע מיט זיין פרוי און טאכטער און זיינען געקומען קיין לידא. פון לידא קיין ווילנע, פון ווילנע איבער רוסלאנד קיין יאפאן און פון יאפאן קיין אויסטראליע און מאכט דארט קוים א לעבן.

די פיר טעכטער, האט ירמיהו געגעבן לערנען אין גימנאזיע. צוויי פון די טעכטער זיינען געווארן ציינדאקטוירים. איינע גאר די עלטערע האט אין רוסלאנד (מאסקווע) געענדיגט דאקטאר מעדיצין און די צווייטע האט חתונה געהאט אין ווארשע פאר א סוחר. די ענדע פון די טעכטער, דריי פון זיי, אחוץ די וואס איז אין מאסקווע, זיינען אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש מיט די מאנען און קינדער, און פון די וואס געפינט זיך אין מאסקווע איז שוין איבער צוואנציג יאר ווי זי גיט ניט פון זיך צו הערן.

דאס איז אויך די געשיכטע, טיילווייז טראגישע געשיכטע פון דריי דורות.

*

צווישן די געציילטע אלטע חובבי ציון, איז כדאי צו דערמאנען דעם עקספעדיטאר ר' שמואל קאמענעצקי ז"ל. ער איז געווען א אינטעליגענטער מענש, א גוטער העברעער און קצת תלמיד חכם. זיין פרוי האט געשטאמט פון די קאמענעצקיס פון גלאז געשעפט אין לידא. זיי האבן געהאט א זון וועלכער איז געווען א געבילדעטער און אינטעליגענטער יונגערמאן.

אויפן מארק איז געווען א קרעמער פון מעל און תבואה, א ליובאוויטשער חסיד מיטן נאמען ר' ישראל יוסף פאטניצקי. בא אים איז אויך דער פאמיליען נאמען געווען ניט וויכטיג. די פירמע איז געווען ישראל יוסף דער מעל קרעמער. ער פלעגט אויך אויפקויפן בא די פויערים וואס פלעגן ברענגען אויפן מארק זייערע תבואות צו פארקויפן. און ווי באוואוסט איז בא די פויערים ניט לייכט צו קויפן, ווייל דער פויער פלעגט פארלאנגען דאפעלטע פרייזן ווי עס האט געהאלן דער ווירקלעכער פרייז, אזוי אז מען פלעגט לאנג דארפן איינטענהן מיטן פויער אום צו קענען קומען צום ריכטיגן פרייז אום צו קענען בא אים קויפן, און דערצו האט ר' ישראל יוסף שלעכט גערעדט אפילו די פויערישע ווייס-רוסישע שפראך. ער האט געהאט צו ריידן מיט קריסטן א אייגענעם זשארגאן, א געמיש פון פוילישע, רוסישע און אפילו אידישע ווערטער, און די פויערים

---

(Z.O.A.) Zionist Organization of America[3]

און סתם קריסטן האבן אים פארשטאנען. און אז ר׳ ישראל יוסף האט זיך שטארק אנגערעדט מיטן פויער און איז געווארן מיד, פלעגט ער דעם פויער א זאג טאן, "שאבער ניע מענץ". דאס האט געהייסן אז דער פויער זאל אים ניט מאטערן, נאר אין אויסדרוק איז אויסגעקומען אז ער ישראל יוסף זאגט דעם פויער אז ער איז ניט קיין מענש. אז די חברה קרעמער האבן דעם ערשטן מאל געהערט דעם אויסדרוק, האבן זיי דעם אויסדרוק זייער פריילעך אויפגעכאפט און דער אויסדרוק איז באנוצט געווארן צווישן די קרעמער בא יעדע געלעגנהייט.

ר׳ ישראל יוסף האט פארמאגט 4 זין און 2 טעכטער. דריי זין מיט די נעמען נתן, מאיר און חיים און די אינגערע טאכטער יאכע זיינען אין די יונגע יארן זייערע אוועקגעפארן קיין אמעריקע. און א זון משה מיט די טאכטער פייגל האבן געוואוינט אין לידא. דער זון משה האט געארבעט צוזאמען מיטן פאטער אין מעל קראם. משה פלעגט אויך שרייבן אינטערעסאנטע פעליעטאנען אין אידיש וועלכע ער פלעגט זיי שיקן קיין אמעריקע, און ניו-יארקער אידישע צייטונגען פלעגן גערן דרוקן זיינע פעליטאנען. און ווען די אלגעמיינע ציוניסטישע ארגאניזאציע האט ארויסגעגעבן די וועכנטלעכע צייטונג מיטן נאמען "די לידער וואך", פלעגט ער אויך אריינגעבן אינטערסאנטע פעליטאנען.

אין יאר 1939 אז די סאוויעטן האבן פארנומען לידא, האבן זי ארעסטירט משה סאמאטניצקין, וואס עס איז געווען פאר אלעמען א רעטעניש. ער איז דאך ווייט געווען צו זיין א קאפיטאליסט, ניט קיין פאבריקאנט און אפילו ניט קיין גרויסער קרעמער, נאר גיי פרעג קושיות בא די באלשעוויקעס. דאס האבן יא געקענט וויסן די ארטיגע לידער קאמוניסטן, ווייל די אריינגעקומען סאוויעטישע מאכט האבן דאן קיינעם ניט געקענט אין לידא. מעגלעך אז ער האט וואס געשריבן אין זיינע פעליטאנען קעגן די סאוויעטן. משה׳ס פרוי מיטביידע טעכטער אסתר און קיילע און מיטן זון, האבן די סאוויעטן ארויסגעפירט קיין סיביר. איך, דער שרייבער פון די שורות—יעקב אילוטאוויטש, מיט זיין פרוי ליזה עה״ש, זיינען געווען צוזאמען מיט די סאפאטניצקיס אין די זעלבע שטאט אויף סיביר. דעם זון פון משה סאפאטניצקי, האבן די סאוויעטן מאבליזירט אלס פוילישער בירגער אין די רוסישע ארמיי און ער איז געפאלן אין קריג. משה׳ס פרוי דבורה מיט ביידע טעכטער זיינען נאכן קריג צוריקגעפארן קיין פוילן און פון פוילן קיין ישראל. די ביידע טעכטער אסתר און קיילע האבן ביידע חתונה געהאט און וואוינען אין חיפה. משה סאפאטניצקי איז געוויס אומגעקומען בא היטלערן, ווייל די רוסן האבן די ארעסטירטע איבערגעלאזן בשעת זייער אנטלויפן פון לידא.

ווי איך האב שוין אויבן דערמאנט, איז די עלטערע טאכטער פון ישראל יוסף סאפאטניצקי מיטן נאמען פייגל חתונה געהאט אין לידא מיט גרשון קאמענעצקי דעם זון פון אייזיק קאמענעצקי. פייגל מיט איר מאן גרשון און זון שלמה, זיינען אויך אומגעקומען בא היטלערן ימ״ש.

פון ר׳ ישראל יוסף׳ס דריי זין אין אמעריקע, איז איינער פון זיי מיטן נאמען מאיר געווען רייך [...]. נאך דער ערשטער וועלט קריג, איז ער געקומען קיין לידא און האט אפגעקויפט פאר די עלטערן און פאר פייגלען מיט אירע קינדער די גרויסע "דוקארס" צוויי שטאקיגע הויז מיט די הילצערנע געביידעס וואס האבן זיך געפונען אויפן הויף און האט באצאלט צען טויזנט דאלאר. [...] ער האט ניט חתונה געהאט. [...] ער איז געשטארבן אין עלטער פון אריבער זיבעציג יאר. ער האט פאר משה׳ס און פייגל׳ס קינדער איבערגעלאזן אין זיין צוואה גרעסערע סומעס געלט, נאר דעם גרעסטן טייל פון זיין פארמעגן האט ער איבערלאזן פאר אמעריקענער צדקה אנשטאלטן. [...] דאס איז אויך די געשיכטע פון א לידער פאמיליע פון דריי דורות.

אין לידא איז געווען א אינטעליגענטער איד מיטן נאמען שיפמאנאוויטש מלך. זיין פרוי איז געווען א נאענטע קרובה פון די קאמענעצקיס פון גלאז געשעפט. ער איז געווען העכער פון מיטל וואוקס, מיט א געשארן שווארץ בערדל. ער איז געווען אלע מאל פיין געקליידעט. ער איז ניט געווען קיין געבארענער לידער, ער האט געשטאמט פון די זאלודקער שיפמאנאוויטש. ער האט זיך פארנומען מיט באנק געשעפטן. ער האט געהאט א שפייכלער. ער פלעגט אויסלייען געלט אויף סחורה וואס מען האט בא אים פארלאגערן. איבערהויבט פלעגט ער פינאנסירן דעם פלאקס עקספארט.

זיינער א זון איז אוועקגעפארן קיין ארץ-ישראל מיט געלט און איז אריינגעטראטן אלס שותף אין א גלאז פאבריק מיטן נאמען "גביש". א קורצע צייט נאכדעם איז דערהאלטן געווארן א ידיעה [...] אז ער איז געשטארבן. ער איז געווען א רווק (קאוואליער). די פאמיליע פון מלך שיפמאנאוויטש איז אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

עס איז געווען אין לידא א אינטערסאנטער טיפ, זייער א ארנטלעכער מאן, א ליובאוויטשער חסיד. ער האט זיך גערופן קאמענעצקי גרשון און זיין פרוי האט מען גערופן רייצע. דער גרשון איז געווען זייער קליין געוויקסיג, האט מען אים גערופן גערשעלע, האט מען וועגן אים דערציילט פאלגענדן וויץ. דאס איז נאך געווען פאר דער ערשטער וועלט מלחמה. אין לידא איז נאך ניט געווען קיין עלעקטרישע באלייכטונג, האט גערשעלע שלאפנדיג אין דערנאכט זיך איבערגעדרייט א פאר מאל אין בעט. האט געטראפן אז ער איז געבליבן ליגן אין דער ברייט פון בעט, האט ער מיט די פיס איינגעשפארט אין די קעגנאיבערדיגע ווענטל פון בעט, האט זיך אים אין שלאף אויסגעדוכט, אז ער איז אויסגעוואקסן, האט ער געוועקט די ווייב, רופנדיג: "רייצע, רייצע! גיב א קוק! איך בין אויסגעוואקסן?!" צי האבן דאס לצים געמאכט א וויץ אדער דאס איז אווירקלעכער מעשה, גאראנטיר איך ניט [...].

פון פאך איז ער געווען א ביט-שרייבער, ער האט געהאט דעם גאנצן רוסישן "סוואד-זאקאנאוו", ד.ה. די רוסישע זאקאנעס, וועלכע איז געווען גרעסער פון אים. ווען ער האט געשריבן פאר וועמען עס איז א ביטע, איז געווען זייער פעדאנטיש און ארנטלעך. איז צוליב זיין ארנטלעכקייט, האט ער ניט געקענט מאכן די פולע פרנסה, האט זיין פרוי רייצע געהאנדלט מיט מאנופאקטור בא זיך אין דער היים אלס צוגאב פרנסה.

ער איז אויך געווען א ראט מיטגליד אין לידער מאגיסטראט פון פאר דער ערשטער מלחמה נאך פאר די רוסישע צייטן. און אזוי ווי די אידישע ראטמענער האבן ניט אפגעהיט צו קומען צו די זיצונגען, פלעגט דער קריסטלעכער טשינאווניק (אדער שרייבער, ווי מען האט דאן [געזאגט] אין די רוסישע צייט) וועלכער עס האט געהאט א פאסטן אין א רוסישן מלוכה אמט, מיטן נאמען יאקובאווסקי, א געבארנער א לידער, ער האט געקענט אלע אידן אין שטאט לידא און ער האט גערעדט א ביסל אידיש, פלעגט ער מיטן פראטאקאל פון דער זיצונג גיין צו די אידישע ראטמענער זיי זאלן אונטערשרייבן. פלעגט ער גיין צוערשט צו גערשעלען, און גערשעלע פלעגט גענוי דורכשטודירן דעם פראטאקאל א פאר מאל, און אז ער פלעגט אונטערשרייבן. פלעגן שוין די איבעריגע אידישע ראטמענער אונטערשרייבן ניט איבערלייענענדיג. אז יאקובאווסקי פלעגט קומען צו ירמיהו אילוטאוויטש [צו בעטן אז ער זאל] אונטערצושרייבן דעם פראטאקאל, פלעגט יאקובאווסקי זאגן בזה הלשון: "יערעמי, הערשעלע האט שוין אונטערגעשריבן". דאס האט געהייסן אז דער פראטאקאל איז כשר און אז דו דארפסט נאר געבן דיין חתימה.

אין לידא איז געווען א אינטעליגענטע פאמיליע מיטן נאמען גינזבורג. זיין נאמען געדענק איך ניט. אגב דער גינזבורג איז געווען א שוואגער פון אויבן באשריבענעם גערשעלע, ד.ה. גרשון קאמענעצקי. ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס, מיט עטוואס באוואקסן שווארץ בערדל, א באברילטער מיט א געלאסענע האלטונג, ווי עס פאסט פאר א אדוואקאט. ער איז ניט געווען קיין אקאדעמישער אדוואקאט, נאר א פריוואטער אדוואקאט, ד.ה. אן אקאדעמישע בילדונג. אין רוסלאנד פאר די צארישע צייטן איז געווען אזעלכע פריוואטע אדוואקאטן. זיי האבן געדארפט האבן מיטעלע בילדונג און אויסהאלטן א ספעציעלן עקזאמען און זיי האבן געהאט דאס רעכט ארויסצוטרעטן אין שטאטישן געריכט און מיר דוכט אז אויך אין קרייז געריכט. אזא אדוואקאט איז געווען גינזבורג.

בא אים האט זיך געפירט א פיין אינטעליגענט הויז. די פרוי זיינע האט זיך געהאלטן מעשה אריסטאקראטקע. זי פלעגט עפנטלעך רויכערן, וואס איז אין יענע צייטן ניט געווען אנגענומען. אויב עלטערע פרויען פלעגן רויכערן, איז נאר ביי זיך אין וואוינונג, אבער ניט אין עפנטלעכע ערטער. זייער א זון האט געשטודירט, דוכט מיר אויף דאקטאר. ער האט אויך געהאט צוויי טעכטער. די עלטערע האט געהייסן פאניע, זייער א שיין און אינטעליגענט מיידל. די אינגערע אויך דאס זעלבע. ביידע האבן געענדיגט גימנאזיע.

די פאמיליע גינזבורג איז געווען ציוניסטיש געשטימט, און זיי זיינען געווען אפטע באזוכער אין די ציוניסטישע צאינע. מיט איין ווארט זייער א סימפאטישע אינטעליגענטע פאמיליע. אז דער שרייבער פון די שורות איז אין יאר 1922 געקומען צוריק פון אדעס, דוכט מיר אז די פאמיליע גינזבורג איז אין לידא ניט געווען, אדער פילייכט געדענק איך ניט.

אגב, דארף איך באמערקן, אז אין לידא זיינען געווען עטלעכע פריוואטע אדוואקאטן אזוי ווי גינזבורג. און ביטע-שרייבער זיינען אין לידא געווען א היפש ביסל. איך געדענק אז עס איז געווען אזא פריוואטער אדוואקאט מיטן נאמען לעווין. ער איז געווען זייער א קלוגער און פעאיקער [...].

ווי געזאגט געווארן איז אויפן מארק געווען א שטאטישער ברונעם, פון וועלכן דער מארק און אלע ארומיגע געסלעך פלעגן נעמען וואסער. און פאר די וועלכע האבן ניט געקענט, אדער ניט געוואלט אליין ברענגען דעם וואסער אין שטוב אריין, זיינען געווען וואסער טרעגער. דער הויפט וואסער טרעגער איז געווען אברהם, אדער אוורעמל וואסער טרעגער. ער איז געווען פון מיטל וואוקס א ברייט פלייצעגער און שטארק געבויטער מאן. אויף אים האבן די קינדער געזאגט, אז אוורעמל וואסער טרעגער האט געבארענע רייפן ארום קערפער. מען האט דאס געזאגט צוליב דעם ווייל זיינע צוויי לייד׳יגע עמערס זיינען געווען פאר א דערוואקסענדעם מענשן שווער אויפצוהייבן און בפרט מיט וואסער. זיינע עמערס זיינען געווען גראבע הילצערנע, געשמידט מיט גראבע אייזערנע רייפן. זיין קליידונג איז געווען, סיי ווינטער און סיי זומער, לעדערנע שטיוול מיט לאנגע כאליאוועס, ווייט ביז איבער די קני, און צוליב די לאנגע כאליאוועס האט דער קערפער אויסגעזען קורץ. דעריבער בשעת ער איז געגאנגען מיט די צוויי עמערס אויפן בארג, האט אויסגעזען אז עס גייען א פאר לאנגע שטיוול פיס. קיין גאנצע שוויג איז ער ניט געווען, פארקערט, ער פלעגט ריידן זייער הויך אז עס פלעגט אויסקומען אז ער שרייט. ער איז געווען א ארנטלעכער מאן. א באוויז איז געווען אז ער פלעגט געבן צוויי גרויסע פולע עמערס מיט וואסער. ער איז אויך געווען א נאך-שלש-סעודותקער תהילים-זאגער אין שול-קלייזל פון דער גרויסער שול. ער האט געהאט וואסער טרעגער געהילפן, נאר אזעלכע עמערס ווי אוורעמלס האבן זיי ניט געהאט, פשוט ווייל זיי האבן ניט געהאט זיינע כוחות. אוורעמל האט געהאט נאך א זייטיגע פרנסה: זיין צווייטע ווייב האט פארקויפט ווייסן ברויט אויפן מארק, און אז ער פלעגט פארבייגיין מיט די עמערס פארביי איר טישל, פלעגט ער אראפשטעלן די עמערס וואסער און כאפן א שמועס מיט דער ווייב.

*

און אז מיר האלטן בא תהילים-זאגערס, דארף מען דערמאנען דעם הויפט תהילים-זאגער פון שול-קלייזל, נח דער טשעסלער, א זייער ארנטלעכער איד. די גאנצע וואך פלעגט ער ארבעטן מיטן האק און זעג בא בויען הילצערנע הייזער, נאר שבת איז ער געווען דער תהילים-זאגער קעניג. שבת פארטאג און שבת פארנאכט נאך שלש-סעודות ביז מעריב אין שול-קלייזל, פלעגט ער זאגן תהילים, א פסוק איבער א פסוק און נח איז געווען דער פארזאגער. ער האט געהאט א שטארקע שטימע און די שטימע פלעגט אפקלינגען איבערן גאנצן שולהויף.

צי אלע תהילים-זאגערס, און נח בראש, האבן פארשטאנען דעם פירוש המילות פון תהילים וואס זיי האבן געזאגט, בין איך אפילו ניט אפילו בספק אז קיינער האט ניט פארשטאנען, נאר ארנטלעכע אידן זיינען זיי געווען, דאס איז זיכער.

*

און אז מען האלט בא די שול-קלייזלעך, קען מען ניט באליידיגן די צווייטע שול-קלייזל.

אין די צווייטע שול-קלייזל האט געהערשט א פיינער איד מיטן נאמען יערוכאמאנאוו, א ארייגעפארענער פון לעטלאנד. זיין באשעפטיגונג, דוכט מיר, איז געווען אמערסטן פון וואלד מאטעריאלן. ער איז געווען א הויכער מאן מיט א בייכל, מיט א קליין שווארץ-גראע בערדל. קיין תלמיד חכם איז ער ניט געווען, נאר א

אינטעליגענטער מענש איז ער געווען. דעם פירוש המילות פון חומש האט ער יא געקענט. פון וואס איך נעם דאס, וועט דער לעזער זען פון ווייטערדיגן שרייבן.

ער האט געגרינדעט א חברה "שוקדי מלאכה". דער ציל פון דער חברה איז געווען אין דעם וואס ער האט זיך באמיט אריינגעמען די ארעמע אינגלעך וואס האבן געארבעט בא בעלי-מלאכות אין זיין חברה "שוקדי מלאכה", און יעדן שבת פלעגן זיך די אינגלעך צונויפקלייבן אין די צווייטע שול-קלייזל און יערוכאמאנאוו פלעגט מיט זיי לערנען די פרשה חומש פון דער וואך מיט דער הפטורה. ער פלעגט אויך פאר זיי ריידן ווי מען דארף זיך האלטן צווישן מענשן און אויך אין גאס. איבערהויבט האט ער זיך מיט די קינדער פארנומען אום שבת, ווייל שבת זיינען די קינדער געווען פריי און אויך ער אליין אויך. און די צווייטער שול-קלייזל איז געווען זייער מועדון – זאמל פונקט.

א באמערקונג:

קאנאפקע דער שוסטער, וועלכער איז געווען א כלל-טוער בא די בעלי מלאכות און איז געווען א מיטגליד אין דער אידישע קהילה און אויך א אנגעשטעלטער בא דער קהילה אין לידא, איז קאנאפקע ארויסגעקומען פון יערוכאמאנאווס חברה "שוקדי מלאכה".

יערוכאמאנאווס עלטערער זון איז געווען א דענטיסט אין לידא. זיין פרוי איז געווען די טאכטער פון דוד עפשטיין, דער וואס האט געהאט דעם אפטייק סקלאד, און א צוויטער זון פון יערוכאמאנאוו איז געווען א בארימטער פיאניסט אין פעטערבורג.

ווי געזאגט האבן זיך די דעטייל קראמען [לאחדימניק, ריטייל סטאר בלע"ז] פון אלערליי סחורות געפונען אויפן מארק, נאר די טעקסטיל קראמען האבן זיך אין גרעסטן טייל געפונען אויף סובאלסקי גאס, און אין זיי האבן געהערשט די פויערן.

עס איז געווען בארימט אין לידא א דעטייל טעקסטיל קראם פון "ראכע-יענטעס" מיט אירע טעכטער. ראכע-יענטעס מאן איז געווען א איד א בטלן, נאר ניט קוקנדיג אויף זיינע בטלנות האט ער געשאפן היפש עטלעכע טעכטער, געווי וויפל געדענק איך ניט. קיין זין זיינען בא ראכע-יענטעס ניט געבארן געווארן. ער, דער מאן, [...] פלעגט קומען אין קראם היטן אז די פויערטעס זאלן ניט גנבענען [...].

די פארהייראטע טעכטער פון ראכע-יענטעס האבן אויך געהאט טעקסטיל קראמען. איינע, א עלטערע טאכטער, האט געהאט א טעקסטיל קראם אין זעלבן צייל פון ראכע-יענטעס און איר מאן האט זיך גראדע גענומען א שטארקן איינטייל אין פארקויף. זיין פאמיליע נאמען איז געווען רובין. איך געדענק אז זיי האבן שוין געהאט א דערוואקסענעם זון וועלכער האט געלערנט צו זיין א פארמאצעווט. נאך א טאכטער האט געהאט איר קראם אויך אויף סובאלסקי גאס אין הויז פון דער אפטייק. בא איר אין קראם איז אויך געווען בעסערע טעקסטילן. איר מאן פלעגט אויך שטיין אין קראם, נאר די הויפט פארקויפערין און ריידערין צו די קונים איז געווען די פרוי, און דער מאן אירער איז געווען אלס רעקלאמע פאר בעסערע אידישע קונדשאפט. ער פלעגט זיין פיין געקליידעט מיט א גאלדענעם זייגער און גאלדענע קייט אויפן ברוסט פון זשילעט. זיין פנים האט אויסגעזען ווי אויפגעקלערט מיט פארחלום'טע אויגן. מען האט געזאגט אז ער האט בילדונג, ד.ה. ער האט געקענט די רוסישע שפראך און אויך העברעאיש. ווי ווייט די קענשאפט אין די ביידע שפראכן האבן דערגרייכט, האב איך ניט געוואוסט. זיין פאמיליע נאמען איז געווען שאפער, און די פירמע איז אויך טיילווייז געווען שאפער. זיי האבן געהאט א טאכטער מיט א זון, האט ער זיי געשיקט לערנען אין רוסישע גימנאזיעס.

ראכע-יענטעס האט געהאט נאך א טאכטער וועלכע האט אויך געהאט א דעטייל טעקסטיל קראם. די פאמיליע פון איר מאן איז געווען יעלין. ער האט געשטאמט פון שטעטל סקידל אדער אטסרין, גענוי געדענק איך ניט. ער איז געווען, ווי מען זאגט, א בעל-הבתישער יונגערמאן, ד.ה. א באגרענצטער אין בילדונג. די הויפט פארקויפערין איז געווען די פרוי. ער, דער מאן, איז אויך א גאנצן טאג געשטאנען און האט געהאלפן אין פארקויפן.

זיי האבן געהאט אין זייער פארמעגן א טאכטער, א בת יחידה. זיי האבן איר געשיקט לערנען אין גימנאזיע, זי איז געווען זייער א שיינע. אלע אין לידא האבן זיך געוואונדערט ווי קומט צו די יעלינס אזא שיינע טאכטער. זי האט געהאט זייער פיל פארהערערס. זי האט חתונה געהאט אין ווילנע פאר א יונגן מענשן מיטן פאמיליען נאמען דיין. ער האט געשטאמט פון א אנגעזעענער פאמיליע אין ווילנע. אין דער צייט פון הילטערן, איז דער יונגער דיין אומגעקומען בא הילטערן און זיין שיינע פרוי איז געבליבן לעבן און האט א צווייט מאל חתונה געהאט פאר א אדוואקאט מיטן נאמען ליפקין און זיי געפינען זיך אין ישראל.

עס איז געווען אויף סובאלסקי גאס אין לידא א דעטייל טעקסטיל געשעפט, פאר בעסערע אידישע און קריסטלעכע קונדשאפט. די קראם איז געווען א גרויסע מיט פיל פיינע טעקסטילן. דער באזיצער פון דעם געשעפט האט געהייסן ר׳ חיים לייב קאגאן. ער איז געווען א הויכער רעפרעזאנטירווער מאן, מיט א שיינע גראע בארד. ער איז געגאנגען לאנג געלקיידעט, נאר ריין און פיין. צי ער איז אויך געווען לויט זיין אויסזען א תלמיד חכם, ווייס איך ניט, ד.ה. איך האב וועגן דעם ניט געהערט. ער האט געהאט צוויי שיינע טעכטע וועלכע זיינען געווען אלע מאל פיין געקליידעט לויט יענע צייט, נאר ווי ווייט זייער בילדונג איז געווען, האב איך אויך ניט געוואוסט. די עלטערע טאכטער איז געווען די פרוי פון דוד עפשטיין, אייגענטימער פון אפטייק סקלאד. די צווייטע טאכטער איז געווען די פרוי פון הרכבי פון נאוואגרודעק. (אגב, די פאמיליע הרכבי איז געווען א באוואוסטע, אינטעליגענטע און אינטעלעקטואלע פאמיליע מיט געלערנטע מענער אים אמאליגע שטאט פעטערבורג.) הרכבי איז געווען א אינטעליגענטער מענש און א געבילדעטער, נאר ווי ווייט זיין בילדונג איז געווען, האב איך ניט געוואוסט, און מיטוואס דער ה׳ הרכבי האט זיך באשעפטיגט האב איך אויך ניט געוואוסט.

ר׳ חיים לייב קאגאן האט אויך געהאט א זון שלמה. ער האט געהאט קרומע פיס. ער האט אויסגעזען אלס אינטעליגענט, מיט פריוואטע בילדונג. ביז זיין הייראט האט שלמה געארבעט בא זיין פאטער אין טעקסטיל געשעפט. נאך זיין הייראט, האט ער געעפנט א הורט טעקסטיל סקלאד, און בא אים האט געארבעט אלס פארקויפער בנימין קאווענסקי. שלמה קאגאן איז יונגערהייט געשטארבן און האט איבערגעלאזן א פרוי מיט צוויי טעכטער, וועלכע געפינען זיך אין ישראל.

*

נאך שלמה קאגאנ׳ס טויט, איז זיין טעקסטיל געשעפט ליקווידירט געווארן, האט בנימין קאווענסקי געעפנט א גרויס איינצל טעקסטיל געשעפט צוזאמען מיט זיין עלטערן זון זרח, און דאס געשעפט האט זייער פראספערירט.

קאווענסקיס טאכטער האט געהייראטעט פאר א טעקסטיל סוחר אין ביעלסק-פאדלאסק מיטן נאמען פריידקעס. נאכער האט קאוועסקיס איידים געעפענט אויך אין לידא א הורט טעקסטיל געשעפט בשותפות מיט קאוועסקיס אינגערן זון אבראשע, וועלכער איז געווען א איידים פון שמשון פופקא. דאס הורט טעקסטיל געשעפט ווי אויך דאס איינצל טעקסטיל געשעפט האבן עקזיסטירט ביזן יאר 1939. און נאכדעם ווי די סאוויעטן האבן פארנומען לידא אין 1939, האבן זיך ליקווידירט דאס זעלבע ווי אלע געשעפטן אין לידא זיינען ליקווידירט געווארן און די פאבריקן זיינען נאציאנאליזירט געווארן.

די גאנצע קאוועסקי פאמיליע איז אומגעקומען בא היטלערן ימ״ש אחוץ קאוועסקיס טאכטער וועלכע האט זיך געראטעוועט מיט צוויי קינדער, א זון און א טאכטער, וועלכע געפינען זיך אין ישראל.

*

פאר דער ערשטער וועלט קריג איז געווען אין לידא א אינטעליגענטע פאמיליע מיטן נאמען זיסקינד. דער אלטער זיסקינד איז לאנג פאר דער ערשטער קריג געשטארבן, אזוי אז איך – דער שרייבער פון די שורות – האב אים שוין ניט געקענט, אבער די אלטע זיסקינד האב איך געקענט. זי איז געשטארבן פאר דער ערשטער קריג. א טייל פון דער פאמיליע זיסקינד, פאר מיין געדענקען, האבן זיך געפונען אין פעטערבורג. א טאכטער

איז געווען פאַרהייראַטעט פאַר אַ אינזשעניר און זיינען אַרויסגעפאָרן פון לידאַ. דער יונגסטער זון פון דער זיסקינד פאַמיליע איז געווען דער בוכהאַלטער אין טאַבאַק פאַבריק פון שפּילקאָווסקי מיט וועלכן איך – דער שרייבער פון די שורות – האָב געווען זייער באַפריינדעט. עס איז נאָך אויך געווען אַ יונגע פריילין, נאָר איינ יאָר פאַר דער ערשטער קריג, זיינען אויך זיי, די לעצטע צוויי זיסקינד, אַרויסגעפאָרן קיין פּעטערבורג, אַזוי אַז קיין איינער איז ניט פאַרבליבן אין לידאַ פון די זיסקינדס.

אַ טייל פון די אַלטע הילצערנע גרויסע הייזער אויף קרומע גאַס איז געווען די זיסקינדס. נאָכער איז אַריבער צו אַ פּאַליאַק, אַ טייל האָט אָפּגעקויפט בודין, וועלכער האָט דערנאָך געמאַכט די באָד.

אויף קרומע גאַס אין איינע פון בודינס הייזער האָט נאָך פאַר דער ערשטער וועלט קריג געוואוינט די פאַמיליע שלמה יודעלעוויטש, אָדער שלמה יאַנאָווער. ווי עס ווייזט האָט ר' שלמה יאַנאָווער געשטאַמט פון שטעטל יאַנאָווע. ער איז געווען אַ איד אַ תלמיד-חכם. זיין פּרנסה איז געווען אַ עקספּעדיטאָר בא די באַן. ר' שלמה האָט געהאַט אַ היפּשע פאַמיליע, מיר דוכט אַז אַכט קינדער, פון וועלכע אין דער צייט פון דער ערשטער קריג זיינען—די אינגסטע דריי קינדער, אַ זון און צוויי טעכטער—אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג צו שטודירן. אַ זון יוסף איז אין יאָר 1905 אַוועקגעפאָרן קיין ארץ-ישראל. ער האָט געאַרבעט בא אַ קאָלאָניסט און האָט דאָרט חתונה געהאַט מיט אַ קאָלאָניסטין אין כפר-סבא וואו ער וואוינט ביז היינטיגס טאָג. נאָר דער יונגסטער זון גרשון איז נאָך דער ערשטער וועלט קריג אַוועקגעפאָרן קיין ארץ-ישראל אין אַ קיבוץ. דער עלטסטער זון מרדכי איז געווען אַ העברעאישער שרייבער און האָט חתונה געהאַט מיט פריילין מלכה, די טאָכטער פון ר' נטע לאַנדאָ. זי איז אויך צוערשט אַליין אַוועקגעפאָרן קיין ארץ-ישראל.

די פרוי מלכה פון ר' מרדכי יודעלעוויטש איז פאַרבליבן אין לידאַ און זי איז אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש. די עלטסטע טאָכטער פון ר' שלמה, שרה, איז געווען פאַרהייראַטעט אין שאַוול. זי איז אויך געווען אין ישראל. די טאָכטער פון ר' שלמה, תמימה יודעלעוויטש, די "הבימה" אַרטיסטין, איז געווען פון די ערשטע בא די גרינדונג "הבימה" אין מאָסקווע און נאָכער אין "הבימה" אין ישראל. אויך די פרוי פון ר' שלמה יודעלעוויטש, די עלטסטע טאָכטער שרה און דער עלטסטער זון מרדכי זיינען געשטאָרבן אין ישראל. און יבדל לחיים, תמימה, יוסף און גרשון לעבן אין ישראל, אויף לאַנגע יאָרן. דער ראש פון דער משפּחה יודעלעוויטש, ר' שלמה יודעלעוויטש, איז געשטאָרבן אין לידאַ צווישן די ערשטע און צווייטע וועלט קריגן.

*

צווישן די מענער אַרטיסטן פון "הבימה" איז פאַראַן אַ לידער, וועלכער שטאַמט פון אַ קוידענאָווער חסידישער פאַמיליע, חייקל פּייוואָושאָוויטש. ער איז אויך פון די ערשטע "הבימה" אַרטיסטן. יעצט רופט מען אים חיים אַמיתי, אַ באַגאַבטער אַרטיסט. ער האָט חתונה געהאַט אין ישראל מיט אַ לערערין. זיי האָבן צוויי זין, באַגאַבטע מוזיקער.

## קאפיטל ביר ברויערייען אין לידא

די ביר ברויעריי וואס האט געהערט צו די פירמע פאפירמייסטער יעקב.

יעקב פאפירמייסטער איז ניט געווען קיין געבארנער אין לידא. לויט ווי מען האט געזאגט איז דער ראש המשפחה ,יעקב פאפירמייסטער, אריינגפארן קיין לידא אין אכטצטן יאר-הונדערט מיט זיין פאמיליע. צוערשט נאך זיין ארײנפאר קיין לידא, האט ער פאבריצירט נאר שווארצע ביר בא בערל פאליאק אין די הילצענע הייזלעך, בא דעם פייבל, קאמינקע גאס (דריטער מאי גאס). פארדינענדיג געלט פון די שווארצע ביר, האט ער אפגעקויפט בא א קריסט די צוויי גרויסע הילצערנע הייזער אוף סובאלסקי גאס (פריער ווילנער גאס) מיט דעם גאנצן פלאץ ביזן טייך לידייקא, און ביסלאכוויז האט ער געבויט די גרויסע ביר ברויעריי אין וועלכע ער האט פאבריצירט העלע ביר און שווארצע ביר. די ביר האט באקומען א גוטן נאמען אין ווייס-רוסלאנד, ליטא און פוילן.

יעקב פאפירמייסטער האט געהאט 2 טעכטער און צוויי זין, און ווי דער מנהג איז, אז מען ווערט רייך טוט מען יחוסדיגע שידוכים. פאר דער עלטסטער טאכטער, האט ער איינגעהאנדלט פאר א איידעם דעם ה' קאנטאר, א ברודער פון ד"ר קאנטאר, וועלכער איז געווען ריגער ראבינער. קיין דאקטאר טיטל האט קאנטאר, דער איידעם, פון פאפירמייסטער ניט געהאט, נאר מען האט געזאגט אז ער האט ניט געענדיגט הויכע בילדונג. קאנטאר איז געווען א אינטעליגענטער מענש. ער האט אויך געקענט גוט עברית און געווען א חובב-ציון. קאנטאר האט געהאט א זון מיט א טאכטער. דער זון האט געענדיגט מעדיצין און האט פראקטיצירט אין לידא.

דער עלטערער זון פון יעקב פאפירמייסטער האט געהייסן מאטל (מרדכי). ער האט אויסגעזען ווי א קרענקלעכער. זיין בילדונג איז ווי מיר דוכט געווען פריוואטע בילדונג [...]. זיינע באנעמונגען זיינען געווען איידעלע און אויך אינטעליגענטע. האט קאנטאר אים פארשלייערט מיט זיינע א ארימע קרובה, נאר זי איז געווען א געבילדעטע און ענערגישע פרוי און האט גענומען א אנטייל אין די פירונג פון ברויז. מיר דוכט אז אירע א טאכטער האט געהייראטעט מיט א זון פון ה' קריגעל, וועלכער האט געהאט א קאנטאר צו בייטן אויסלענדישע געלט, וועלכער האט אויך געארבעט אין די פירונג פון ברויז.

יעקב פאפירמייסטערס צווייטער זון האט געהייסן לעוו. ער האט געהאט הויכע בילדונג אלס אינזשעניר, נאר אויף וואס פאר א פאך האב איך ניט געוואוסט. ער האט ניט גענומען קיין אקטיוון אנטייל אין די פירונג פון ברויז [...].

יעקב פאפירמייסטערס צווייטע טאכטער, געדענק איך אלס פריילין. די גאנצע פארצווייגטע פאמיליע איז געוויס אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

דער גרינדער פון צוויטן ביר זאוואד איז געווען נתן-שמעון פופקא. ער איז געווען א סאמעראדנער לידער, ער איז אויך דער ערשטער פון דער שלשלת פופקא. זיין ביר זאוואד איז אויך אויסגעוואקסן אויפן זעלבן שטייגער ווי פאפירמייסטערס זאוואד. לויט ווי איך געדענק אלס אינגל, איז שוין נתן-שמעון פופקא געווען א אלטער מאן, א קליין אידל מיט א גראע בארד און דאן איז שוין זיין זון מלך געווען דער גאנצער פירער פון ביר זאוואד. דער אלטער נתן-שמעון האט זיך שוין וויינ'ג וואס געמישט אין די פירונג פון זאוואד [...].

נתן-שמעון האט געהאט עטלעכע זין און א טאכטער א בת יחידה. אלע זין זיינען געווען דעה-זאגער אין שטאט ענינים, אחוץ מלך'ן וועלכער איז געווען מיט אלע זיינע חושים אריינגעטאן אין די פירנוג פון ביר זאוואד. אים האט ניט אינטעריסירט די שטאטישע ענינים.

דער עלטסטער זון פון די זין פון נתן-שמעון האט מען גערופן איטשע פופקא, אדער איטשע דער טשלען, אדער איטשע דער סבארשטשיק. דער לעצטער נאמען איז געווען ווייל אמאליגע יארן האבן זיך בא אים געפונען די רשימות וואס דארפן זיך יעדן יאר שטעלן צום מיליטער. איטשע פופקא איז אויך ניט געווען קיין תלמיד-חכם, נאר גאר קיין אומוויסנדער איז ער אויך ניט געווען. ער איז געווען פון די אנפירענדע בעלי-בתים

פון שטאט לידא. ער איז געווען זייער א קלוגער איד. ער האט פון זיין לעצטן נאמען אלס סבארסטשיק געמאכט געלט. זיין ווייב האט געהאט א גאלאנטעריי קראם איבערהויפט פון אלערליי קנעפלעך.

דער צווייטער זון פון נתן-שמעון לויט דער רייע, איז געווען הירשע-לייב פופקא, א סוחר פון מעל, זאלץ און הערינג און אויך א חלק אין קעראסין. ער האט זיך אין שטאטישע ענינים ניט געמישט, פשוט ווייל ער איז געווען פארנומען מיט זיין געשעפט. אים האט קיין זאך ניט אינטעריסירט. ער איז געווען א איד א קולאק אין באצוג צו א קאנקורענט, האט ער געהאלטן, דארף מען מיט אים קאנקורירן עד חרמה. דער סיסטעם פון קאנקורענץ איז געווען אנגעווענדעט קעגן ירמיהו אילוטאוויטש, וועלכער האט אויך פארקויפט אין הורט זאלץ מיט הערינג, נאר דער לאזונג "עד חרמה", האט ירמע אילוטאוויטש ניט געשאט ווייל ער איז אויף די צוויי ארטיקלען אויך געווען א דעטאליסט. הירשע-לייב'ס פרוי איז אויך געווען א ענערגישע און קלוגע און מער א געלאסענע. זי האט געהאלטן אז א צווייטער דארף אויך לעבן, און זי פלעגט טאמעווען דעם מאנס כאראקטער אין מסחר.

הירשע-לייב פופקא האט געהאט נאך א צונאמען מיט וועמען ער פלעגט ריידן צי אין גוטן מוט צי אין בייזן, פלעגט ער יעדן רופן "מיין האלינקע". אז מען פלעגט אנרופן דעם נאמען "מיין האלינקע", האט מען געוואוסט אז דאס מיינט מען הירשע-לייב פופקא [...]. קיין תלמיד-חכם איז הירשע-לייב פופקא אויך ניט געווען. א חכם איז ער יא געווען [...]. ער האט געקענט אידיש, עברית ווערטער וואס וועט באנוצט אין אידיש ריידן און אויך א קליין ביסל רוסיש.

הירשע-לייב פופקא האט געהאט 2 זין און צווי טעכטער. דער עלטערער זון האט זיך געהאלטן פאר א געבילדעטן, מעגלעך אז יא, נאר מען האט ניט געוואוסט וואס פאר א בילדונג ער פארמאגט, ווייל גאר פון די יונגע יארן איז ער שוין ניט געווען בא די עלטערן. ער פלעגט נאר קומען צו גאסט. די עלטערע טאכטער האט יא געענדיגט גימנאזיע, נאר זי איז אויך וויייניג געווען צו הויז בא די עלטערן. די אינגערע טאכטער פון הירשע-לייב פופקא האט חתונה געהאט פאר א פיינעם בחור, נאר מיט וואס ער האט זיך פארנומען געדענק איך ניט. מיר דוכט זיך אז ער פלעגט געבן פריוואטע לעקציעס.

דער צווייטער זון משה האט, דוכט מיר, געענדיגט א פאלקשולע און ער האט געארבעט צוזאמען מיט זיין פאטער אין געשעפט. משה האט געהאט 2 אינגאלעך וועלכע האבן געלערנט אין "תרבות" שולע. משה'ס עלטערער זון געפינט זיך אין ישראל, זייער א וואוילער בחור [...]. ווי אזוי ער איז געבליבן לעבן, האט ער מיר דערציילט, נאר איך געדענק ניט גענוי. דוכט מיר אז ער איז געווען אין וואלד אלס פארטיזאן.

אחוץ דעם זון פון משה פופקא און אייניקל פון הירשע-לייב פופקא זיינען אלע איבעריגע געוויס אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

דער דריטער זון פון נתן-שמעון פופקא, לויט דער ראייע, האט מען גערופן אברהם. ער איז אויך געווען א דעה-זאגער אין שטאט לידא. ער האט צוםביישפיל געזאגט אז הרב ריינעס ז"ל באקומט א צו גרויסן געהאלט, און פארוואס הרב ריינעס ז"ל פארט צו פיל איבער דער וועלט. ער פלעגט טאקע פארן אגיטירן פארן "מזרחי". האט אברהם [...] געקענט רוסיש ריידן און פילייכט אויך שרייבן. קיין געשעפט האט ער ניט געהאט, ער האט געוויס באקומען א געהאלט פון ביר זאוואד, און פארנומען האט ער זיך מיט די פאזשארנע. ער איז געווען דער נאטשאלניק פון "פאזשארנע קאמאנדע". מען דארף צוגעבן צו זיין שבח אז ער האט די פאזשארנע קאמאנדע גוט ארגאניזירט מיט ספעציעלע קאסטיומען פאר די פאזשארניקעס און אויך פאר זיך אלס נאטשאלניק א מונדיר מיט עפאלעטן און געשאפן א דיסציפלין בא א פאראד פלעגט ער רייטן פארויס אויף א פערד אין די פולע פארמע. אברהם האט אויך געהאט א זון מיט צווי טעכטער. אברהם'ס זון האט זיך אויך ניט געפונען אין לידא. איך רעכן אז אברהם מיט זיין פאמיליע זיינען אויך אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

דער פערטער זון פון נתן-שמעון פופקא, לויט דער רייע, איז געווען מלך וועלכער האט אנגעפירט מיטן ביר זאוואד. ער האט שוין געהאט א ביסל בעל-הבתישע בילדונג. ער האט גענומען א פרוי פון סלאנים פון די

לאזינסקיס. דאס איז געווען א יחוסדיגע אינטעליגענטע פאמיליע און פאבריקאנטן, נאר זי, די כלה, איז שוין געווען אין די הויכע מיידלשע יארן. אגב איז מלך אויך געווען א אלטער בחור פון אריבער פערציק, ווייל ער האט ניט געהאט קיין צייט חתונה צו האבן. און ניט קוקנדיג אויף זייער עלטער, איז געבוירן געווארן בא זיי צוויי זין, מישיא און סיאמקע און צוויי טעכטער. סיי די זין און סיי די טעכטער האבן באקומען מיטעלע בילדונג. מישיע איז געווען גראטן אין זיין טאטן מלך. ער איז אויך געווען ארייגעטאן מיט אלע חושים אין זאוואד. מישיע איז געפארן אין דייטשלאנד און האט זיך אויסגעלערנט צו זיין א ביר מייסטער [...]. מישיע האט חתונה געהאט מיט א טאכטער פון א באראנאוויטשער דאקטאר, א שיין מיידל. סיאמקע האט חתונה געהאט מיט א טאכטער פון א אפטייקער אין א שטעטל לעבן ווילנע. די מיידל איז געווען זייער א שיינע.

מישיע און סיאמקע האבן זיך געראטעוועט פון היטלערן מיט זייערע פרויען און קינדער, אויב זיי האבן געהאט קינדער. מישיע געפינט זיך אין קאנאדע מיט זיין פאמיליע און סיאמקע מיט זיין פאמיליע אין מעקסיקע. מען זאגט אז זיי גייט ביידן זייער גוט און זיי פארדינען געלט.

נתן-שמעון האט געהאט א מאן פאר זיין איינציגער טאכטער. אגב, דער איידעם איז געווען א פיינער איידעלער מענש [...]. דער איידעם האט, דוכט מיר, געארבעט אין ביורא פון זאוואד מיט א געהאלט און א דירה אויפן הויף פון זאוואד. בא דעם איידעם מיט די טאכטער פון נתן-שמעון איז אויך געווען קינדער, נאר אחוץ די זין פון מלך פופקא מישיע און סיאמקע מיט זייערע פרויען און קינדער, ווי אויך דער אייניקל פון הירשע-לייב פופקא, וועלכע האבן זיך געראטעוועט, דער אלטער נתן-שמעון מיט זיין פרוי, זיינען נאך לאנג פריער געשטארבן מיטן נאטירלעכן טויט, זיינען אלע איבעריגע פון דער פאמיליע פון נתן-שמעון פופקא אומגעקומען בא היטלערן ימ״ש.

חסל קאפילט ביר-בראייראיי.

און אז מען האלט בא די פופקעס דארף מען שרייבן וועגן א פאמיליע פון פופקעס. אויפן וועג פון לידא צו די שטעטל איוויע איז געווען א הויף פון א רוסישן פריץ, וועלכן מען האט גערופן דעמבאוועצקי. דער פריץ אליין האט געוואוינט אין פעטערבורג. ער איז געווען א קרוב למלכות מיטן טיטל ״טאיני סאוויעטניק״. דאס איז א מין טיטל וואס יעצט רופט מען דאס סענאטאר. זעט אויס אז דער פריץ איז געווען א ליבעראלער מענש מיט דעם וואס ער האט ערלויבט צו האבן בא זיך אין הויף אידישע פאמיליעס. דער פארוואלטער פון הויף, אויך א רוס, האט אויך געלעבט גוט מיט די אידן פון הויף.

אין 1904 אז עס איז פארטיג געווארן די נייע באן לינע באלאנאוויע-שעדלעץ. איז אין גאיוויע (דער נאמען פון הויף איז געווען גאנוויע) געווארן א באן סטאנציע. זעט אויס אז די סטאנציע האט מען געמאכט אין גאוויע לויטן פארלאנג פון פריץ דעם ״טאיגיי סאוויעטניק״ דעמבאוועצקי. האבן זיך בא די סטאנציע גאוויע באזעצט נאך אידישע פאמיליעס.

דאס אלעס האב איך אנגעשריבן נאר כדי צוצוקומען צו די צווייטע פאמיליע פופקעס.

אין דעם הויף גאוויע, ווי איך האב שוין באשריבן, האט געוואוינט א איד מיטן נאמען ארטשיק פופקא, אדער ״ארטשיק דער גאוויער״. ער האט געוואוינט אין גאוויער הויף מיט יארן פריער ווי די באן סטאנציע איז געווארן. ארטשיק פופקא איז געווען פון מיטל וואוקס, א ברייט פלייציגער מיט א היפשן בויך און מיט א רויט פיקאנטיג בארד. אין הויף איז געווען א בראנפן זאוואד און א הייוון זאוואד. ארטשיק פופקא האט ארענדירט דעם בראנפן מיט דעם הייוון זאוואד. דער הייוון זאוואד האט לאנג ניט עקזיסטירט. עס איז פארבליבן נאר דער בראפן זאוועאד.

ארטשיק פופקא האט אויך געהאנדלט מיט וואלד, מעגלעך אויך די וואלד פון פריץ. מען האט ארטשיקן געהאלטן פאר א רייכן מאן. ער האט געפירט א רייך לעבן. ער האט געגעבן די קינדער א וועלטלעכע בעל-הבתישע ערציונג. בא ארטשיק פופקא איז געווען דריי זין וועלכע איך האט געקענט. דער עלטסטער פון די זין, האט מען גערופן מאטיע פופקא, אדער מאטיע דער גאוויער, ווייל ער האט אויך געוואוינט אין גאוויע. אז די

קינדער בא מאטיען זיינען אונטערגעוואקסן און מען האט זיי געדארפט געבן לערנען, איז מאטיע פופקא מיט זיין פאמיליע אריינגעפארן קיין לידא. לויט ווי איך געדענק, האט מאטיע געהאט 2 זין און צוויי טעכטער. דער עלטערער זון האט געהייסן סאלאמאן. ווי מען האט גערופן דעם צווייטן זון, געדענק איך ניט. די עלטערע טאכטער פון מאטיע פופקא האט חתונה געהאט מיט דעם עלטערן זון פון בערל דעם ראדינער, גארפינג, און בא זיי איז געבוירין געווארן א זון מיטן נאמען בובע. דער נאמען איז געוויס בערל נאך זיין זיידן בערל ראדינער, וועלכער איז שוין לאנג געווען געשטארבן. לויט ווי איך האב שוין צום אויבן געשריבן. בובע האט געלערנט אין "תרבות" שול. אין תרבות שול האט אויך געלערנט יעקב צעגעלניצקיס א טאכטער מיטן נאמען ליובא. איז צווישן די צוויי קינדער געווארן א ליבע און אין 1940 האבן זייביידע חתונה געהאט. מיר דוכט אז בובע איז דאן אלט געווען 18 יאר און ליובא 17 יאר, ביידע זייער שיינע קינדער.

פאר דער צייט פון די היטלעריסטן אין לידא, זיינען זיי ביידע שוין מיט א קינד אויך געווען אין לידא בא די פארטיזאנען. נאכן קריג זיינען זיי ארויס פון וואלד און זיינען אוועקגעפארן קיין ישראל און זיי געפינען זיך אין חיפה. דאס קינד וואס זיי האבן געהאט מיט זיך אין וואלד, האט שוין אויך חתונה געהאט, און בובע מיט ליובען זיינען שוין סבא און סבתא. זיי זיינען נאך אליין אין מיינע אויגן אזוי ווי קינדער. איך האב זיך מיט זיי געטראפן אין חיפה, האט זיך מיר ניט געוואלט גלויבן אז די פאר קינדער זיינען שוין סבא און סבתא.

וואס איז געווארן מיטן צווייטן זון און די צווייטע טאכטער פון מאטיע פופקא, אויך וואס איז געווארן מיט מאטיע פופקא מיט זיין פרוי, ווייס איך ניט. געוויס זיינען זיי אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

דער צווייטער זון פון ארטשיק דער גאוויער מיטן נאמען גרשון האט חתונה געהאט אין ווילנע מיט פארנעסעסען[?] א טאכטער. ער האט אויך געהאנדלט מיט וואלד אויף אויסלאנד. ער האט געפירט א רייך לעבן. די פרוי זיינע איז געווען א שיינע בלאנדינקע. מן הסתם איז גרשון פופקא מיט זיין פאמיליע אויך אומגעקומען אין ווילנע בא היטלערן ימ"ש.

דער דריטער זון פון ארטשיק דעם גאוויער, זיין נאמען האב איך ניט געוואוסט. איך האב נאר געוואוסט זיין צווייטן נאמען. דער צוויטער נאמען איז געווען "דער פרינץ". פארוואס "פרינץ"? ווייל ער איז געווען א הויכער שיינער מאן, עלעגאנט געקליידעט לויט דער לעצטער מענער מאדע פון יענער צייט מיט א סיגאר אין מויל, א קאוואליער. ער פלעגט ניט וואוינען אויף איין ארט, מעגלעך אז זיין שטענדיגער וואוינארט איז געווען אין גאוויע, נאר מערער איז ער געווען אין לידא און אין ווילנע. אין לידא האט ער פארקערט בא אינטעליגענטערע געזעלשאפט. אין ווילנע האט ער דאך געהאט די געזעלשאפט פון זיין ברודער גרשון מיט זיין שיינע פרוי. ער האט אויך געהאנדלט מיט וואלד צוזאמען מיט זיין ברודער גרשון. געוויס איז ער אויך אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

דאס איז אין קורצן די היסטאריע פון ארטשיק פופקא מיט זיין פארצווייגטע פאמיליע.

ארטשיק דער גאוויער האט געהאט צוויי ברידער אין לידא. איינער פון די צוויי וועלכן מען האט גערופן לייזער פופקא איז געווען פון פאך א פריוואט אדוואקאט. ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס מיט א טונקל רויטע ניט קיין גרויסע בארד. די אויגן זיינען געווען בא אים גרויסע און ארויסגעשטארצישע. ער האט געטראגן ברילן וועלכע האבן א ביסל פארשטעלט די אויגן. ער האט געהאט א פיין הילצערן הויז אויף סובאלסקי גאס. ער האט געפירט א אינטעליגענטע הויז, פאר זיין צייט. נאך דער לידער גרויסער שריפה, געפירט די אונטער-האנדלונגען מיט מאיר דעם ווילנער אייער-הענדלער, וועלכער האט געגעבן די דריי טויזנט רובל אויף צו בויען די גרויסע שול, און מען האט אריינגעמויערט דעם שטיין מיט די אויסגעקריצטע נעמען פון מאיר אייער-הענדלער מיט זיין פרוי. און אז די שול איז אין גאנצן פארטיג געווארן, האט מען לייזער פופקא אויסגעקליבן אלס גבאי פון דער גרויסער לידער שול, ביז זיין טויט. ער איז פלוצלונג געשטארבן ריידנדיג מיט איינעם בא זיין וואוינונג. ער האט דאן געקענט זיין אין עלטער פון 65 יאר. ער האט געפירט די גבאות אין שול ביד חזקה. אז עס פלעגט טרעפן א וועלכער עס איז טומל אין שול, ווי עס פירט זיך אין אידישע בתי-מדרשים, פלעגט ער געבן א געשריי עס זאל ווערן שטיל. פלעגט טאקע ווערן שטיל.

לייזער פופקא האט געהאט 2 זין מיט 2 טעכטער. דער עלטערער זון זאוול האט געהאט מיטעלע בילדונג. ער איז באמת געווען א אינטעליגינטער יונגערמאן. זיין באשעפטיגונג איז געווען מיט לעבן-פארזיכערונג. ער האט חתונה געהאט אין ווארשע און האט געוואוינט אין ווארשע. אגב, זאוול פופקא איז געווען א גוטער-פריינד פון דעם שרייבער פון די שורות.

דער צווייטער זון פון לייזער פופקא מיטן נאמען מלך איז געווען מיט הויכע בילדונג אלס אינזשעניר. איך געדענק אים אלס רווק.

די טאכטער פון לייזער פופקא איז דוכט מיר געווען א דענטיסטקע אויך ניט קיין פארהייראטע פאר מיין צייט.

דאס איז די געשיכטע פון לייזער פופקא מיט זיין פאמיליע.

*

ארטשיק פופקא דער גאוויער האט געהאט נאך א ברודער אין לידא מיטן נאמען אלי' פופקא. א נידעריגער איד מיט א טונקל רויט בארד. אלי פופקא האט אויך געהאט א הויז נעבן זיין ברודער לייזערס הויז און אויפן הויף א קליין הייזל וועלכע ער פלעגט פארדינגען און א גרויסן גארטן פון וועלכן ער פלעגט מאכן א לעבן. קיין פאך האט ער ניט געהאט. זיין פאך איז געווען צו מאכן אלע טאג א גוטן שנאפס. באמערקונג: ער איז געווען זייער א פראסטער איד אפילו אין אידישקייט.

ער האט געהאט א זון א בן-יחיד. א דארער, נידעריגער פון מיטל וואוקס. ער איז געווען א לערער אין א קליין שטעטל, אויף וועלכע שפראך, האב איך ניט געוואוסט. זיין פאטער אלי' פופקא האט געלעבט אליין, זיין פרוי איז שוין לאנג געווען געשטארבן, נאר ווען ער פלעגט מאכן דעם שנאפס, איז ער שוין ניט געווען אליין.

דא האט דער לעזער נאך א ביאגראפיע פון א שושלת פופקא.

באמערקונג: עס איז געווען נאך א סך פופקעס אין לידא און אומגעגנט, נאר שוין איינציגע פאמיליעס, ניט פון פארצווייגטע פאמיליעס. פלעגט מען זאגן אויף די איינצעלע פופקעס, אז זיי זיינען ניט קיין ריכטיגע פופקעס, נאר גיפעלשטע...

דאס זעלבע האבן אויך געזאגט די אילוטאוויטשעס, אז די ריכטיגע זיינען נאר די פארצווייגטע פון דורות, און די איינצעלע פאמיליעס זיינען געפעלשטע.

איך גיב דא נאך טיפן פון די אילוטאוויטשעס וועלכע האבן געוואוינט אויפן ישוב:

1. איינער אזא וועלכן מען האט גערופן אייזיק דער האלטעוור. זיין פאמיליען-נאמען איז געווען אילוטאוויטש, ווייל ער האט ארענדירט דעם גוט וועלכן מען האט גערופן "האלדעווע".
2. עס איז געווען א ישובניק וועלכן מען האט גערופן יענקל דער האלאווניקער, אויך א אילוטאוויטש. ער האט ארענדירט דעם גוט האלאווניק.
3. עס איז געווען א ישובניק שלום דער לופעניצער, אויך אילוטאוויטש ווייל ער האט ארענדירט דעם לופעניצער גוט.

די דריי אויסגערעכנטע פאמיליעס אילוטאוויטש ישובניקעס זיינען געווען בעלי-בתישע אינטעליגענטע פאמיליעס, אייניגע פון זייערע קינדער האבן געלערנט אין גימנאזיעס.

זיי זיינען געווען נאענטע קוזינען פון ירמיהו, חנן און ישראל אילוטאוויטש.

די פאמיליע עלקין, א וואלד סוחר אריינגעפארענער פון א ישוב קיין לידא. זיין פרוי איז געווען א געבארענע פון די אילוטאוויטשעס.

די פאמיליע דוקאר, אויך א וואלד סוחר, אויך א אריינגפעארענער פון א ישוב קיין לידא. זיין פרוי האט אויך געשטאמט פון די אילוטאוויטשעס.

די צוויי פאמיליעס עלקין און דוקאר זיינען געווען זייער אינטעליגענטע פאמיליעס.

די אלע פאמיליעס אז זיי פלעגן קומען קיין לידא, האבן זיי געהאלטן פאר זייער פליכט צו באזוכן דעם קרוב אילוטאוויטש ירמיהו און אויך געבן צו לייזן אין קראם.

*

אויפן ווינקל קרומע און דריטע מאי גאסן, איז פאר דער גרויסער שריפה אין לידא געשטאנען א שיינע הילצערנע געביידע אין וועלכע איז אמאל געווען א האטעל פאר פריצים און אידישע סוחרים. דעם אייגנטימער האט מען גערופן נח אילוטאוויטש. צי ער איז געווען א אמתער אילוטאוויטש אדער א פאלשער קען איך ניט פעסטשטעלן, נאר א פאקט איז אז זיין פאמיליען-נאמען איז געווען אילוטאוויטש. זיינער א זון איז געווען א פריוואטער אדוואקאט. ער האט געהאט קעגן קאטוילישן קלויסטער הילצערנע הייזער וועלכע זיינען אויך ארויסגעגאנגען אויף קרומע גאס. זיין פרוי איז אויך געווען א אינטעליגענטע. זיי האבן געהאט א טאכטער מיט א זון אדער פילייכט 2 זין; איך געדענק ניט גענוי וויפל. די קינדער זיינען געגאנגען אין גימנאזיעם. ער איז געשטארבן אין די בעסטע מיטעלע יארן. די אלמנה מיט די קינדער האבן געוויס געדארפט האבן געלט, האבן זיי פארקויפט די הייזער וואס זיינען ארויסגעגאנגען אויף קרומער גאס און אפגעקויפט האט דאס יודל אילוטאוויטש, אדער ווי מען האט אים גערופן יודל פון די שאלאמאיעס. יודל איז געווען דער זיידע פון יוסף אילוטאוויטש, וועלכער האט געהאט די ווייןן און מעד פאבריק אויף קרומער גאס. די פרוי פון יודל אילוטאוויטש, וועלכע מען האט גערופן רחל, איז אויך געווען א געבארנע אילוטאוויטש. זי איז געווען א טאנטע פון ירמיהו אילוטאוויטש.

איך בין אייגענטלעך אראפגעגאנגען א ביסל פון דער ריכטיקער טעמע פון דער ווינקל-הויז פון נח אילוטאוויטש און קער זיך אום צום אנפאנג.

אין די גרויסע שריפה איז די שיינע ווינקל הויז קרומע דריטע מאי פון נח אילוטאוויטש פארברענט געווארן ביזן גרונט. איך געדענק ניט גענוי צי נח אילוטאוויטש האט נאך באם לעבן פארקויפט דעם פלאץ אדער זיינע יורשים, נאר דער עיקר איז אז דעם פלאץ האט אפגעקויפט א אריינגעפארענער ישובניק וועלכער האט אויך געהאט א גוט, אדער ווי מען פלעגט דאס רופן א הויף און האט געמוזט פארקויפן אין די צייטן פון מיניסטער איגנאטיעוו, וועלכער האט ארויסגעגעבן א זאקאן אז אידן טארן ניט האבן קיין גיטער. דער הויף, ווי מיר דוכט, האט געהייסן מאשעוויטש. און דער וואס האט אפגעקויפט דעם פלאץ פון נח אילוטאוויטש האט מען גערופן ביניע מאשעווסקי. לויט ווי איך געדענק אים, איז ער געווען העכער פון מיטל וואוקס מיט א קליינע שווארץ-גראע בערדל, אין די בערך פאר די זיבעציק, אבער נאך א גאנץ פלינקער איד [...].זיינע קינדער האבן זיך געהאלטן פאר אינטעליגינטן.

דער עלטערער זון פון ביניע מאשעווסקי איז שוין דאן אויך געווען אלט א יאר 45 און דער אינגערער זון א יאר 30. די איטעליגענץ איז באשטאנען אין דעם וואס זיי פלעגן ריידן אויף רוסיש. אויך א טאכטער איז געווען פון א יאר 25. א שיינע פריילין. צי עס איז געווען נאך זין און טעכטער, געדענק איך ניט. דער עיקר, ביניע מאשעווסקי האט אויסגעמויערט אויף דעם אפגעקויפטן פלאץ א גרויס צוויי שטאקיג הויז. איך געדענק, אז אויפן צווייטן שטאק האט געוואוינט א דאקטאר, נאר ווי מען האט גערופן דעם דאקטאר געדענק איך ניט.

וואס איז געווארן מיט די פאמיליע פון ביניע מאשעווסקי, ווייס איך ניט. נאר איך שטעל מיר פאר אז די אלטע פאר מאשעווסקי זיינען געשטארבן מיטן נאטירלעכן טויט, און די יונגע זיינען אומגעקומען בא היטלערן ימ״ש.

עס איז כדאי צו דערמאנען דעם לידער איינוואוינער שאול קראסנאסעלסקי ז״ל. ער איז ניט געווען קיין געבארענער לידער נאר אריינגעפארענער קיין לידא נאך דער ערשטער וועלט קריג. ער איז געווען א הויך געוויקסינער, א גוט מוטיגער אינטעליגענטער מענש. ער איז געווען א גוטער העברעער און נאך מער א גוטער אלגעמיינער ציוניסט. ער איז געווען א מיטגליד פון אלגעמיינעם ציוניסטישן ועד, אויך א מיטגליד פון ועד ״תרבות״. זיין פרוי איז געווען זייער א אינטעליגענטע. זי איז געווען א טאכטער פון פרידמאן, דעם ארויסגעבער פונם אידישן צייטונג אין פעטערבורג ״דער פריינד״.

קראסנאסעלסקיסביידע זין, נאך דעם ווי זיי האבן געענדיגט אין לידא די ״תרבות״ גימנאזיע, זיינען זיי אוועקגעפארן קיין ארץ-ישראל, און אין ישראל האבן ביידע זין פון קראסנאסעלסקי ז״ל געענדיגט אויף אינזשעניר חשמל. שאול קראסנאסעלסקי מיט זיין פרוי, נאך די קינדערס אוועקפארן קיין ארץ-ישראל, זיינען אויך אוועקגעפארן קיין ישראל. דער ״תרבות״ ועד און דער ציוניסטישער ועד האבן זיי געמאכט א פיינעם געזעגענונגס אוונט.

אז דער שרייבער פון די שורות, אילוטאוויטש יעקב, איז געקומען קיין ישראל אין 1949, האט ער נאך געטראפן שאול קראסנאסעלסקי באם לעבן, נאר זיין פרוי איז שוין געווען טויט. און אין א פאר יאר ארום נאך דער פרויס טויט, איז אויך שאול קראסנאסעלסקי געשטארבן.

יהי זכרו ברוך!

אין לידא אויף סובאלסקי גאס, איז געווען א צוויי שטאקיגער געמויערט הויז פון די ברידער שמערל און משה ווינאגראד.

דער שרייבער פון די שורות האט נאך אויך געקענט די אלטע מוטער פון די ברידער ווינאגראד. זי איז געווען א הויכע, שיינע, שטאלצע פרוי. זי איז שוין דאן געווען זייער אלט. זי איז געשטארבן אין הויכן עלטער.

אין ערשטן שטאק פון הויז, האבן די ברידער ווינאגראד געהאט א דעליקאטעסן געשעפט, מיט אלערליי וויינען און שטארקע געטראנקען. אויף פסח האט מען בא זיי אויך געקענט באקומען א פלאש פסחדיגע ״כרמל״ וויין.

אויפן הויף פון הויז בא די ברידער ווינאגראד, האט זיך געפונען, ביזן רוסישן בראנפן מאנאפאל, דער בראנפן קעלער סקלאד פון זייער שוואגער מיטן נאמען האכמאן, וועלכער איז געווען א קולטערעלער אינטעליגענטער מענש.

מיר דוכט אז שמערל ווינאגראד׳ס א זון מיט זיין פרוי, א שופטת, זיינען פאראן אין ישראל.

אין לידא אויף סובאלסקי גאס, קעגנאיבער די ווינאגראד׳ס הויז, איז געווען די הויז פון נחמיה לעווינסאן. אין אויבערשטן שטאק פון הויז איז געווען א האטעל, און אין ערשטן שטאק איז געווען א וויין געשעפט אויך מיט ״כרמל״ וויין, וועלכער האט אויך געהערט צו נחמיה לעווינסאן, און אויך א שוך געשעפט, וועלכער האט געהערט צו נחמיה לעווינסאן׳ס א טאכטער מיט א איידעם.

נחמיה לעווינסאן האט פארמאגט דריי זין און צוויי טעכטער. דער עלטערער זון פון נחמיה לעווינסאן האט מען גערופן הירש. ער איז געווען א קליין נידעריג אידל מיט א קליין בערדעלע. ער האט געקענט א ביסל לערנען [...]. ער איז געווען פון דער ״מזרחי״ פארטיי. און פאר די צייטן פון דער פוילישע הערשאפט אויף די קרעסן איז אין לידא געווארן אן אפיציעלע אידישע קהילה, אזוי ווי אין די שטעט פון קאנגרעס פוילן, איז

הירש לעווינסאן אלס "מזרחי" פארטיי אויסגעקליבן געווארן אין קהילה ראט, אויך דער שרייבער פון די שורות—יעקב אילוטאוויטש, איז אויסגעקליבן געווארן אין קהילה ראט פון דער פארטיי ציונים כלליים. און וויניאצקי דער איידעם פון קיוועלעוויטש איז אויסגעקליבן געווארן אין קהילה פון די רעוויזשיאניסטן. און בא די קאנסטרוירונג פון פרעזידיום, איז הירש לעווינסאן אויסגעקליבן געווארן מיט די שטימען פון "מזרחי" און אומפארטייאישע אלס פרעזעס פון דער קהילה אין לידא, וויניאצקי אלס וויצע פרעזעס און אילוטאוויטש אלס קאנדידאט אין פרעזידיום.

נחמיה לעווינסאן'ס צווייטער זון האט געהייסן גרשון. ער איז געווען פון פאך א פארמאצעווט. ער האט אפגעקויפט די אלע אפטייק אין לידא וואס האט זיך געפונען אין צוויי-שטאקיג הויז אויף סובאלסקי גאס. אגב, גרשון איז געווען א חבר פון דעם שרייבער פון די שורות, און ער, דער שרייבער, פלעגט אפט ארייגגיין צום אים אין אפטייק [...].

דער דריטער זון פון נחמיה לעווינסאן איז געווען אָן שום בילדונג. איז כל זמן די אלטע האבן געלעבט, איז ער געווען צוזאמען מיט זיי, נאך זייער טויט האט ער חתונה געהאט אין גראדנע.

נאך נחמיה לעווינסאן'ס טויט, איז דער וויין געשעפט אריבער צו דעם עלטערן זון הערשל לעווינסאן. די פרוי פון הירש לעווינסאן איז געווען פון ווילנע, פון א זייער אינטעליגענטע און רייכע פאמיליע, נאר זייער א קליין געוויקסיקע, כמעט ווי א קארליק. נאר מן הסתם, האט ער באקומען א גרויסן נדן, און מען דארף צוגעבן אז זי איז געווען א געבילדעטע און אינטעליגענטע פרוי.

הירש לעווינסאן האט געהאט צוויי זין. דער עלטערער זון איז געווען זייער א באגאבטער. ער האט געענדיגט אלס דאקטאר מעדיצין און האט פראקטיצירט אין לידא. ער האט גענומען פאר א פרוי זעליג אילוטאוויטשעס עלטערער טאכטער. בא זיי איז געבארן געווארן א קינד, א מיידעלע. אז די היטלעריסטן זיינען אריין אין לידא, איז דאס קינד אלט געווען 2 יאר און פאר דער ליקוויאציע פון לידער געטא, האבן זיי איבערגעלאזן דאס קינד בא א קריסטן. נאכן קריג, האבן די לידער אידן וואס זיינען ארויס פון די וועלדער געפאדערט דאס קינד פון די קריסטן, נאר די קריסטן האט געפאדערט צען טויזנט דאלאר. זעלבסטפארשטענדלעך, אז די אידן פון די וועלדער האבן ניט געקענט האבן אזא סומע, און דאס קינד איז פארבליבן בא די קריסטן. די מעשה מיט דאקטאר לעווינסאנ'ס קינד האבן מיר דערציילט די לידער אידן וועלכע איך האב געטראפן נאך דער מלחמה.

די גאנצע לעווינסאן פאמיליע פון לידא זיינען אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

עס איז אריינגעפארן פון ווילנע קיין לידא א איד מיטן נאמען יעקב מאיר ראמאנאווסקי, פון פאך א דאמען-שניידער. נאר ער האט געהאט אונטערנעמונגס גייסט, האט ער אין לידא אפגעקויפט פון א קריסט אויף סובאלסקי גאס א גרויסן פלאץ וועלכער האט זיך געצויגן פון סובאלסקי גאס ביזן טייך לידייקא. אויף דעם פלאץ האט ער אויסגעבויט א גרויס געמויערט צוויי שטאקיג הויז, וועלכע האט זיך געצויגן טיף אין הויף אריין. ער האט אין דעם הויף אויך אויסגעבויט פון פראנט צו סובאלסקי גאס א גרויסן קינא מיטן נאמען "נירוואנא". אין עק פון הויף נאענט פון טייך, האט ער אויסגעבויט א גרויסע באד (מרחץ), נאר לאנג איז די באד ניט געווען טעטיג. עס זיינען געקומען ווילנער הייוון-הענדלער און האבן אפגעקויפט די באד פון ראמאנאווסקי און האבן פון דער באד איבערגעבויט אויף א הייוון פאבריק. נאר די הייוון פאבריק, האט אויך ניט לאנג עקזיסטירט.

זיינען געקומען די ברידער סטרוגאטש פון אשמענע און האבן אפגעקויפט די הייוון פאבריק. אגב, די ברידער סטרוגאטש האבן אין אשמענע געהאט א הייוון-פאבריק שוין פון לאנגע יארן און זיינען געווען מיט אשמענער הייוון פאבריק אנגעבונדן צום הייוון סינדיקאט אין פוילן, און אום מיט דעם נייעם פאבריק, זאלן די ברידער סטרוגאטש ניט מאכן קיין דעמפינג, האט דער סינדיקאט אפגעמאכט מיט די ברידער סטרוגאטש אז זיי וועלן באקומען פון סינדיקאט צען טויזנט דאלאר א יאר, אום די לידער הייוון-פאבריק זאל ניט ארבעטן.

דער יונגער ברודער סטרוגאטש, האט נאך אלס סטודענט אין שווייץ, זיך פארליבט אין א סטודענטקע, א טאכטער פון א רוסישן גענעראל, און האט מיט איר געהייראטעט אין שווייצאריע לויט א ציוויליע הייראט. די הייראט פון דוד סטרוגאטש מיט די רוסישע מיידל [איז פארגעקומען] נאך פאר דער ערשטער קריג. נאר נאך איינעגע יאר צייט, האט ער זיך מיט די רוסישע פרוי געגט, געבנדיג איר א היפשע געלט סומע. נאך דעם גט, האט ער זיך באקאנט אין ווילנע מיט א אידישע פריילין, א שוועסטער פון א דאקטאר, און האט מיט איר חתונה געהאט, און זי האט אים געבוירן א זון. ער, דוד, האט מיט די פרוי געלעבט בערך 12 יאר. און שפילנדיג אין קארטן בא א קריסטלעכן דאקטאר אין אשמענע, האט ער זיך פארליבט אין א קריסטלעכן דאקטארס פרוי, האט ער פארגעלייגט דעם דאקטאר צען טויזנט דאלאר אום ער זאל זיך שיידען מיט זיין פרוי. דער דאקטאר האט די טראנסאקציע אנגענומען. דוד סטרוגאטש האט זיין אידישע פרוי געגעבן אויך צען טויזנט דאלאר אום זי זאל נעמען פון אים א גט מיטן באדינג אז דער אינגל זאל זיין בא אים, בא דוד'ן, און דער אינגל וועט האבן דאס רעכט צו פארן צו דער מוטער זיך זען מיט איר. די אידישע פרוי האט איינגעשטימט ווייל זי האט געזען אז זי האט ניט קיין ברירה און האט גענומען גט פון מאן דוד סטרוגאטש און איז צוריקגעפארן קיין ווילנע צו איר ברודער דעם דאקטאר. אויף א עלכע אידן איז פאראן דער פסוק אין תנ"ך "וישמן ישורון ויבעט".

דער עלטערער ברודער סטרוגאטש האט גראדע געפירט א סאליד פאמיליע לעבן.

דער סוף איז געווען אז די גאנצע פאמיליע סטרוגאטש איז אומגעקומען בא היטלערן, אדער פילייכט האט די קריסטלעכע פרוי אויסבאהאלטן דוד'ן. וויבאלד זיי האבן חתונה געהאט ציוויל איז זי געבליבן א קריסטן.

דער לעזער וועט מיר אנטשולדיגן וואס איך האב אנגעהויבן די באשרייבונג פון יעקב-מאיר ראמאראווסקי און האב געענדיגט מיט די ברידער סטרוגאטש פון אשמענע, נאר וואס איז געווארן מיט ראמאראווסקי ווייס איך ניט. אגב ער האט געהאט אין לידא פארהייראטע 2 טעכטער. די עלטערע איז געווען פארהייראטעט פאר יעקב ביכוויס וועלכער האט געהאט א באקאליי סקלאד, און די צווייטע טאכטער איז געווען פארהייראטעט פאר איינעם לעווין. וואס זיין באשעפטיגונג איז געווען, געדענק איך ניט. יעקב מאיר מיט זיין פרוי זיינען מעגלעך געשטארבן פאר היטלערן מיטן נאטירלעכן טויט. די אינגערע זיינען געוויס אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

לעווין, דער ווארנאוור סטאליער, איז ווי עס ווייזט אריינגעפארן קיין לידא פון די נאענטע שטעטל ווארנאווע, וועלכע האט געהערט צו לידער קרייז, נאך דער לידער גרויסער שריפה, און האט געקויפט א פלאץ אויף סובאלסקי גאס, קעגנאיבער דעם שטאטישן גארטן, און האט אויסגעבויט א צווי שטאקיג געמויערט הויז צום פראנט פון סובאלסקי גאס. אין ערשטן שטאק פון הויז, האט ער געמאכט א קינא מיטן נאמען "עדיסאן". אויפן צווייטן שטאק האט זיך געפונען די ווילנער באנק. אגב, די באנק האט זיך געעפנט נאך דער ערשטער קריג, שוין פאר דער פוילישער הערשאפט אין לידא.

לעווין איז געווען זייער א ענערגישער מענש. אחוץ וואס פון פאך איז ער געווען א סטאליער, איז ער אויך געווען א קבלן. אמאל האט מען אזא פאך גערופן "פאדראטשיק", דאס הייסט אייגענטלעך אין רוסיש צו בויען הייזער און אויך פאריכטן הייזער.

ער האט זיינע קינדער זיך באמיט צו געבן בילדונג. לויט ווי מיר דוכט, האט לעווין געהאט צווי זין און א טאכטער. איין זון, דער וואס האט געהאט דאס אבגעברענט פנים, האט אנגעפירט מיטן קינא. וואס דער צווייטער האט געהאט פאר א פאך, געדענק איך ניט. די טאכטער האט געענדיגט אין ווילנע אלס ציינדאקטאר. זי האט געהייראטעט מיט א זון פון בערלאוויטש דעם שטעפער. ער האט געענדיגט אלס "זעמלעמער", אין עברית הייסט דאס מודד, און נאך דער ערשטער קריג איז ליזה מיט איר מאן אוועקגעפארן קיין ארץ-ישראל און האבן זיך באזעצט אין רמת-גן.

ליזע בערלאוויטש האט געהאט א דענטיסטן-קאבינעט און דער מאן האט געארבעט אלס מודד. זיי האבן און איינציגע טאכטער, א פארהייראטע אין חיפה. לעצטנס זיינען ליזע מיט איר מאן אריבערגעפארן קיין חיפה אום צו זיין נאענט צו דער טאכטער, דער בת-יחידה, און זיין נאענט אויך צו די אייניקלעך.

די פאמיליע פון לעווין אין לידא איז אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

דער בארימטער קעלמער מגיד האט געהאט וואוינען אין לידא צוויי זין וועלכע האבן זיך באזעצט אין לידא נאך דער גרויסער שריפה. דעם עלטערן זון פון קעלמער מגיד האט מען גערופן בן-ציון דרשן. דעם צווייטן זון פון קעלמער מגיד האט מען גערופן אברהם-שמאי דרשן. אגב, די פאמיליע דרשן האט דער קעלמער מגיד געוויס אנגענומען ווייל ער איז געווען א בעל-דרשן. בן-ציון דרשן האט זיך באזעצט דער ערשטער אין לידא, ווייל ער האט חתונה געהאט מיט נחמן שפילקאווסקיס א טאכטער. און אזוי ווי בן-ציון דרשן האט באקומען צו די טאכטער פון נחמן שפילקאווסקי דעם לועניצער, א גרויסן נדן, האט ער זיך באזעצט אין לידא און האט אויסגעבויט אויף קרומע און סאדאווע גאסן גרויסע געמויערטע הייזער, איז ער שוין געווארן א לידער אזרח.

בן-ציון דרשן איז געווען א תלמיד חכם. ער האט אפילו געהאט אויך סמיכות אויף רבנות. נאר פארנדיג צו תנאים, האט ער פארלארן די סמיכה און צוליב דעם, וואס ער האט פארלארן די סמיכה, האט ער געמוזט ווערן א סוחר און האט געפירט גרויס געשעפטן. ער איז, אגב, געווען א פעאיקער סוחר.

בן-ציון דרשן האט געהאט דריי זין און א טאכטער. דער עלטערער זון חיים דרשן האט חתונה געהאט און איז אויך געווען א סוחר. חיים האט געהאט א זון, א בן-יחיד, מיטן נאמען נחמן, נאך זיין עלטער זיידן נחמן שפילקאווסקי. נחמן דער אוראייניקל פון נחמן שפילקאווסקי האט געענדיגט די "תרבות" גימנאזיע אין לידא און איז נאך פאר דער צווייטער קריג אוועקגעפארן קיין ארץ-ישראל און געפינט זיך אין חיפה. ער האט אין ישראל געהייראטעט און האט אין זיין פארמעגן צוויי טעכטער מיט א "מכבסה".

דער צווייטער זון פון בן-ציון דרשן מיטן נאמען יוסף האט שטודירט אין ווילנער אוניווערסיטעט. ער האט, דוכט מיר, געענדיגט אויף אדוואקאט. ער האט חתונה געהאט מיט א פריילין וועלכע האט אויך געענדיגט, דוכט מיר, דאקטאר. זיי האבן אויך געוואוינט אין לידא.

דער דריטער זון פון בן-ציון דרשן מיטן נאמען ארטשיק (אהרן) איז געווען אָן בילדונג, ד.ה. שטובישע בילדונג. ער האט אויך חתונה געהאט. ער איז געווען בא דעם פאטערס געשעפטן אין לידא.

די טאכטער פון בן-ציון דרשן איז געווען א דענטיסטקע און האט געהאט א דענטיסטישן קאבינעט בא די עלטערן אין הויז אויף קרומע גאס. זי איז געווען די יונגסטע בא בן-ציון דרשן און ניט קיין פארהייראטע.

די גאנצע פאמיליע בן-ציון דרשן, אחוץ דעם אייניקל נחמן, וועלכער געפינט זיך אין ישראל, זיינען אומגעקומען אין לידא בא היטלערן ימ"ש.

דער קעלמער מגיד האט זיך אויף די עלטערע יארן מיט זיין פרוי באזעצט אין לידא. בן-ציון דרשן האט פאר די עלטערן זיינע ספעציעל אויסגעבויט בא זיך אויפן הויף א וואוינונג פון צוויי צימערן מיט אלע באקוועמלעכקייטן. און בן-ציון דרשן האט זיי אויסגעהאלטן מיט אלע זייערע הצטרכותן ביזן ענדע פון זייער לעבן.

דער צווייטער זון פון קעלמער מגיד, ר' אברהם שמאי דרשן, האט זיך אויך באזעצט אין לידא, ניט צוליב זיין פרוי רייזל, פשוט ווייל זי איז ניט געווען קיין לידערין, נאר ווייל ער איז געווען א שותף בא זיין ברודער בן-ציון דרשן אין די געשעפטן וואס בן-ציון האט געהאט.

ר' אברהם-שמאי איז מן הסתם אויך געווען א תלמיד חכם אלס זון פון קעלמער מגיד. אלס א זעלבסטשטענדיגער סוחר, איז אברהם-שמאי ניט געווען, נאר געארבעט צוזאמען מיטן ברודער בן-ציון דרשן.

אברהם-שמאי'ס פרוי איז געווען זייער א קלוגע און ענערגישע. ר' אברהם שמאי מיט זיין פרוי רייזל, האבן געהאט פיר זין און צוויי טעכטער.

די עלטסטע טאכטער פאליע האט חתונה געהאט פאר א ווילנער יונגגמאן מיטן נאמען מאיר שטיינבערג, און נאך דער ערשטער קריג האבן זיי זיך באזעצט אין ארץ-ישראל, אין תל-אביב ביזן היינטיגן טאג. זייער איינציגער זון [משה] שמיר איז א געענדיגטער אינזשעניר און איז דער דירעקטאר פון סוכר פאבריק "סוגת". דער גרינדער פון דער צוקער-פאבריק איז געווען אברהם שמאי'ס זון משה יצחק ע"ה, וועלכער האט געוואנדערט אין מעקסיקע און איז מיט א פאר יאר צוריק פלוצלונג געשטארבן אין מעקסיקע.

די צווייטע טאכטער רחל האט געהייראטעט מיט אבראשען, דעם זון פון יעקב ווינער דעם טעקסטיל סוחר אין לידא.

דער עלטערער זון פון ר' אברהם-שמאי מיטן נאמען ארטשיק (אהרן) האט חתונה געהאט מיט הדסה, די טאכטער פון חיים אבא פופקא. דער דריטער זון פון ר' אברהם-שמאי דרשן מיטן נאמען יוסף דרשן צוזאמען מיט די עלטערן, אברהם-שמאי און די מוטער רייזל, זיינען מיט איניגע יאר פאר דער צווייטער קריג אוועקגעפארן קיין ארץ-ישראל. יוסף דרשן האט אין ישראל חתונה געהאט מיט א פריילין מרים מיט וועלכע ער האט זיך באקענט אין ישראל, און עס איז בא זיי געבוירן געווארן א טאכטער מיט א זון. די טאכטער ניצה האט געענדיגט אלס קראנקן-שוועסטער, האט חתונה געהאט מיט א אינטליגענטן מיט אקאדעמישע בילדונג יונגגמאן. דער זון חיים איז שוין א סטודענט. יוסף דרשן איז אויך אין די בעסטע עלטערע יארן געשטארבן פלוצלונג צו 54 יאר פון זיין לעבן. ר' אברהם-שמאי מיט זיין פרוי זיינען אויך געשטארבן בשיבה טובה אין ישראל. דער פערטער זון און דער יונגסטער פון זיינע ברידער און שוועסטער איז מיטן נאמען הערשל.

מיט איניגע יאר פאר דער צווייטער וועלט קריג זיינען די איבעריגע קינדער פון ר' אברהם-שמאי דרשן ווי ארטשיק מיט זיין פרוי הדסה, רחל מיט איר מאן אבראשע ווינער, משה יצחק דרשן א רווק, הירשל דרשן אויך א רווק, צוזאמען מיט זיי, ד.ה. מיט די דרשן'ס, [אוועק-געפארן קיין מעקסיקע]. האט דער מחותן פון ר' אברהם-שמאי, חיים אבא פופקא, פארקויפט זיין הויז וואס ער האט געהאט אין לידא אויף די פערמע [=פאַרם], צוזאמען מיט זיין זון נתן און נתן'ס פרוי, געבארענע וועקסלער, [אויך] אוועקגעפארן קיין מעקסיקע וואו זיי געפינען זיך ביזן היינטיגס טאג.

די זין פון ר' אברהם-שמאי האבן זיך אין מעקסיקע ארויפגעארבעט און אפילו רייך געווארן. דער הויפט אנפירער פון די געשעפטן איז געווען משה יצחק דרשן וועלכער האט מיט נאך מעקסיקענער אידן אינוועסטירט געלט אין ישראל מיטן גרינדן די צוקער פאבריק אין ישראל. און ווי איך האב שוין אויבן געשריבן, איז משה יצחק פלוצלונג געשטארבן אלס רווק. באמערקונג: איך האב על פי טעות געשריבן אז די פרוי פון ר' אברהם שמאי, רייזל, איז ניט געשטארבן אין ישראל נאר אין מעקסיקע.[4]

איך דארף צוגעבן צו די כאראקטעריסטיק פון ר' יוסף דרשן אז ער איז געווען א איבערגעגעבענער ציוניסט נאך אין חוץ לארץ. ער איז אויך געווען פון דער נאטור א אינטעליגענטער מענש, מיט א גוט אידיש הארץ. ער האט זיך אפגעגעבן צו העלפן די שארית הפליטה פון לידא וואס זיינען געקומען נאך דער קריג קיין ישראל. יוסף דרשן ז"ל און ישראל אהרן שעלובסקי ז"ל זיינען געווען די גרינדער פון ארגון יוצאי לידא ווי די גרינדונג פון דעם "גמילות חסד" בא דעם אגרון יוצאי לידא. יהי זכרם ברוך! נאכן טויט פון יוסף דרשן האט זיין פרוי מרים איבערגענומען די ארבעט פון ארגון יוצאי לידא און פון גמילות חסד יוצאי לידא.

דער קעלמער מגיד האט געהאט א איידעם מיטן נאמען חנן באר. ער איז געווען א למדן א תלמודיסט און דערצו אויך א קבצן. בן-ציון דרשן האט אים געגעבן א קראם אין זיין הויז אויף קרומע גאס. חנן באר איז אויך

[4] [אברהם-שמשון דרשן (גערופן אברהם-שאמע) און זיין ווייב רייזל זיינען אוועקגעפארן קיין ארץ-ישראל אין 1933 און האבן זיך אריבערגעצויגן קיין מעקסיקע אין 1939. זי איז נפטר געווארן דארטן אין 1946. נאך דעם איז ער צוריקגעפארן קיין ארץ-ישראל אוואו ער איז נפטר געווארן אין 1958.]

ניט געווען קיין לידער, נאר א אריינגעפארענער קיין לידא אום צו האבן שטיצע פון רייכן שוואגער בן-ציון דרשן. חנן באר האט פארמאגט דריי טעכטער און א זון. צוויי טעכטער זיינען געווען דענטיסטנס. די עלטערע טאכטער פון ר׳ חנן באר האט געהאט א דענטיסטן קאבינעט אין לידא. זי איז געווען פארהייראטעט פאר איינעם מיטן נאמען כווילוויצקי, א קולטורעלער און אינטעליגענטער יונגערמאן פון פאך א בוכהאלטער. די צווייטער טאכטער האט געהאט א דענטיסטן-קאבינעט אין א גאליציאניש פוילישע שטאט. איז אין דער צייט פון היטלערן געווען אויף די ארישע זייט און נאך דער קריג איז זי געקומען קיין ישראל און האט אויך געארבעט אלס דענטיסטן. נאר צום באדויערן איז זי קראנק געווארן אויף א שווערע קראנקהייט און איז געשטארבן זייענדיג אין די מיטעלע יארן.

דער זון פון חנן באר האט שטודירט אין פאריז. און אין דער צייט פון היטלערן, האט אים א פראנצויזישע פאמיליע אויסבאהאלטן, און ער געפינט זיך ביז היינטיגס טאג אין פאריז.

ר׳ חנן באר מיט זיין פרוי און דריטע טאכטער, די יונגסטע, זיינען אומגעקומען בא היטלערן ווי אויך די עלטערע טאכטער מיט איר מאן כווילוויצקי מיט א טאכטער. סליחה, חנן באר האט געהאט פיר טעכטער און די פערטע טאכטער איז געווען פארהייראטעט פאר מרדכי שפילקאווסקי, א זון פון משה שפילקאווסקי, א אייניקל פון נחמן שפילקאווסקי. מיט א טעכטערל זיינען אויך אומגעקומען בא היטלערן ימ״ש.

אויף קרומע גאס, ניט ווייט פון פעסטונג האט געוואוינט די פאמיליע פון בערע ביניאקאנסקי. די פאמיליע בינאקאנסקי זעט אויס צו זיין ניט קיין סאמערעדנע לידער ווייל די פאמיליע ביניאקאנסקי איז געווען א איין און איינציגע אין שטאט לידא. נאך אזא פאמילע איז ניט געווען. נאר לויט ווי איך, דער שרייבער פון די שורות, געדענק, האט די פאמיליע ביניאקאנסקי געוואוינט אין לידא נאך פון פאר דער גרויסער שריפה אין לידא. נאר די טייל קרומע גאס וואו די פאמיליע ביניאקאנסקי האט געוואוינט האט די שריפה ניט דערגרייכט, און די צוויי גרויסע אלטע הילצערנע הייזער וואס די פאמיליע ביניאקאנסקי האט פארמאגט האט ניט געליטן פון דער שריפה. די צוויי הייזער האבן פארמאגט א גרויסן הויף באוואקסן מיט גראז.

דער ראש המשפחה בערע ביניאקאווסקי איז געווען א נידעריגער איד מיט א שווארץ-גראע היפשע בארד, און די פלייצע האט אויסגעזען ווי ער וואלט געהאט א קליין הויקערל. און אזוי ווי עס איז אנגענומען אז אלע מענשן וואס האבן הויקערס זיינען קלוגע, איז בערע ביניאקאווסקי אויך געווען זייער א קלוגער איד. ער האט אויך געקענט לערנען תלמוד. קיין ספעציעלע באשעפטיגונג, געדענק איך, האט ער ניט געהאט. זיין צווייטע פרוי האט געהאנדלט אין שטוב מיט מאנופאקטור, וועלכע זיין זון פון דער ערשטער פרוי, וואס האט געוואוינט אין לאדזש און איז געווען בא די טעקסטיל בראנזשע, פלעגט שיקן רעשטלעך מאנופאקטור.

ר׳ בערע ביניאקאווסקי, זייענדיג א קלוגער איד, איז ער שוין ממילא געווען א גענײטער פארמיטלער, און אז מען פלעגט איינלאדן צו זיין א פארמיטלער פלעגט ער אננעמען דעם פאסטן נאר פאר געצאלט, און דאס האט אים אריינגעבראכט א טייל פאר זיין פרנסה. אין איינע פון זיינע צוויי הייזער האט געוואוינט די משפחה ביניאקאווסקי. און די צווייטע הויז, פלעגט ער פארדינגען, וואס האט צוגעגעבן צו די פרנסה. ר׳ בערע ביניאקאווסקי׳ס פרוי, וועלכע איך האב געקענט, איז שוין געווען די צווייטע, וועלכע האט אים געבארן דריי טעכטער, [...] פריילעכע און אויך קלוגע.

פון דער ערשטער פרוי, האט בערע ביניאקאווסקי געהאט א טאכטער מיט א זון. דער זון האט געוואוינט אין לאדזש און איז געווען פארנומען בא די טעקסטיל בראנזשע. די טאכטער פון בערע ביניאקאווסקי׳ס ערשטע פרוי, וועלכע איז געווען אין די הויכע מיידלשע יארן [...] האט בערע ביניאקאווסקי אויסגעפונען פאר איר א זיווג מיט א אלמן פון א ווייט שטעטל, וועלכע געפינט זיך אין געגנט פון סלאנים, מיטן נאמען בוטען. דער אלמן איז געווען א זייער גוטער און פיינער מאן אין עלטער פון בערך 50 יאר. ער האט געהאט צוויי אדער דריי קינדער און מען האט אים געהאלטן אין שטעטל פאר א רייכן מאן. ער האט געהאט א גארבארניע אין וועלכע מען האט אויסגעארבעט פראסטע לעדער. ער האט באמת געפירט א פיין גביריש אידיש הויז. ער אליין איז אויך געווען א פיינער מאנספארשוין. ער איז געווען א הויכער מיט א פיין טונקל שאטן בארד, און האט

אויך געהאט אידישע בילדונג. ער איז אלעמאל געווען ציכטיג געקליידעט, זא דאס [=פארשטייט זיך אז] ער האט געמאכט א גוטן איינדרוק.

וועט דער לעזער געוויס פרעגן, פון וואנען ווייס דער שרייבער פון די שורות וועגן אלע איינצלהייטן, וועגן דעם אלמן פון דעם פארווארפענעם שטעטל בוטען? איז די מעשה פארבונדן, טיילווייז, מיט דעם שרייבערס קינדער יארן?

די מעשה איז פאלגענדע: אין שטעטל בוטען איז געווען א קליינע ישיבה און דער ראש הישיבה איז געווען דעם שרייבערס פאטער ירמיהו אילוטאוויטשעס א נאענטער קרוב. האט ירמיהו באשלאסן אז ער קען דעם קרוב, דעם ראש הישיבה, אנפארטרויען זיין זון יעקב, וועלכער איז, אגב, דאן אלט געווען 12 יאר, צו לערנען אין דעם קרוב׳ס ישיבה. און כך הוה. גלייך נאך פסח האט מען מיר אויסגעפראוועט צו פארן אין דער ישיבה לערנען. עס האט זיך געפונען נאך א אינגל אויך א קרוב פון ראש הישיבה וועלכער איז אויך געפארן מיט מיר צוזאמען אין ישיבה לערנען. דער צווייטער אינגל איז געווען עלטער פון דעם שרייבער מיט א פאר יאר.

צו פארן קיין בוטען האט מען געדארפט פארן מיטן באן ביז דער שטאט סלאנים, און פון סלאנים ביז בוטען מיטן פור. פאר יונגע קינדער איז דאס ניט קיין שווערע נסיעה. יעקב בר׳ ירמיהו אילוטאוויטש איז געווען זייער צופרידן פון דער נסיעה. ערשטנס וועט ער דאך אנזען א וועלט. צווייטנס, וועט ער דאך זיין פטור פון שבתדיגן פארהער פון וועלכן ער האט אויך געקענט קריגן פעטש פון טאטן פאר ניט קענען גוט וויסן דעם שיעור פון א גאנצע וואך. און אחוץ דעם, האט דער טאטע צוגעזאגט צו שיקן צען רובל א חודש. איך וועל דאך לעבן פאר דעם געלט ווי א פירשט און זיין א פריי פייגל, און אזוי איז טאקע געווען אז איך בין געקומען אין שטעטל בוטען. איך זע אז אין מיטן שטעטל פליסט א גרויסער טייך מיטן נאמען די שצארע, און אויפן טייך שווימען פליסן פון האלץ, און מען וועט זיך קענען באדן אין טייך וויפל עס וועט זיך גלוסטן. און א מיל מיט א גרויסע הילצערנע ראד איז אויך פאראן, וואו מען וועט קענען אונטערשטעלן די פלייצע אונטער די כוואלעס פון דער גרויסער ראד. מיט אייןווארט, מען וועט מאכן א לעבן.

נאכן הערן דעם שיעור פון מסכתא חולין מיט די גוזאלצענע פלפולים פון וועלכע איך האב ניט אנגעהויבן צו פארשטיין, פלעגט יעקב דער ישיבה-בחור לויפן צום טייך אראפצושווענקען די שווערע און שארפע פלפולים. און אזוי פלעגט ער זיך פירן יעדן טאג: פלפולים, צום טייך, און פון טייך און אויך כאפן פישלעך. אזוי איז אריבער דער פרעכטיגער זומער, נאר פון דען פלעגט יעקב דער ישיבה בחור א מאל אויסלערנען א פלפול אויף אויסווייניג; מען דארף דאך עפעס ברענגען אויך אהיים פאר די צען רובל א חודש וואס מען פלעגט מיר שיקן.

איך בין צו ווייט פארקראכן מיט די פלפולים און מיטן טייך פון דער עיקרדיקער טעמע.

עס איז אנגעקומען דער ערשטער שבת פון מיין קומען אין שטעטל בוטען, האט דער קרוב, דער ראש הישיבה, מיר געזאגט אז שבת וועל איך עסן בא דעם גביר פון שטעטל וועלכער האט פאר א פרוי בערע ביניאקאווסקיס טאכטער.

דעם ערשטן פרייטאגס צונאכט זייענדיג אין דער פרעמד האב איך זיך צעוויינט. איז ער, דער מאן פון בערע ביניאקאווסקיס טאכטער צוגעגאנגען צו מיר און האט מיר געגלעט און געזאגט: "יאנקו וויין ניט". (ער האט ניט געקענט ארויסזאגן "אל". איז אנשטאט יאנקל, איז ארויסגעקומען "יאנקו".) ער פלעגט דאס ארויסזאגן מיט זייער פיל גוטסקייט, ווארעם ער איז באמת געווען זייער א גוטער מענש. איך בין באמת טאקע געווען צופרידן פון שבת.

ביניאקאווסקיס טאכטער האט זיך זייער גוט געלעבט בא דעם אלמן, און חוץ זיין גוטסקייט איז ער טאקע געווען א רייכער מאן אויך. עס איז מיר דאן, אפילו נאך א אינגל, געווען א וואונדער ווי אזוי בערע ביניאקאווסקי האט דערטאפט דעם רייכן אלמן פון אזא ווייט פארווארפן שטעטל ווי בוטען. אין דעם שטעטל

בוטען איז אמאל געווען א גוטער-איד צו וועלכן ווייבער עקרות פלעגן פארן צו אים נאך א ברכה צו האבן קינדער, און אויך קראנקע בעטן א ברכה אויף געזונד ווערן. דערנאך האט אים די שטאט אשמענע צוגענומען, ווייל אזא רב, און דערצו א גוטער-איד, איז א סגולה צו פרנסה פאר דער שטאט.

נאכדעם אלעם באשריבענעס, ווער דער לעזער זען פון וואנען דער אינגעל יעקב בר' ירמיהו אילוטאוויטש האט געקענט דעם רייכן אלמן פון שטעטל בוטען מיט בערע ביניאקאווסקיס פאמיליע. אין שטעטל בוטען האט געוואוינט די פאמיליע פון באוואוסטן חובב-ציון יחיאל מיכל פינעס. די פאמיליע פינעס האט געהאט אין שטעטל בוטען א טעקסטיל פאבריק פון גראבע פויערישע שטאפן. איך דערמאן זיך אז איך בין אין דער טעקסטיל פאבריק ארומגעקראכן און האב ליב געהאט אלעס צו זען.

דער זמן פון דער ישיבה האט זיך געענדיגט מיט די מסכתא חולין און מיט די געפעפערטע פלפולים. איך האב זיך אפגעזעגנט מיט דעם שיינעם טייך שצארע און מיט די געהילץ פליטן וואס פלעגן שווימען אויפן טייך און מיט די גרויסע מיל ראד, וואס פלעגט קלאפן אירע כוואלעס אין פלייצע. איך האב זיך אויך געזעגנט מיט מיין קרוב, דעם ראש הישיבה, און מיט דעם אלטיטשן בעל הבית בא וועמען איך האב געווען געוואוינט; זיין פאמיליע איז געווען שקאלניק. פיליכט איז ער געווען דער פאטער אדער א פעטער פון ישראל פרעמיער מיניסטער לוי אשכול. איך האב פארפאקט מיין ביסל ארעמקייט מיט די צוויי געפעפערטע פלפולים וועלכע איך האב אויסגעלערנט אויף אויסווייניג און בין צוריקגעפארן אהיים מיט דעם זעלבן וועג, ד.ה. מיטן פור ביז סלאנים און פון סלאנים ביז לידא מיטן באן. אין סלאנים האב איך זיך פארהאלטן אויף א גאנצן מעת-לעת בא א קוזינע און האב באזוכט אלע בתי-מדרשים און אויך די גאסן אין סלאנים. די טייך שצארע איז אויך פאראן אין סלאנים. מיט איין ווארט האב איך געזען אלץ וואס פאר א אינגל איז אינטערעסאנט צו זען און געפארן אהיים קיין לידא.

אין לידא בא דער באן האט מיר אפגעווארט דער פאטער, און אז ער האט דערזען מיין סאניטארן צושטאנד האט ער גלייך בא די באגעגעניש באשלאסן אז אויף ווייטער וועסטו שוין ניט פארן לערנען אין ישיבה, נאר דו וועסט לערנען בא משה בער דעם גמרא מלמד. הערנדיג דעם פאטערס באשלוס אז יעקב פארבלייבט אין לידא לערנען אויף ווייטער איז ניט געווארן אזוי פריילעך אויפן הארצן. עס ווער דאך ווייטער זיין די שבתדיגע פארהערערייען און מעגלעך אויך די שבתדיגע פעטש.

דאס איז געווען די ערשטע היסטארישע נסיעה (רייזע) בא דעם אינגל יעקב בר' ירמיהו אילוטאוויטש פון וועלכע ער יעקב איז געווען זייער צופרידן.

אויף קרומע גאס, קעגנאיבער דעם שלאסבארג (פעסטונג), האט געוואוינט א בעל הבית וועכלער מען האט גערופן הירשל סובירניק [...]. זיין פאמיליען-נאמען איז געווען ניט וויכטיג ווייל מען זאל פרעגן לויט זיין פאמיליען-נאמען וואלט מען ניט געוואוסט ווער דאס איז, נאר אז מען האט געפרעגט אויף הירשל סיבריניק, וואלט יעדער געזאגט: "אה! הירשל סיברינִיק, ער וואוינט דארט און דארט". מען האט אים גערופן סיבירניק ווייל ער איז געווען א שלעכטער מענש. ער איז געווען א פעסטער געבויטער מענש מיט א העל גראע בארד. זיין באשעפטיגונג – ער האט געהאט א גארבארניע, א פאבריק וואס ארבעט אויס פראסטע לעדער. ער איז געווען א רייכער איד. פון דער ערשטער ווייב זיינער האט ער געהאט א זון מיט א טאכטער. דעם זון האט מען אויך גערופן סיבירניק, ווייל דער נאמען איז אריבער בירושה פון זיין טאטן, אבער דער זון איז גראדע ניט געווען קיין שלעכטער. די טאכטער האט חתונה געהאט פאר איינעם ניט קיין לידער [...]. ער איז געווען א איידעלער מענש, א תלמודיסט. זיין באשעפטיגונג – ער האט אויפגעקויפט רויע פעל אויף עקספארט. ער האט געהאט א זון אין ישראל. ער האט גענומען א אנטייל אין מלחמת השחרור און איז געווען א אלוף, א פקיד אין תל-אביבער עיריה (מאגיסטראט) [...]. ער איז געשטארבן אין די בעסטע מיטעלע יארן. דער אלטער הירשל סיבירניק האט מיט זיין צווייטע פרוי געהאט א זון מיט א טאכטער. זיין זיינען אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

אין די קינדער יארן פון דעם שרייבער פון די שורות, און בא אלע קינדער פון דער שטאט לידא, איז געווען א לעגענדארע פיגור, חיים דער מאראזשעניק, דער וואס פארקויפט זומער אייז-קרעם.

נאך פסח ווי עס פלעגט ווערן ווארעם אין דרויסן, פלעגט זיך באווייזן חיים דער "מאראזשעניק", א מאן העכער פון א מיטל וואוקס, א פעסט געבויטער מאן אין זיינע לעגענדארע קליידער, וועלכע זיינען באשטאנען פון א לאנגע רויטע העמד, ארומגענומען מיט א קאלירטן שנור, מיט א אלטן צילינדער אויפן קאפ און אויפן צילינדער פלעגט ער האלטן דעם עמערל מיט די מאראזשינע און אויסשרייען אין רוסיש אז ער פארקויפט מאראזשינע. די קינדער, ווי נאר זיי פלעגן דערהערן דעם צויבערענדן נאמען מאראזשינע, פלעגט לויפן צו די מאמעס אויסבעטן א קאפעקע צו קויפן מאראזשינע, און גלייך פלעגט זיך צונויפקלייבן א כאפטע קינדער ארום אים. דאן פלעגט חיים לאנגזאם אראפנעמען דעם עמערל פון צילינדער מיט דעם כישופנדיגן מאכל און געבן יעדן אינגעלע אדער מיידעלע פאר א קאפעקע מאראזשינע. און אזוי פלעגט דאס פארקומען א גאנץ זומער יעדן טאג. די מאמעס זיינען געווען שטארק ניט צופרידן פון די אויסערגעוויינלעכע הוצאה פאר איר בודזשעט, ווייל אין יענע צייטן איז א קאפעקע געווען א גרויס מטבע, נאר עס האט ניט געהאלפן די מאמעס, ווייל ווען די מאמע האט ניט געוואלט געבן די קאפעקע יעדן טאג אויף מאראזשינע, האבן די קינדער אויך געהאט מיטלען מיט וואס צו שרייקן, למשל ניט וועלן גיין אין חדר אדער וויינען און שרייען אז הימל עפן זיך, און די מאמעס האבן געמוזט נאכגעבן.

דער האנדל מיט מאראזשינע אום זומער איז דאן געווען בא חיים'ן א מאנאפאל פיל יארן. מיט וואס חיים האט געהאנדלט ווינטער, האט דער שרייבער פון די שורות ניט געוואוסט, מעגלעך אז ער האט געהאט נאך א פראפעסיע פאר דעם ווינטער. זיין פרוי האט אויך געהאנדלט אויפן מארק.

*

דער עלטערער דור געדענקט געוויס דעם יעקע מיטן נאמען גערמאנישסקי (דער פאמיליען-נאמען איז גענומען פון דעםווארט "גערמאניע" – דייטשלאנד, און נאר צוגעגעבן צום ענדע "סקי". דאס שרייב איך דרך אגב.) גערמאנישסקי איז געווען א הויכער, א שלאנקער, און גערעדט נאר דייטש. לויט ווי איך געדענק אים אלס אינגל איז ער שוין געווען א עלטערע מענש, נאר פון דען, ניט קוקנדיג אויף זיין עלטער, איז ער געווען שלאנק. זיין פרוי איז געווען א סך נידעריגער פון דעם מאן. זיי זיינען נאך מיט יארן פאר דער גרויסער שריפה פון לידא אריינגעפארן אין לידא פון די באלטישע לענדער אין וועלכע עס האט געהערשט די דייטשע שפראך. זיי האבן געהאט א איינציג טאכטער. זי איז געווען א שלאנקע. די עלטערן האבן איר געגעבן א גוטע ערציונג און בילדונג. זי האט אויך געשפילט קלאוויר.

גערמאנישסקי האט געהאט א איין-שטאקיג געמויערט הויז מיט א גרויסן שטאל אויף סובאלסקי גאס, דאן ווילנער גאס, קעגנאיבער די רוסישע צערקווע, מיט א גלעזערנעם גאנעק צום גאס. ער האט געהאט א זעלצן וואסער זאוואד און דער גלעזערנער גאנעק האט געדינט אלס קיאסק, אין וועלכען ער פלעגט פארקויפן די זעלצן וואסער אויפן גלאז און אויך סיפאנען מיט זעלצן וואסער. אגב, גערמאנישסקי איז געווען דער ערשטער אין לידא וואס האט געהאט א פאבריק פון זעלצן וואסער.

די אלטע פאר גערמאנישעסקיס זיינען געשטארבן און די טאכטער איז מן הסתם ארויסגעפארן פון לידא, ווייל גוטל דער מיעסאנזיניק, א קאטלער האט אפגעקויפט דאס הויז מיטן זעלצן וואסער זאוואד און האט אויך פאבריצירט זעלצן וואסער און גוטלס פרוי, א קליינע, א דארע, איז געזעסן אין גלעזערנעם גאנעק און האט פארקויפט זעלצן וואסער א קאפעקע א גלאז, און גוטל אליין האט זיך פארנומען מיט זיין קאטלער פאך.

נאך דער ערשטער וועלט מלחמה, האט שוין גוטל געוואוינט אויפן מארק בא שמואל שטיינבערג אין הויז און גוטלס ווייב, האט שוין ניט פארקויפט קיין זעלצן וואסער, ווייל אין שטיינבערגס הויז האט געהאט שטיינבערגס איידעם, בנימין לאנדא, א זעלצן וואסער זאוואד און האט געהאט אויך א קראם צום מארק אין וועלכן לאנדא פלעגט פארקויפן זעלצן וואסער אויפן גלאז מיטן אמתן ריינעם קארשן סאק פאר דריי קאפעקעס א גלאז.

ווי עס ווייזט האט גוטל פארקויפט די הויז אויף סובאלסקי גאס און האט זיך איבערגעקליבן צו שמואל שטיינבערג אין הויז און האט זיך פארנומען נאר מיט זיין פאך קאטלער מיעסאנזניק.

אויף סובאלסקי גאס צווישן די רוסישע צערקווע און פאפירמייסטערס הויף איז געווען נידעריג הילצערן הויז אין וועלכע עס האט געוואוינט דושמאן מיט זיין פרוי און איינציג טאכטער.

דושמאן איז געווען העכער פון מיטל וואקוס מיט ניט קיין גרויסע רויט-גרוילעך בארד. ער איז געווען א איד וואס האט געקענט גוט לערנען און זייער א קלוגער. אין קהלשע ענינים האט ער זיך ווייניג געמישט, נאר צו קריטיקירן האט ער זייער גוט געקענט. זיין פרוי איז געווען א הויכע, א רויטע מיט א סך זומער שפרינקלעך אויפן געזיכט. זיי האבן געהאט א בת-יחידה. זי איז אויך געווען א הויכע, א רויטע מיט זומער שפרינקאלך אויפן געזיכט. די טאכטער איז געווען א קאפיע פון דער מוטער. סיי די מוטער און סיי די טאכטער זיינען געווען מיט בילדונג און אויך זייער קלוגע.

די פאמיליע דושמאן האט אויסגעזען צו זיין אויך אריינגעפארענע פון ערגעץ וואו, ווייל די פאמיליע דושמאן איז געווען איין פאמיליען נאמען אין לידא. דושמאן האט אויך געהאט א זעלצן פאבריק מיט א קיאסק אין שטאטישן גארטן אין וועלכען מען האט פארקויפט זעלצן וואסער. דושמאן האט אויך פאבריצירט קעפיר. ווען דושמאן האט געגרינדעט די דרוקעריי געדענק איך ניט, נאר מעגלעך נאך דעם ווי ער האט חתונה געמכאכט די טאכטער. דער איידעם איז אויך ניט געווען קיין לידער, נאר א אימפארטירטער פון ערגעץ וואו, ווייל אזא הויכער ווי דושמאנס איידעם האט זיך ניט געפונען אין לידא. דושמאנס טאכטער איז דאך געווען זייער א הויכע, און דער איידעם איז געווען נאך העכער. די תלמודישע בילדונג וואס דושמאן האט געהאט, האט דער איידעם ניט געהאט. וועלכע וועלטלעכע בילדונג דומשאנס איידעם האט געהאט האב איך ניט געהערט. ער האט געמוזט האבן זעלבסט-בילדונג. די דרוקעריי האט דושמאן געגרינדעט געוויס פארן איידעם מיט ד טאכטער. מעגלעך אז דער איידעם האט געהאט פאך קענטעניש אין דרוקעריי.

אין דער צייט וואס די לידער אלגעמיינע ציוניסטישע ארגאניזאציע האט ארויסגעגעבן די צייטונג "לידער וואך", האט מען די צייטונג געדרוקט בא דושמאנען אין דרוקעריי, און דושמאן האט, דוכט מיר, שוין ניט געלעבט. די יונגע פאר דושמאנס-זאלדאוויץ, דוכט מיר, אז זיי האבן קיין קינדער ניט געהאט. זיי זענען געוויס אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

אין דער זעלבער צייט וואס איז געווען דושמאנס דרוקעריי, איז אין לידא געווען נאך א דרוקעריי, וועלכע האט זיך געפונען אין דעם וואראנאווער סטאליערס הויז. דער אינהאבער [=בעל-הבית] איז געווען ________. אין די דרוקעריי האט געארבעט דאמעשעק [דמשק?], דער זעלבער וואס געפינט זיך אין ישראל און ארבעט אין צייטונג "דבר".

**קאפיטל טאבאק פאבריקן אין לידא**

עס איז געווען דריי טאבאק פאבריקן אין לידא. די גרעסטע און די עלטסטע איז געווען די טאבאק פאבריק פון זעליג ווילענטשיק. ער איז געווען א געבארענער אין שטאט סלאנים, נאר ער האט חתונה געהאט אין לידא מיט פריילין ציפע וועלכע איז געווען א געבארענע א לידערין פון דורות. איר יחוס האט געשטאמט פון הרב ר' מרדכי מעלצער ז"ל. לויט ווי איך געדענק איז זעליג ווילענטשיק געווען א הויכער און פעסטער מאן, א ברונעט מיט קליינע שווארצע גראע בארד. קיין תלמיד-חכם איז ער ניט געווען, נאר א ענערגישער געשעפטס מאן איז ער געווען. ער האט די טאבאק פאבריק אנגעהויבן פון קליין מיט האנט-ארבעטער, און מיט דער צייט האט זיך די טאבאק פאבריק אנטוויקלט און האט שוין געארבעט מיט מאשינען. דער הויבט ארטיקל איז געווען וואס די פאבריק האט אויסגעארבעט וואס האט געהייסן "מאכארקע". דעם סארט טאבאק האבן געררויכערט די פויערים. נאך דער ערשטע וועלט מלחמה האט די פאבריק אויך אויסגעארבעט גוטן טאבאק און פאפיראסן.

זעליג ווילענטשיקס פרוי האט געהאט א קראם אויפן מארק אין אייגן הויז אין וועלכן זי האט פארקויפט די טאבאק אויסארבעטונג פון פאבריק און אויך אימפארטירטן בוימל וועלכן זי האט פארקויפט אין דעטאל און אין הורט.

זעליג מיט ציפען האבן געהאט א זון, א בן-יחיד, מיטן נאמען מרדכי, מעגלעך אויפן נאמען הרב ר׳ מרדכי מעלצער ז״ל. מרדכי איז ניט געווען קיין אקאדעמיקער. ער האט געהאט, ווי מען רופט דאס, אידישע בעלי בתישע בילדונג. [...]זעליג ווילענטשיק האט געמאכט א גרויס פארמעגן. זעליג מיט ציפען האבן אויך געהאט דריי טעכטער וועלכע ער האט חתונה געמאכט און געגעבן גרויס נדנס. נאר די ענדע איז געווען אז פריער זיינען געקומען די באלשעוויקעס און האבן צוגענומען דעם פארמעגן, נאכער זיינען געקומען די היטלער באנדעס און האבן צוגענומען די נשמות.

די צווייטע טאבאק פאבריק האט געהערט צו נחמן שפילקאווסקי, אדער ווי מען האט אים אויך גערופן נחמן דער לאפעניצער, וועלכער איז געווען א רייכער גוט-באזיצער. און אין די צייטן פון בארימטן רוסישן מיניסטער איגנאסיעוו (איך שרייב דער ״בארימטער״ ווייל ער איז געווען בארימט מיט זיינע גזרות אויף אידן), וועלכער האט ארויסגעגעבן א געזעץ אז אידן טארן ניט האבן קיין גיטער, און די אידן וועלכע האבן אזעלכע ערד-גיטער געהאט זיינען געווען געצוואונגען צו פארקויפן זייערע גיטער צו קריסטן — אין יענער צייט איז שפילקאווסקי פארקויפנדיג זיין גוט אריינגעפארן קיין לידא מיט זיין פאמיליע, ווי איך האב שוין אויבן געשריבן און האט אויסגעבויט א גרויסע הויז צו דער זייט פון קרומע גאס און די פאבריק אין דער זייט פון סאסאווע גאס.

נחמן שפילקאווסקי האט געהאט דריי זין און צוויי טעכטער. נחמן שפילקאווסקי איז שוין אין יענער צייט געווען א אלטער מאן, זא דאס [=פארשטייט זיך אז] די אנפירונג מיט די טאבאק פאבריק איז געווען אונטער דער אנפירונג פון די אינגערע צוויי זין מאיר און לייבע. דער עלטסטער זון משה שפילקאווסקי האט געהאט א מעל געשעפט אין זעלבן הויז פון נחמן שפילקאווסקי, און אזוי ווי נחמן שפילקאווסקי, אחוץ זיין אלטקייט, איז ער געווען דערצו זייער א פשוטער איד וואס האט זיך ניט געקענט אפילו אונטערשרייבן, האבן די זין געזאגט אז מען מוז נעמען א בוכהאלטער. און דער אלטער נחמן פלעגט זיצן א גאנצן טאג אין ביורא, און פארן שליסן דאס ביורא פלעגט מען אים געבן די געלט פון קאסע און, ווי עס פירט זיך אין געשעפטן, איז ניט אלע טאג פארבליבן געלט אין קאסע. פלעגט נחמן זאגן: ״איך פארשטיי ניט, מען שרייבט און מען שרייבט און קיין געלט איז ניטא״, און נחמן האט צוגעגעבן: ״אז איך האב געהאט דעם מאיאנטעק לופניצע און דעם מיל האב איך געהאט צוויי זעקלעך אויפן האלז, אויף דער רעכטער זייט א זעקל וואס איך האב גענומען געלט און אין דער לינקער זייט א זעקל וואס איך האב אויסגעגעבן געלט. און אין אוונט האב איך איבערגעציילט ביידע זעקלעך מיט די געלט האב איך געזען יעדן טאג וויפל איך האב פארדינט. און דא אין די טאבאק פאבריק, שרייבט מען פיל און קיין געלט איז ניטא״.

נחמן שפילקאווסקי איז געווען זייער רייך, האט ער איינגעהאנדלט צוויי פיינע איידעמס. פאר דער עלטערער טאכטער דעם זון פון קעלמער מגיד בן-ציון דרשן. דער איידעם פאר דער צווייטער טאכטער איז אויך געווען א איידעלער און אינטעליגענטער מענש, א ציוניסט און א גוטער העברעער מיטן נאמען בולאווקין, וועלכער האט זיך ניט פארגעשטעלט וואוינען אין לידא, נאר ער איז ארויסגעפארן קיין פריינקרייך אין פאריז.

די דריי זין פון נחמן שפילקאווסקי האבן שוין געלערנט בא פריוואטע לערער און האבן געהאט מינימאלע בילדונג.

מיט די פאמיליע שפילקאווסקי איז געשען וואס מיט אלע פאמיליעס בא היטלערן, אחוץ די אלטע פאר און א זון מאיר זיינען געשטארבן מיטן נאטירלייכן טויט און אחוץ א זון פון חיים און זיין פרוי מאניע דרשן מיטן נאמען נחמן וועלכער געפינט זיך אין ישראל, חיפה, זיינען אלע אומגעקומען בא היטלערן ימ״ש.

די דריטע טאבאק פאבריק האט געהערט צו שמואל דוד רובינאוויץ. ער איז געווען א איידעלער מענש מיט בילדונג. ער איז געווען פון אנפאנג א שותף אין זעליג ווילענטשיקס טאבאק פאבריק, נאר נאכער האט ער זיך אפגעטיילט פון ווילענטשיקס טאבאק פאבריק, וועלכע האט דאן אויסגעארבעט נאר מאכארקע טאבאק פאר פויערים, און שמואל דוד רובינאוויטש האט געגרינדעט א טאבאק פאבריק אויסשליסלעך פון גוטן טאבאק, פאפיראסן און סיגארעטן. די פאבריק האט זיך געפונען אויף קרומע גאס, קעגנאיבער דעם שלאסבארג. די פאבריק האט עקזיסטירט עטלעכע יאר, און אם ענדע האט שמואל דוד רובינאוויטש די טאבאק פאבריק ליקווידירט, וואס עס איז געווען פאר אלעמען א רעטעניש ווייל די טאבאק און די פאפיראסן זיינען געווען זייער גוטע און אלע האבן גערימט די סחורה. נאר מן הסתם האט שמואל דוד רובינאוויטש געוואוסט וואס ער טוט.

שמואל דוד רובינאוויטש האט אויך געהאט א גאלאנטעריי און שרייב-מאטעריאלן געשעפט אויף סובאלסקי גאס אין וועלכע פייגל ראפאפאטניצקי איז געווען א פארקויפערין. און נאך איר האכצייט [=חתונה] מיט גרשון קאמענעצקי איז זי געווארן א שותפטע צום געשעפט און אם ענדע די גאנצע אינהאבערין [=בעל-הביתטע] פון געשעפט.

נאך דעם ווי שמואל רובינאוויטש האט ליקווידירט די טאבאק פאבריק האט זעליג ווילענטשיק אנגעהויבן אויסצוארבעטן אין טאבאק פאבריק אויך גוטן טאבאק און פאפיראסן. די געביידע אין וועלכע עס איז געווען רובינאוויטשעס טאבאק פאבריק האט אפגעקויפט די לידער קהילה, און מען האט אין די געביידע איבערגעמאכט אויף א קהלשע באד מיט וואנעס מאדערנע און א קהלשע מאדערנע מקווה.

ענדע פון קאפיטל טאבאק פאבריקן אין לידא.

מיט יארן, נאך פאר דער גרויסער שריפה אין לידא, איז אין לידא געווען א איד וועלכן מען האט גערופן לייבע דער נייער נגיד. פאר וואס עפעס "נייער נגיד"? מן הסתם ווייל פריער איז ער געווען א קבצן און, לויט ווי מען האט דערציילט, האט אים ג-ט געהאלפן און ער האט געוואונען אויף א זאכסישן שפיל צעטל א גרעסערע סומע געלט. האט מען אים צוליב דעם געגעבן דעם נאמען "נייער נגיד".

ער האט פאר דעם געוואונענעם געלט אפגעקויפט נאך פאר דער לידער גרויסער שריפה אויף קרומע גאס און טשערוואנע געסל, א גרויסן שטח מיט אלע הילצערנע געביידעס. אין די גרויסע שריפה האבן די הייזער אפגעברענט און עס איז פארבליבן נאר דער פלאץ.

דאס זעלבע וואס איז געשען מיט נחמן דעם לוניצער, האט געשען מיט א ישובניק וואס האט געמוזט פארקויפן און איז אריינגעפארן קיין לידא. גערופן האט מען אים ישראל דער קאסוישצינער. ער איז שוין דאן געווען א אלטער מענש, א נידעריגער איד מיט א גראע בארד, אויך א פשוטער איד [...]. דער ישובניק ישראל האט פאגעקויפט דעם פלאץ פון לייבע דעם נייעם נגיד, אדער פון זיינע יורשים און האט אויסגעבויט א איין-שטאקיג געמויערט הויז צו דער זייט פון קרומע גאס אויף א האטעל פאר זיין זון דעם בן-יחיד און נאך אייניגע קראמען אויך צו דער זייט פון קרומע גאס. אין איינע פון די קראמען איז געווען דאס מעל געשעפט פון אייזיק לאנדא, און אין די וואוינונגען אין דער זייט פון טשערוואנע געסל, האט געוואוינט ירמיהו אילוטאוויטש מיט זיין פאמיליע. און אין די צווייטער וואוינונג האט געוואוינט אייזיק לאנדא מיט זיין פאמיליע. נאכער האט אין די וואוינונג פון אילוטאוויטש געוואוינט דער אייניקל פון ישראל קאסוישצינער מיטן נאמען בערל דווארעצקי מיט זיין פאמיליע, ביז וואנען עס זיינען געקומען די באלשעוויקעס. און אזוי ווי ער האט ניט געוואלט ווארטן אויף א אומזיסטע רייזע קיין סיביר, און אויך ניט אויף היטלערן, איז ער געפארן אויף אייגענע הוצאות דורך ווילנע, רוסלאנד און יאפאן קיין אמעריקע, וואו ער געפינט זיך יעצט מיט זיין פאמיליע אין ברוקלין, ניו-יארק. ווען דער שרייבער פון די שורות—יעקב אילוטאוויטש—איז געווען אין ניו-יארק, האט ער זיך מיט אים אייניגע מאל געטראפן. ער מאכט אין אמעריקע א לעבן, ווי די אמעריקענער זאגן, נאר ער ארבעט שווער. זיין פרוי רבקה האט אויסגעזען זייער גוט. זיינע צוויי טעכטער האבן שוין לאנג חתונה געהאט, און בערל מיט רבקה'ן האבן שוין היפשע אייניקלעך.

אין ברוקלין איז אויך געווען בערל דווארעצקעס שוועסטער פריידל מיט איר מאן לייב קאטליארסקי, וועלכע זיינען שוין ביידע דארט געשטארבן.

די צווייטע שוועסטער פון בערלען, מלכה, איז געווען פארהייראטעט פאר פלטיאל דווארעצקעס א זון, א צאן דאקטאר אין ברוקלין, איז ער אין די מיטעלע יארן געשטארבן.

בערל האט אויך צוויי ברידער אין אמעריקע. בערל דווארעצקעס מוטער איז געווען א טאכטער פון ישראל קאסווישאשינער. איר מאן האט געהייסן פסח דווארעצקי. זיי זיינען שוין געווען לאנג געשטארבן אין לידא.

דאס איז די היסטאריע פון ישראל קאסווישאשינערס פאמיליע און זיין אייניקל בער דווארעצקי און בערלס שוועסטער און ברידער.

## קאפיטל קאלאשן פאבריקן

נאך דער ערשטער וועלט מלחמה, פאר די צייט פון דער פוילישער הערשאפט אויף די קרעסן (ווייס-רוסלאנד), האט די שטאט לידא זיך שטארק אנטוויקלט אין האנדל און פאבריקאציע, ווי אויך אין די בוי באוועגונג. האבן צוויי יונגע מענשן, די ברידער קושילעוויטש, געענדיגקטע אין פריינקרייך אלס כעמיקער פאר גומי אינדוסטרי, געגרינדעט א געזעלשאפט אום צו גרינדן א גומי פאבריק אום אויסצוארבעטן גומי קאלאשן מיט א העברעאישן נאמען "ערדל". אין די געזעלשאפט איז געווען א היפש ביסל שותפים פון די ארטיקע אידישע לידער איינוואנער. די פאבריק האט אויסגעארבעט גוטע סחורה און האט באקומען א גוטן נאמען. און אזוי ווי די פאבריק האט זיך אנטוויקלט, האט זיך געפאדערט גרויסע אינוועסטיציעס אום צו פארגרעסערן די פראדוקציע, האבן די שותפים ניט געהאט קיין חשק צו געבן נאך געלט. אגב, צווישן די שותפים איז אויך געווען זעליג ווילענטשיקס אינגערער איידעם מיטן נאמען פארמאן. האט ער פארגעלייגט פאר די שותפים אז ער האט איינעם וואס וויל איבערנעמען די פאבריק און וועט אויסצאלן אלעמען זייערע חלקים ווי אויך די חלקים פון די גרינדער די ברידער קושעלעוויטש, אויף וואס אלע שותפים מיט די גרינדער קושעלעוויטש האבן איינגעשטימט. דער איבערנעמער איז געווען א אויפגעקומענער מלחמה גביר פון דער שטאט ראוונע מיטן נאמען מעלופ, און איז געווען דער וואס האט אלע שותפים צוזאמען מיט די גרינדער קושילעוויטש אויסגעצאלט פאר זייערע חלקים, אחוץ ווילענטשיקס איידעם פארמאן, וועלכער איז פארבליבן אלס שותף אויף זיינע פריערדיגע פארצענטער וואס ער האט געהאט. און דער פארמאן האט אויך געהאט א פאסטן אין קאלאשן פאבריק "ערדל". פארמאן האט געהאט די פריווילעגיע צו פארבלייבן אלס שותף און אויך האבן א פאסטן, ווייל דער פארמאן איז געווען א נאענטער קרוב פון מעלופ'ן. מעלופ האט פארגרעסערט און אויך פארבעסערט די פראדוקציע מיט נייע פארפאלקאמטע מאשינען און די פאבריק האט שטארק פראגרעסירט. אויפן פאבריק האבן געארבעט 1200 ארבעטער. מעלופ האט אויך איינגעפירט די אויסארבעטונגען פון לעדערנע שוכווארג.

מיטן קומען פון די סאוויעטן אין לידא אין סעפטעמבער 1939 האט מעלופ ניט געוואלטווארטן אויף די העפלעכקייט פון די סאוויעטן אויף א אומזיסטע רייזע קיין סיביר אין די טייגעס [= פארפרוינער סאסנע וועלדער], און איז מיט זיין פאמיליע אפגעפלויגן קיין שוועדן און פון דארט קיין אמעריקע וואו ער געפינט זיך מיט זיין פאמיליע.

די ברידער קושילעוויטש, נאך דעם ווי זיי זיינען ארויסגעטראטן פון דער קאלאשן פאבריק "ערדל", האבן געגרינדעט אין לידא מיט אייגענע כוחות א קאלאשן פאבריק. און אויך זייער פאבריק האט זיך גוט אנטוויקלט, און בא זיי האבן שוין אויך געארבעט איבער 300 ארבעטער.

די ענדע איז געווען מיט די ברידער קושילעוויטש, ווי מיט מעלופן פון "ערדל" קאלאשן פאבריק, אז זיי האבן אויך ניט געווארט אויף די העפלעכקייט פון די באלשעוויקעס מען זאל זיי געבן א אומזיסטע רייזע קיין סיביר און זיינען אוועקגעפארן אויף זייערע הוצאות קיין אמעריקע וואו זיי געפינען זיך אין ניו-יארק.

עס איז געווען אין לידא א איד מיטן נאמען "יודל אמת". ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס מיט א טונקל רויטע ניט קיין גרויסע בארד. דאס געזיכט און דער מויל איז בא אים געווען א ביסל פאקרימט, אזוי ווי ער וואלט געווען שטענדיג א ניט צופרידענער. ער האט געוואוינט אין שטערוואנע געסל. און אזוי ווי די פאמיליע פון דעם שרייבער פון די שורות האט אויך געוואוינט שטערוואנע געסל, אזוי אז ער, דער שרייבער פון די שורות, פלעגט אים יעדן טאג זען. אויף זיין פנים האט מען קיין מאל ניט געזען קיין שמייכל. אגב, "אמת" איז געווען א גרויסער למדן, זיין פאך און פרנסה איז געווען א פראצענטניק אין אלערליי פארמען ווי למשל: א וואכערניק, ד.ה. די הלוואה איז געגעבן געווארן אויף אויסצאלן יעדע וואך מיט די פראצענט, א טעגלעכע הלוואה מיט טעגלעכע פראצענט, הלוואה אויף א חודש מיט חודשדיגע פראצענט. קיין יערלעכע הלוואות איז בא אים ניט געווען, ווייל ער האט זיך געוואלט זען מיט די סומע און מיטן פראצענט יעדן טאג, יעדן חודש, יעדע וואך. א יאר איז בא אים געווען א צו לאנגע צייט, און ער וואלט געווען ניט רואיק און עס וואלט אים אויך געשטערט אין לערנען. מאלע וואס עס קען זיך טרעפן אין פארלויף פון א יאר צייט, און דעריבער איז ער "אמת" זייער רייך געווען. און אזוי ווי ער איז געווען רייך, אזוי גרויס איז געווען זיין קמצנות. "אמת" איז געווען בארימט אין שטאט לידא מיט זיין קארגשאפט, און ווי ווייט די קארגשאפט פון יודל "אמת" האט דערגרייכט, קען דינען דער פאלגענדער פאקט: זעליג ווילענטשיק האט בא אים געליען דריי טויזנט רובל אויף טעגלעכע, ד.ה. אז יעדן טאג קען ווילענטשיק אים אפגעבן דאס געלט. האט אים ווילענטשיק אפגעשיקט דאס געלט דאנערשטיק, און אין דעם זעלבן טאג האט יודל אמת'ס וייב געבעטן געלט אויף איינקויפן אויף שבת, האט ער איר געשענקט א קללה און געזאגט: "דער פגר ליגט אין שטוב און דיר ליגט אין זינען מאכן שבת". דאס איז ניט קיין וויץ פון לצים, נאר א אמתער פאקט פון מר יודל "אמת".

יודל "אמת" האט געהאט פיר טעכטער און א בן-יחיד וועלכער איז געבארן געווארן נאך די טעכטער, כמעט אויף די עלטערע יארן. די טעכטער האט ער געבילדעט, אחוץ די עלטערע טאכטער וועלכע האט געהאט פריוואטע בילדונג, נאר די אינגערע דריי טעכטער האבן געלערנט אין גימנאזיע. דער זון אזוי ווי ער איז געווען יונג, האט ער געלערנט אין חדר און בא א גמרא מלמד. נאר ניט קוקנדיג אויף זיין גרויסע קארגשאפט, האט "אמת" אויף חתונה צו מאכן די טעכטער ניט געזשאלעוועט קיין געלט. מעגלעך אויך צוליב דעם וואס "אמת" איז געווען א למדן, האט ער געוואוסט וואס די חז"ל האבן געזאגט וועגן חתונה צו מאכן א טאכטער. האט "אמת" פאר די עלטערע צוויי טעכטער איינגעהאנדלט צוויי ברידער [...] פון גראדנא. דער שידוך מיט די צוויי טעכטער איז פארגעקומען נאך פאר דער ערשטער וועלט מלחמה. ער האט פאר יעדע טאכטער געגעבן דריי טויזנט רובל נדן. אין יענע צייט איז דאס געווען א גרויסע סומע.

די צוויי ברידער [...] נאך זייערע חתונות, האבן זיך באזעצט אין לידא און האבן געגרינדעט אין לידא א גוס-אייזן פאבריק, און האבן אויסגעארבעט לאנדווירטשאפטלעכע מאשינען, און די פאבריק האט שטארק פראספערירט, און זיי האבן פראגרעסירט די פאבריק און אויך די אויסארבעטונג.

בא זיי אין פאבריק האבן געארבעט אידן און קריסטן, און אזוי ווי די ברידער [...] זיינען געווען זייער פרומע "אגודה"ניקעס. האט די פאבריק ניט געארבעט צוויי טעג אין וואך: שבת און זונטאג. די פאבריק און זייער וואוינונגען האבן זיך געפונען אין עק שטאט פון סולבסקי גאס. אויפן הויף פון זייער פאבריק איז אויך געווען זייערע וואוינונגען און אויך א קליינער בית-המדרש צום דאווענען, אזוי אז זיי זיינען געווען אפגעזונדערט פון צענטער שטאט לידא. אגב, זיינען געווען די ברידער [...] פארביסענע קעגנער פון ציוניזם. זיי האבן ניט געגעבן אויף די קרנות. אז עס פלעגט פארקומען א גרעסערע אקציע פאר קרן קימת לישראל, פלעגט מען איינגעפינען אז איך יעקב אילוטאוויטש דארף גיין צו זיי. איז נאך לאנגע טענות און מענות, פלעג איך ארויסרייסן פון די ברידער שפירא צען זלאטעס, פלעגן זיך אלע וואונדערן אויף מיין גבורה.

איז געווען א פאל אז עס איז געקומען גערבאווסקי ז"ל אויף דורכפירן די יערלעכע אקציע פון "קרן היסוד", און געבאווסקי ז"ל [...] האט געהאט א גרויסן כח הדיבור, אז ער האט געקענט פון א שטיין באקומען. האט ער דאן געזאגט צום דעם שרייבער פון די שורות, "לאמיר צופארן צו די ברידער [...]", האב איך געזאגט אז עס איז א שאדן די צייט צו פארלירן. נאר געבאווסקי ז"ל איז באשטאנען אז מיר זאלן פארן. ער האט

געבויט אויף זיין רעדנער קראפט און אויף מיין פערזענלעכע ווירקונג. קורץ, מיר זיינען געפארן און נאך א שעה צייט האקן ווי מען האקט האלץ זיינען מיר ארויס פון זיי מיט ליידיגע הענד.

דער קרן קימת לישראל פלעגט מאכן אלע יאר א הגרלה צו געבן א אומזיסטע רייזע דעם געווינער קיין ארץ-ישראל, און אזוי ווי גבירים האבן מזל, האבן די ברידער [...] געוואונען די אומזיסטע רייזע קיין ארץ-ישראל. די רייזע איז פארגעקומען א פאר יאר פאר דער צווייטער וועלט קריג. די ברידער [...] האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיינען געפארן קיין ארץ-ישראל. צוריקקומענדיג פון ארץ-ישראל, האבן די ברידער [...] אויסגערעדט אויף ארץ-ישראל כל דבר אסור, דאס זעלבע ווי די מרגלים וואס משה רבנו האט געשיקט קיין ארץ-ישראל זען דאס לאנד. דאס זעלבע האבן די ברידער [...] ווי די אמאליקע מרגלים געזאגט "ארץ אוכלת יושביה".

די ענדע איז געווען א טרויעריגע: אין מאנאט סעפטעמבער 1939, זיינען די סאוויעטן אריין אין לידא, האבן זייביידע ברידער [...] ארעסטירט און ארויסגעשיקט קיין רוסלאנד אין א טורמע און זיינען אין טורמע געשטארבן. דעם אינגערינ'ס פרוי און טאכטער האבן די באלשעוויקעס ארויסגעפירט קיין רוסלאנד. נאכן קריג זיינען זיין פרוי מיט דער טאכטער צוריקגעקומען פון רוסלאנד. די טאכטער האט חתונה געהאט פאר א רב, און די מוטער מיט די טאכטער און איידעם דעם רב געפינען זיך אין אמעריקע. די פרוי פון דעם אנדערן ברודער, די טאכטער מיטן איידעם און דער אלטער יודל "אמת" מיט זיין בן-יחיד זיינען אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

בערלאוויטש מאיר לייב, וועלכער האט געהאנדלט מיט גוטן לעדער און איז אויך געווען פון פאך א שטעפער אין זיין אייגן געמויערט הויז אויפן מארק. זיין פרוי איז געווען די טאכטער פון בערלאוויטש פסח-חנן. זיי האבן געהאט דריי זין און צוויי טעכטער, פיליכט דריי טעכטער, נאר דער שרייבער פון די שורות ווייס נאר פון צוויי טעכטער.

בערלאוויטש מאיר לייב, ניט קוקנדיג וואס ער איז געווען א בעל-מלאכה, איז געווען א אינטעליגענטער און געבילדעטער מענש, סיי אין אידישע לימודים און סיי אין וועלטלעכע לימודים. און אזוי ווי ער איז געווען פארמעגלעך האט ער געגעבן זיינע קינדער בילדונג ווי ווייט מעגלעך אום זיי זאלן ווערן זעלבסטשטענדיג אין לעבן.

די עלטסטע טאכטער אסתר פון מאיר לייב בערלאוויטש האט זיך באקענט אין דעם צייט פון דער ערשטער קריג מיט א אידישן אונגארישן אפיציר אין לידא, וועלכע איז געווען אקופירט פון דער אויסטרייך-אונגארישער ארמיי, און האט מיט דעם אפיציר חתונה געהאט און האבן זיך באזעצט אין פאריז. זיי האבן געהאט א זון, א בן-יחיד, זייער א באגאבטער. ער האט געענדיגט די אוניווערזיטעט אין פאריז און האט געהייראטעט מיט א רייך אידיש מיידל פון פאריז. אין מאכענדיג א לוסט רייזע קיין גריכנלאנד מיט א אייגענעם אויטא, און אין דער גריכישער הויפט שטאט אתונה, האבן זיי געהאט א צוזאמענשטויס מיט א לאסטאויטא, איז זייער אויטא צושמעטערט געווארן און די ביידע יונגע מענשן זיינען געהרגעט געווארן. און די מוטער אסתר קען זיך ביז היינטיגס טאג ניט טרייסטן פון דעם אומגליק וואס איר האט געטראפן מיט איר געליבטן אייניציגן זון. וואס מיט די צווייטע טאכטער פון מאיר לייב בערלאוויטש איז געווארן, ווייס ניט דער שרייבער פון די שורות.

דער עלטערער זון פון מאיר לייב בערלאוויטש מיטן נאמען יודל האט געענדיגט אלס מעסטער אין רוסיש, הייסט דאס "זעמלעמער", אין עברית הייסט דאס "מודד". ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון לעווין, דעם וואראנאווער סטאליער אין לידא, מיטן נאמען ליזע, פון פאך א דענטיסטקע, און האבן זיך באזעצט נאך דער ערשטער קריג אין ארץ-ישראל אין רמת-גן. און אזוי ווי זיי האבן א טאכטער, א בת-יחידה, וועלכע האט חתונה געהאט אין חיפה, האבן זיך די עלטערן, יודל מיט ליזען, אויף די עלטערע יארן אויך באזעצט אין חיפה לעבן דער טאכטער.

דער צווייטער זון פון מאיר לייב בערלאוויטש מיטן נאמען פייוול האט געענדיגט אלס פארמאצעווט. ער האט חתונה געהאט און געהאט א אפטייק אין שטעטל וואראנאווע וועלכע איז געווען נאענט פון לידא.

דער דריטער זון משה האט פיל געלערנט. ער האט איין צייט געלערנט אין אדעס. ווען דער שרייבער פון די שורות, אילוטאוויטש יעקב, האט געוואוינט אין אדעס, פלעגט ער, משה, זיין בא אים א אפטער ארייננגייער, נאר אויף וואס משה האט געלערנט געדענקט ניט דער שרייבער און וואס מיט משה'ן איז געווארן ווייס דער שרייבער אויך ניט.

דאס איז די היסטאריע פון מאיר לייב בערלאוויטשעס פאמיליע.

אין לידא איז געווען א אינטערעסאנטער טיפ. א בעל-מלאכה פון פאך, א שוסטער, מיטן נאמען ר' ישראל צבי. זיין פאמיליען-נאמען געדענק איך ניט, נאר עס איז ניט געווען נויטיג דאס פאמיליע נאמען. אז מען האט געפרעגט אויף ישראל צבי דעם שוסטער, האט אפילו א קינד געקענט אנווייזן וואו ער וואוינט. ער איז געווען ניט אומוויסנט אין אידישקייט. ער האט אויך געקענט א ביסל לערנען, אזוי אז ער פלעגט אין שוסטער קלויז לערנען מיט די בעלי מלאכות שבת די פרשה חומש און א גאצע וואך אין די אוונטן, בין מנחה למעריב, לערנען מיט די בעלי-מלאכות אויסצוגן פון מדרש און משניות אין א לייכטע שפראך, אזוי אז די בעלי-מלאכות זאלן פארשטיין.

יהי זכרו ברוך!

נאך פאר דער ערשטער וועלט מלחמה זיינען אין לידא געווען דריי ברידער: יודל, זרח און שלום. דער פאמיליען-נאמען איז געווען אילוטאוויטש. און אחוץ דעם פאמילען-נאמען אילוטאוויטש, האבן זיי געהאט נאך א צונאמען: די "שאלאמאיעס". פאר וואס מען האט זיי גערופן מיטן צונאמען "שאלאמאי" וועלכער איז געווען באוואוסט אין שטאט מערער ווי זייער פאמיליען-נאמען אילוטאוויטש, ווייס ניט דער שרייבער פון די שורות. נאר ער רעכנט, מעגלעך, אז זייער זיידן האט מען גערופן שלום, און אזוי ווי אין יענע צייטן איז מעגלעך נאך ניט געווען די פאמיליען-נעמען, אדער מען האט ניט באנוצט דעם פאמילען-נאמען, נאר מען האט גערופן לויט דעם נאמען פון זיידן אדער פאטער, האט מען דעם נאמען פארצויגן פון שלום אויף "שאלאמאי", און אזוי איז שוין פארבליבן.

דער עלטערער פון די דריי ברידער שאלאמאי איז געווען יודל אילוטאוויטש און זיין פרוי רחל, וועלכע האט אויך געשטאמט פון די אילוטאוויטשעס. זי איז געווען א טאנטע פון ירמיהו אילוטאוויטש. יודל מיט זיין פרוי רחל האבן געהאט עטלעכע טעכטער און א זון, א בן-יחיד, מיטן נאמען אלי (אליהו). די טעכטער האבן חתונה געהאט אין אנדערע שטעט און זיינען דארט פארבליבן. אייגענטלעך איז יודל אילוטאוויטש געווען פריער א ישוב מאן, און כמעט אויף די עלטערע יארן איז ער מיט זיין פאמיליע אריינגעפארן קיין לידא און האט אפגעקויפט די אלטע הילצערנע הייזער אויף קרומע גאס אויך פון אן אילוטאוויטש וועלכער איז געווען א זון פון נח אילוטאוויטש, וועלכער דער שרייבער פון די שורות האט שוין אויבן באשריבן.

אז די אלטע פאר יודל מיט רחלען זיינען געשטארבן, איז דער בן-יחיד אלי פארבליבן דער יורש פון די הייזער, און אלי האט געמאכט די וויין-מעד פאבריק.

אלי אילוטאוויטש האט אויך געהאט דריי טעכטער, מיט א בן-יחיד מיטן נאמען יוסף. די טעכטער פון אלי זיינען אוועקגעפארן קיין אמעריקע, און אז אלי מיט זיין פרוי זיינען געשטארבן איז דער בן-יחיד יוסף פארבליבן דער יורש פון די הייזער און פון וויין-מעד פאבריק.

יוסף האט געהאט צוויי זין און צוויי טעכטער. דער עלטערער זון מרדכי געפינט זיך אין ישראל נאך פון פאר דער צווייטער וועלט קריג. דער צווייטער זון איז אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש. און די פרוי פון יוסף מיט די צוויי טעכטער האבן די באלשעוויקעס ארויסגעפירט קיין סיביר, און קומענדיג נאכן קריג פון סיביר זיינען זיי אוועקגעפארן קיין אמעריקע וואו זיי געפינען זיך [היינט].

דאס איז די ביאגראפיע פון יודל אילוטאוויטש "שאלאמאי". יוסף אילוטאוויטש איז געשטארבן קורץ פאר דער צווייטער וועלט מלחמה.

דער צווייטער שאלאמאי, מיטן נאמען זרח אילוטאוויטש, האט אויך געוואוינט אין לידא, נאר געגוי זיין ביאגראפיע ווייס ניט דער שרייבער פון די שורות. ער ווייסט נאר אז זרח'ס א טאכטער האט חתונה געהאט מיט א אריינגעפארענעם יונגן מענשן מיטן פאמיליען-נאמען ארליוק (א ברודער פון דעם ארליוק וועלכער האט געהאט א שטריק געשעפט אויף קרומע גאס). און זרח'ס טאכטער געווארענע ארליוק, האבן געהאט א שפייזקראם אין לידא אויפן טערמע. זיי האבן געהאט א זון מיט א טאכטער, וועלכע געפינען זיך אין ישראל. דער מאן פון זרח'ס טאכטער ארליוק איז געווען א קראנקלעכער מענש און איז יונג געשטארבן, און די מוטער פון די קינדער איז געוויס אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש אין לידא.

דער דריטער שאלאמאי, מיטן נאמען שלום אילוטאוויטש, האט אויך געוואוינט אין לידא אויף די דריטע מאי גאס. ער איז געווען א גערטנער פון ירקות. דאס איז אינגאנצן וואס דער שרייבער פון די שורות ווייס וועגן דעם דריטן שאלאמאי, שלום אילוטאוויטש.

אין לידא איז געווען מיט פיל יארן צוריק א איד מיטן נאמען "איטשע דער ווייסער". זיין פאמיליען-נאמען איז געווען דזימיטראווסקי, נאר מערער איז געווען באוואוסט אין שטאט לידא ווי איטשע דער ווייסער. דער שרייבער פון די שורות—אילוטאוויטש יעקב—איז זיכער אז דער גרעסטער טייל איינוואנער אין לידא האבן געוואוסט זיין פאמיליען-נאמען. און פארוואס "ווייסער"? ווייל ער איז געווען א העל-בלאנדער, כמעט א ווייסער. דעריבער האט מען אים געוויס א נאמען געגעבן "דער ווייסער".

דער איד מיטן נאמען איטשע דער ווייסער האט זיך מיט גאר ניט אויסגעצייכנט. ער איז געווען א איד ווי אלע אידן פון שטאט לידא. צי איטשע דער ווייסער איז געווען א איד א תלמיד חכם, ווייס ניט דער שרייבער פון די שורות און האט אויך ניט געהערט פון אנדערע מענשן. מעגלעך אז ער האט געקענט א ביסל לערנען, נאר אז ער איז געווען א פרומער איד, דאס איז זיכער. ער האט געשטאמט פון דער בארימטער שטעטל איישישאק. אגב, די מוטער פון דעם שרייבער פון די שורות האט אויך געשטאמט פון איישישאק, און איז געווען א קרובה משפחה פון איטשע דעם ווייסן.

אייגענטלעך איז די שטעטל איישישאק געווען אזא שטעטל ווי אלע שטעטלעך וועלכע האבן זיך געפונען אויפן וועג צווישן לידא און ווילנע. זי האט זיך נאר אויסגעצייכנט מיט דעם וואס זי איז געווען א ביסל גרעסער ווי למשל ווארנאווע, ראדון און נאצע, וועלכע זיינען באשטאנען נאר פון איין גאס דורך וועלכע מען איז אריינגעפארן און ארויסגעפארן. און איישישאק האט געהאט א קאלאסאלן מארק פלאץ מיט 4 גאסן ווי ראדונער גאס, ווילנער גאס, די מיל גאס און די גויאישע גאס, ווייל זי איז געווען באוואנט מערסטנס מיט גויים.

איישישאק האט אויך פארמאגט 2 גרויסע געמויערטע בתי-מדרשים. אגב, אויף ראדונער גאס האט געוואוינט דער זיידער מיט דער באבען און א טאנטע, פון דעם שרייבער פון די שורותאילוטאוויטש יעקב, אויף ווילנער גאס. איין מאל אין וואך, דאנערשטיק, פלעגט זיין א גרויסער מארק טאג פון די פויערים פון אומגעגנט, וועלכע פלעגן ברענגען זייערע לאנדווירטשאפטלעכע פראדוקטן צו פארקויפן, פון וועלכן די איינוואנער פון איישישאק האבן געלעבט א גאנצע וואך. ווי דער לעזער זעט, א שטעטל ווי אלע שטעטלעך, נאר איישישאק איז געווען בארימט וואס זי איז געווען דערמאנט אין די העברעאישע ליטעראטור פון די צייטן פון מאפו, פרץ, סמאלענסקי, פרישמאן און פון נאך העברעאישע שרייבער פון יענער צייט. און פארוואס נאר איישישאק? עס איז דאך געווען נאך שטעטלעך וואס זיינען געווען בארימט מיט זייערע ישיבות, ווי למשל וואלאזשין, לאמזשע, מיר און אנדערע, און איישישאק האט אפילו ניט געהאט קיין ישיבה? נאר לויט מיין השערה צוליב דעם וואס קיין איישישאק פלעגן קומען יונגע חתונה-געהאטע לייט וועלכע פלעגן איבערלאזן צייטווייליג די יונגע ווייבלעך בא דעם שווער אום צו זיצן און לערנען פאר זיך אום צוצוגרייטן זיך צו באקומען

סמיכה אויף רבנות. די יונגעלייט האט מען גערופן פרושים, מעגלעך צוליב דעם וואס זיי זיינען געווען צייטווייליג אפגעשיידט פון זייערע יונגע ווייבלעך.

די יונגע לייט וואס האבן געהאט א פארמעלגעכן שווער פלעגט ער אים שיקן געלט צום לערנען, און פאר די ניט פארמעגלעכע פלעגן די אײשישאקער בעלי-בתים זיי מפרנס זיין, נאר ניט מיט גיין עסן טעג ווי די ישיבה בחורים נאר מען פלעגט זיי צושיקן דעם עסן אין בית-המדרש. און אויף טראגן דעם עסן איז געווען א ספעציעלער מענש וועלכער איז געווען פארגארטלט מיט א רימענעם פאסיק, און אויף דעם פאסיק איז דער מענש געווען ארומגעהאנגען מיט טשעהונענע טעפלעך אין וועלכע דער בעל-הבית פלעגט ארייגעבן דעם עסן. און אז אלע טעפלעך זיינען געווען פארפולט, פלעגט דער טרעגר יעדערן אוועקגעבן זיין טעפל עסן. און אזוי פלעגט פארקומען יעדן טאג, נאר שבת פלעגט יעדער פרוש גיין עסן אהיים צום בעל-הבית. די ארדנונג פון טראגן דעם עסן פאר די פרושים, האט דער שרייבער פון די שורות אלס אינגל געזען בשעה ער פלעגט פארן קיין אײשישאק צום זיידן צו גאסט. פון דעם אלעם וואס איך האב דא באשריבן, פארוואס אײשישאק איז געווען דערמאנט אין דאמאלסדיגע העברעאישע ליטעראטור, ווייל מעגלעך פון צווישן די יונגע מענשן וואס האבן זיך געגרייט צו באקומען סמיכה אויף רבנות זיינען דערנאך ארויסגעקומען די העברעאישע שרייבער און ניט קיין רבנים.

מיר וועלן זיך אומקערן צו איטשע דעם ווייסן מיט זיין פאמיליע. וואס פאר א בעשעפטיגונג איטשע דער ווייסער האט געהאט, האט דער שרייבער פון די שורות ניט געוואוסט. וויפל זין און טעכטער האט איטשע דער ווייסער געהאט ווייס איך אויך ניט, נאר זיין אייניקל, וועלכער געפינט זיך אין ישראל מיטן נאמען צבי הלוי, און איז א פקיד אין קרן קימת, האט געזאגט אז ער האט געהאט פינף זין און איין טאכטער. איין זון פון די פינף, איז געווען א רב אין ישראל און צבי הלוי איז דער זון פון דעם רב, וועלכער איז אין ישראל געשטארבן. און די איבעריגע פיר זין זיינען זיך צעפארן איבער דער וועלט. מעגלעך אז זיי האבן אים געשטיצט.

דער שרייבער פון די שורות האט די זין ניט געקענט ווייל מעגלעך אז זיי זיינען אוועקגעפארן פון לידא נאך אין די יונגע יארן זייערע. די טאכטער שרה'ל, ווי מען האט איר גערופן, און וועלכער דער שרייבער האט געקענט אין אירע יונגע יארן, איז געווען א שיינע בלאנדע פריילין. און די שיינע פריילין האט חתונה געהאט מיט א ברונעטן בחור פון שטעטל זשעטל, וועלכע איז געווען נאענט פון לידא, מיטן פאמיליען-נאמען דאבקאווסקי. זיין ערשטן נאמען געדענקט ניט דער שרייבער. אין וועלכן יאר זיי האבן חתונה געהאט, געדענקט אויך ניט דער שרייבער—אלענפאלס, נאך פאר דער ערשטער קריג. דער ערשטער געשעפט מיט וואס דער איידעם פון איטשע דעם ווייסן האט געהאנדלט נאך זיין האכצייט [=חתונה] איז געווען צעראמענע טישטעכער און אויפן מעטער, און פילייכט מיט נאך אנדערע ארטיקלען. איך שרייב פילייכט ווייל דער שרייבער פון די שורות, יעקב אילוטאוויטש, איז אין יאר 1908 ארויסגעפארן פון לידא און האט זיך באזעצט אין אדעס, איז אים ניט אויסגעקומען צו זען די פראגרעסירונג פון דאבקאווסקיס געשעפט.

אין 1922 איז דער שרייבער פון די שורות צוריקגעקומען קיין לידא. האט ער געפונען אז איטשע דעם ווייסנס איידעם דאבקאווסקי האט שוין געהאט א גרויס הורט באקאליי-קאלאניאל געשעפט, און אויך פיר זין גערעטענע און געבילדעטע און א געבילדעטע טאכטער, וועלכע האט געהייראטעט מיט א געבילדעטן יונגן מענשן, א זון פון יעקב אילוטאוויטש, וועלכן מען האט גערופן יענקל דער פאלאווניקער. איינער פון די זין מיטן נאמען יוסף איז אוועקגעפארן לערנען קיין פאריז און איז דארט פארבליבן ביז היינטיגס טאג. א צווייטער זון איז אוועקגעפארן קיין ארץ-ישראל און איז דארט געפאלן אין מלחמת השחרור. א זון מיטן נאמען הירשל האט געארבעט צוזאמען מיטן פאטער. און נאך דעם ווי די קאלאשן פאבריק אין לידא איז אריבער צו מעלופן, איז הירשל ארייגעטראטן אין קאלאשן פאבריק אלס הויכער באאמטער און האט אויסגעארבעט די אגענטור פון דער לידער קאלאשן פאבריק פארן פאטער אויף לידא און אומגעגענד. [...] איטשע דער ווייסער מיט זיין פרוי זיינען געשטארבן מיט פיל יארן פאר דער צווייטער קריג.

אין יאר 1939 אז די באלשעוויקעס זיינען אריין אין לידא, האבן זיי דעם פריוואט האנדל ביז 1941 ניט נאציאנאליזירט, נאר זיי האבן זיך פון זיך אליין ליקווידירט. די פאבריקן האבן זיי אין 1940 נאציאנאליזירט.

דער פאבריקאנט פון קאלאשן פאבריק, מעלופ, האט ניט געווארט און איז זאפארט ווי די באלשעוויקעס האבן פארנומען לידא אוועקגעלויפן קיין שווערן און פון דארט קיין אמעריקע. הירשל דאבקאווסקי איז אויך אריבערגעקומען קיין פאריז, אזוי אז ביידע ברידער יוסף און הירשל דאבקאווסקי געפינען זיך אין פאריז. דער אלטער דאבקאווסקי מיט זיין פרוי שרה׳ל און די טאכטער מיטן איידעם זיינען אומגעקומען בא היטלערן ימ״ש.

אין לידא איז געווען א געשעפט פון שרייב-מאטעריאלן און אויך גאלענטעריי ארטיקלען אין צענטער פון סובאלסקי גאס. די אינהאבערין [=בעל-הביתטע] פון געשעפט האט מען גערופן מיט איר ערשטן נאמען, לאה-ברײנקע. דעם פאמיליען-נאמען האט מען ניט געוואוסט, און עס איז ניט געווען נויטיג ווייל סיי די דערוואקסענע מענטשן און אלע קינדער פון די חדרים האבן געקענט לאה-ברײנקען.

איך דער שרייבער פון די שורות איז געגאנגען אין חדר און כ׳האב געדארפט א טעטראדקע [=העפט]. פלעג איך בעטן בא די מאמען 2 קאפעקעס אויף א טעטראדקע, פלעגט די מאמע זאגן: ״גיי צו לאה-ברײנקען און קויף א טעטראדקע״. אזוי פלעגן זאגן אלע מאמעס צו די חדר קינדער, אז מען האט געדאפט קויפן א טעטראדקע, א פעדער, אדער פאר א קאפעקע טינט. מיט דעם נאמען לאה-ברײנקע האט מען איר גערופן פון דער צייט וואס זי איז געווען א יונגע מיידל און האט געהאט א קליין קרעמל פון שרייב-מאטעריאלן און גאלאנטעריי ארטיקלען. און אזוי ווי זי האט געדארפט זייער ווייניג אויף צום לעבן פאר איר מיט די אלטע מוטער, און די שטייערן זיינען אויך געווען זייער קליינע, האט זי אויפגעקליבן געלט און זי, לאה-ברײנקע, האט געדונגען א גרויסע קראם אין צענטער פון סובאלסקי גאס. איז דאס אגב געווען א סגולה צו א שידוך. האט מען איר אויסגעשדכנט א יונגן מענטשן פון א קליין שטעטל מיטן נאמען כתריאל קאגאן. ער איז געווען זייער א נידעריקער. די פלייצע איז בא אים געווען א ביסל קיילעכדיג, האט דאס אויסגעזען ווי ער וואלט געהאט א הויקער, נאר קיין הויקער איז דאס ניט געווען. ער איז אבער געווען א קלוגער, א העכסט אינטעליגענטער און געבילדעטער מענטש. און אזוי ווי זי איז געווען א פשוטע מיידל, האט זי נאר געקענט א ביסל שרייבן און לעזן און איז שוין ניט געווען גאר יונג, איז זי איינגעגאנגען אויף דעם שידוך. און אזוי ווי ער איז די אלע זיינע מעלות אויך געווען א ארימער, איז ער אויך איינגעגאנגען. און דער שידוך איז געשלאסן געווארן מיט א חתונה, און נאך דער חתונה האט מען שוין איר ניט גערופן לאה-ברײנקע נאר לאה-ברײנע. נאך דער חתונה איז ער געשטאנען אין געשעפט און די קונדשאפט האבן אים זייער געשעצט פאר זיין איידעלע באנעמונג. ער האט אויך איינגעפירט אין געשעפט לערן-ביכלעך און נאך אנדערע ארטיקלען וועלכע זיינען פריער ניט געווען. און דער לעבן בא די פאר איז געווען א צופרידענער. ער, דער יונגער בעל-הביתל איז געווען צופרידן, ווייל ער האט אחוץ א ווייב אויך באקומען א גוט איינגעפירטן געשעפט. און זי, די פריערדיגע לאה-ברײנקע, איז געווען צופרידן וואס זי האט באקומען א גוטן אינטעליגענטן מאן און דער נאמען איז געווארן לאה-ברײנע.

עס איז בא זיי געבארן געווארן צוויי קינדער, מיידלעך, און דער פאטער, אלס געבילדעטער מענטש, האט זיי פריער געשיקט לערנען אין פאלקשולע און דערנאך אין גימנאזיע, וועלכע האבן ביידע געענדיגט. נאך דעם ווי ביידע מיידלעך האבן געענדיגט די גימנאזיע איז דער פאטער קראנק געווארן און איז געשטארבן אין די מיטעלע יארן. נאך זיין טויט זיינען ביידע מיידלעך אריין אין געשעפט, ווייל די מוטער לאה-ברײנע האט אליין ניט געקענט פירן דאס געשעפט, וועלכער האט זיך שטארק אנטוויקלט. אגב איז לאה-ברײנע אויך עלטער געווארן און איז שוואכער געווארן.

איייניגע יאר נאך דעם טויט פון לאה-ברײנעס מאן, איז לאה-ברײנע קראנק געווארן און איז אויך געשטארבן. און די צוויי טעכטער פון לאה-ברײנע זיינען פארבליבן אָן עלטערן, אבער מיט א גוטן געשעפט. און אזוי ווי בא אידן איז פאראן די אינסטיטוציע פון שדכנים און אזוי ווי די ביידע שוועסטער זיינען געווען יונגע פריילינס מיט בילדונג און מיט א גוט איינגעפירטן געשעפט, האט דער שדכן געפונען אין נאווארעדאק (נאוואגרודעק) א אינטעליגענטן בחור, פון פאך א העברעאישער לערער און מן הסתם אויך א קבצן. איז דער שידוך געשלאסן געווארן מיט די עלטערע פריילין [...] און עס איז געווארן א חתונה. צום געשעפט איז ער ניט געווען שטארק פעאיק, און אזוי ווי אין לידא איז שוין דאן געווען א בית ספר ״תרבות״ און א ״תרבות״ גימנאזיע און אין בית ספר האט זיך געפאדערט א לערער, האט דער ועד ״תרבות״ אים צוגענומען אלס לערער.

און אלס לערער איז ער טאקע געווען פעאיקער ווי א סוחר. און אזוי ווי דער געשעפט פון זיין פרוי מיט איר שוועסטער האט געפאדערט א מאנספארשוין, האט דער לערער איינגעפונען אז זיין אינגערער ברודער, אויך א העברעאישער לערער, נאר ער וועט זיין אויף פעאיק צו מסחר, האט דער עלטערער ברודער אויסגעשדכנט זיין אינגערן ברודער צו דער שוועסטער פון זיין פרוי וועלכע איז אגב געווען א שיינע מיידל. איז געשען אז די צוויי ברידער האבן געהייראטעט מיט צוויי שוועסטער.

דער לעזער וועט מיר אנטשולדיגן, דעם שרייבער פון די שורות, וואס ער האט חתונה געמאכט די צוויי נאווארעדאקער ברידער מיט צוויי לידער פריילינס, ניט אנגעבנדיג זייער פאמיליען-נאמען. אלזא, זייער פאמיליען נאמען איז געווען פערעסעצקי. דער אינגערער פערעסעצקי האט זיך טאקע ארויסגעוויזן אויף פעאיק אין געשעפט און דער עלטערער פערעסעצקי איז געווען לערער אין בית ספר "תרבות" ביז אין יאר 1939, ביז וואנען די באלשעוויקעס האבן פארנומען לידא און האבן פארמאכט דעם בית ספר "תרבות". נאך דעם ווי די היטלער באנדעס האבן פארנומען לידא און האבן אויסגעשאכטן די אידישע באפעלקערונג פון לידא, זיינען די פערעסעצקעס מיט זייערע פרויען און קינדער געוויס אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

פרוי רושע

אז איך בין נאך געווען א חדר אינגל, געדענק איך אז עס איז געווען צווישן די קראמען אויפן מארק אין לידא א אינהאבערין [=בעל-הביתטע] פון א קראם, א אלטער פרוי מיטן נאמען רושע. די פאמיליע אירע לויט דעם ערשטן מאן, איז געווען ציגעלניצקי, נאר איר פאמיליען-נאמען איז ניט געווען נייטיג. עס איז געווען גענוג דער נאמען רושע, האט מען שוין געוואוסט ווער דאס איז. זי איז שוין דאן געווען זייער א אלטע פרוי. לויט מיין מיינונג צווישן 90 און 100, נאר זי איז נאך געווען א געזונטע פרוי, א הויכע, ניט געבויגן, אבער דער פנים איז געווען שטארק צעקנייטשט און דאס געזיכט און די קליידער אירע האבן געהאט די ערד פארב. זא דאס זי האט אויסגעזען ווי א אלטע אויסגעגראבענע סטאטוע פון פאר 3000 יאר.

איר האנדל איז באשטאנען פון אלטע פויערישע פעלצן וועלכע זיינען ניט געהאנגען אין קראם נאר אנגעווארפן אויף דער פאדלאגע אין די טיף פון קראם אין א בארג. און ווער עס האט געוואלט קויפן, האט געקליבן פון דעם בארג פעלצן. און אחוץ די פעלצן, האט זי געהאט צו פארקויפן אלערליי גרויפן, ווי צום ביישפיל: פערל-גרויפן, וועלכע די שטאטישע בעלי-הביתטעס פלעגן קויפן צו שטעלן טשאלנט אויף שבת; פערל-גרויפן מיט בעבלעך; רעטשקע-גרויפן (פון גריקע); האבער-גרויפן; בעבלעך; ארבעס; און לינדזן (אין עברית: עדשים). איך שטריך אונטער לינדזן ווייל דער ארטיקל לינדזן איז זייער פיל געברויכט געווארן אין די ליטווישע, ווייס-רוסישע און פוילישע שטעט און שטעטלעך, פון וועלכע מען פלעגט קאכן זופ און וועלכע איז געווען זייער געשמאק. איך, דער שרייבער פון די שורות, האב אויך זייער ליב געהאט לינדזן זופ מיט קליינע געריבענע קארטאפל קניידלעך אין זופ. בא מיינע עלטערן פלעגט מען דאס גאנץ אפט קאכן נאר אין ווינטער צייט. און פארוואס נאר אום ווינטער? ווייס איך ניט ביזן היינטיגס טאג. אין ישראל איז אויך געוויס פאראן דער לינדזן ארטיקל און אויך אין די אלטע צייטן. און א באווייז אז אין די אלטע צייטן איז געווען דער ארטיקל לינדזן איז די מעשה וואס ווערט באשריבן אין חומש אז עשו האט פארקויפט צו יעקב'ן די בכורה פאר א טאפ לינדזן. אין חומש איז דער אויסדרוק "בעד נזיד עדשים", און דאס ווערטל פאר א טאפ לינדזן איז אין ליטע און אין פוילן באנוצט געווארן ביז צו היינטיגס טאג.

בא רושען איז געווען דער צווייטער מאן אויך זייער א אלטער מאן, מעגלעך אז ער איז נאך געווען עלטער פון רושען. ער איז דאן געווען א גרייז-גראער מיט א גרויסע קאלטענעוואטע ווייסע בארד. ער פלעגט שטענדיג זיצן בא דער טיר פון קראם אנגעשפארט אויף א שטעקן.

רושע איז געווען זייער א טויבע. אז עמיצער פלעגט בא איר פרעגן וועגן קויפן א פעלץ, פלעגט זי ענטפערן מיט א פראגע: "וועלכע גרויפן ווילט איר"? נאר דער מאן פלעגט איר געבן צו פארשטיין וועגן וואס דער קונה פרעגט.

ווִיפל קינדער רושע האט געהאט פון איר ערשטן מאן, האב איך געוואוסט נאר פון צוויי, א טאכטער מיטן נאמען ליבע-קיילע און א זון מיטן נאמען יוסף ציגעלניצקי, נאר דער פאמיליע-נאמען איז ניט געווען נייטיג. אז מען פלעגט פרעגן אויף יאסיע-רושעס, האט יעדעס קינד אנגעוויזן וואו ער וואוינט. זיין באשעפטיגונג? ער איז געווען א לערער פון אידיש, און איבערהויבט פלעגן בא אים לערנען מיידלעך שרייבן און לעזן אידיש אום אז זי וועט ווערן א כלה זאל זי קענען שרייבן דעם חתן א בריוו, אויב דער חתן וועט זיין פון א צווייט שטעטל.

יאסיע-רושעס האט געהאט זייער א שיינע האנדשריפט און ער האט פון יעדער אות געקענט אויסדרייען אלערליי שיינע טשאטשקעס, חיות און פייגלען. ווען ער וואלט געלערנט וואלט ער געווען א אויסגעצייכנטער גראוויאר. נאר אזוי ווי ער האט ניט געלערנט צו זיין א גראוויאר, איז ער געווען נאר א לערער פאר מיידלעך צו שרייבן אידישע בריוולעך צו די חתנים. פיליכט וויל דער לעזער וויסן ווי יאסיע-רושעס האט אויסגעזען און זיין כאראקטער? איז בבקשה: ער איז געווען עטוואס נידעריגער פון מיטל וואוקס, מיט א שיטער ניט קיין גרויסע שווארצע בארד. פון דער נאטור א גוטער און א גוטמוטיקער מיט ניט קיין גרויסע פרעטענזיעס צום רבונו של עולם. פון דער ערשטער פרוי האט ער געהאט א טאכטער, און פון דער צווייטער פרוי, דוכט מיר, צוויי זין. זיין צווייטע פרוי האט אויך געהאט א פרנסה. זי פלעגט בא רושען אין קראם פארקויפן הייוון צו באקן חלות אויף שבת.

דאס איז די ביאגראפיע און כאראקטעריסטיק פון דער בארימטער אלטער פרוי רושע און איר זון, וועלכן מען האט גערופן יאסיע-רושעס.

## בילדונג און ערציונג אין לידא

פאר די צייטן פון דער רוסישער צארישער הערשאפט, איז אין לידא געווען א רוסישע פאלקשולע. אין רוסיש האט די רוסישע פאלקשול זיך גערופן "נאראדנאיע אוטשילישטשע", און אויך א פיר קלאסיגע גימנאזיע, וועלכע אין רוסיש האט זיך גערופן "אויעזדנאיע אוטשילישטשע". עס איז אויך געווען א פריוואטע רוסישע גימנאזיע פאר מיידלעך, קריסטלעכע און אויך אידישע. דער אנהאבער [=בעל-הבית] איז געווען א רוס מיטן נאמען נאוויצקי.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה און אין דער צייט פון דער דייטשער אקופאציע אין לידא, האט פלטיאל דווארעצקיס זון, מיטן נאמען מאיסיי דווארעצקי, געעפנט א רוסישע גימנאזיע פאר אידישע און רוסישע מיידלעך.

עס איז אויך געווען א רוסישע פאלקשול, ספעציעל פאר אידישע קינדער. די לערנשפראך איז געווען אויסשליסלעך אויף די רוסישע שפראך. די שול האט געהייסן "יעווריייסקאיע אוטשילישטשע". די לערער זיינען געווען אלע אידן, וועלכע האבן געענדיגט דעם ווילנער אידיש-רוסישן לערער-סעמינאר. די לערער האבן געהאט צו טראגן, אויב זיי האבן געוואלט, א ספעציעלע פארמע, וועלכע איז באשטאנען פון א מונדיר מיט געלע מעטאלאנע קנעפ און א היטל מיט א קאקארדע.

פיל געוויס געדענקען די צוויי זין פון שיינגאלד דעם פראצעשניק, וועלכע האבן בעענדיגט דעם ווילנער לערער סעמינאר, זיינען זיי געווען לערער פון דער לידער "יעווריייסקאיע אוטשילישטשע", און זיי פלעגן גאר טראגן, יעדן טאג, די פארמע מיט די גאלדענע קנעפלעך און די היטל מיט די קאקארדע [=באפוצונג, עמבלעם].

די שיינגאלדס זיינען ניט געווען די איינציגע לערער אין די אידיש-רוסישע פאלקשולע. עס זיינען געווען נאך לערער, נאר ניט קיין לידער. די איבעריגע לערער האבן ניט אפגעהיט צו טראגן די פארמע. די פארמע צו טראגן איז געווען פארפליכטעט נאר אין א רוסישן פייערטאג. אין רוסיש האט דער פייערטאג געהייסן "יובילייי".

אין די אידיש-רוסישע שולע איז געווען א לערער מיטן נאמען דובאווסקי. ער האט די פארמע ניט גענוצט. ער איז געווען אלע מאל עלעגאנט ציוויל געקליידעט.

ווי איך האב שוין אויבן דערמאנט, איז נאך דעם ווי קראמניק איז ארויס אין פענסיע אדער געשטארבן, איז דובאווסקי געווארן דער קאזיאנער ראבינער [=רב מטעם הממשלה] אין לידא אויף קראמניקס ארט. אחוץ די אלע אויסגערעכנטע רוסישע און אידיש-רוסישע שולן און גימנאזיעס, איז אין לידא אויך געווען א תלמוד-תורה און חדרים.

די פאלגענדע מלמדים פון די חדרים זיינען אין די אינגלישע יארן פון דעם שרייבער פון די שורות. לאנג נאך פאר דער ערשטער קריג, זיינען שוין [די מלמדים] געווען אין די מיטעלע יארן און וועלכע האבן שוין געהאט ערוואקסענע זין און טעכטער. ווי צום ביישפיל:

**שמואל "באטשאן"**[5] – דעם צונאמען האט ער געהאט ווייל ער איז געווען זייער א הויכער און דארער. ער איז געווען א גמרא מלמד.

**עוזר וואליינסקי**, א הויכער און א ברייט פלייציגער. דאן ווען דער שרייבער האט בא אים געלערנט, האט ער שוין געהאט צוויי ערוואקסענע זין און א ערוואקסענע טאכטער פון א יאר 18, ניט קיין מיאוס מיידל. די ביידע זין זיינען שוין געווען דאן רעוואלוציאנערן, און זיי האבן געקוקט אויף די צעירי ציון, וועלכע איז געגרינדעט געווארן אין לידא, פון אויבן אראפ. דער אינגערע פון די ביידע זין ,מיטן נאמען הירשל, איז געווען א חבר פון דעם שרייבער פון די שורות. בא עוזר וואליינסקי האט מען געלערנט חומש מיט רש"י און נ"ך און שרייבן.

**שמעון קריינאוויטש דער בעליצער** איז געווען העכער פון מיטל וואוקס, מיט א שווארץ ניט קיין גרויסע בארד. א שיינער מאן געווען. ער האט שוין דאן געהאט א זון פון בערך 25 יאר, וועלכער האט געגעבן לעקציעס אויף די רוסישע שפראך. בא אים האט מען געלערנט תנ"ך מיט רש"י און שרייבן. דער שרייבער פון די שורות האט בא אים ניט געלערנט.

**בערע יאסיע קאלמאנאוויטש** איז געווען א הויכער פעסט געבויטער מאן. פון אים האבן די קינדער זיך געהיט ניט צו באקומען א פאטש. ער האט אויך דאן געהאט 2 ערוואקסענע זין, חנן און יעקב, וועלכע זיינען דערנאך געווארן סוחרים און וועלכע זיינען אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש. בא אים האט מען אויך געלערנט נאר תנ"ך מיט רש"י און שרייבן. דער שרייבער האט בא אים געלערנט א פאר זמנים.

**שלום לייב קרופסקי** איז געווען פון מיטל וואוקס מיט ניט קיין גרויסע שווארצע בארד. זיין סיסטעם פון באשטראפן א תלמיד איז געווען שמייסן. האט געטראפן אז מיין אינגערער ברודער אידל, וועלכער איז געווען א צעלאזן אינגל און האט ניט געוואלט לערנען, האט ער אים געלייגט שמייסן. האט ער [אידל] אים געגעבן א זעץ מיטן קאפ אין א פילענדן ארט, זא דאס פון דעם ווייטאג האט ער אויסגעשריגן און האט אים דעם תכשיט אפגעלאזן. האט דער תכשיט געכאפט די הויזן און געמאכט "ויברח" און האט ניט געוואלט מער גיין צו אים לערנען. שלום לייב קרופסקי האט געהאט דריי זין: מרדכי, חיים און דעם נאמען פון דריטן געדענקט ניט דער שרייבער, און אויך, דוכט מיר, א טאכטער אדער צוויי טעכטער. שלום לייב איז געשטארבן אין די מיטעלע יארן. דער ערשטער וואס איז אוועקגעפארן קיין ארץ-ישראל איז געווען דער צווייטער זון חיים. אין ישראל האט ער זיך גערופן חיים אחיאב. נאכער איז די פרוי פון שלום לייב אוועקגעפארן קיין ארץ-ישראל מיט דער טאכטער און דעם אינגסטן זון און זיינען אריין אין א קיבוץ. חיים אחיאב (קרופסקי) איז געשטארבן אין ישראל אין די מיטעלע יארן. צולעצט איז אוועקגעפארן דער עלטסטער זון פון שלום-לייב קרופסקי, מרדכי קרופסקי, מיט זיין פרוי טשערנע און צוויי טעכטער, הדסה און שושנה. מרדכי קרופסקי, קומענדיג קיין ישראל, האט באקומען א פאסטן אלס פקיד אין סוכנות. ער איז מיט איייניגע יאר צוריק געשטארבן אין ירושלים צו זיבציג יאר פון זיין לעבן.

די באשריבענע מלמדים, ווי שמואל באטשאן, עוזר וואלינסקי, שמעון קריינאוויץ, בערע יאסיע קאלמאנאוויטש און שלום לייב קרופסקי, זיינען געווען דער עלטערער דור מלמדים אין לידא. אין דעם

[5] [א באשטאן איז א מין הויכע פויגל וואס הייסט אין אידיש אויך א בושל און א שטארך אויף דייטשיש.]

אינגערן דור מלמדים זיינען געווען: אלי חיים פופקא דער לאזויקער. מעגלעך אז עס איז געווען נאך מלמדים אין לידא, נאר דער שרייבער פון די שורות ווייס ניט פון זיי. סליחה, עס איז געווען א ספעציעל גמרא מלמד מיטן נאמען משה בער וויסמאנסקי.

פון יאר 1920 איז לידא אריבער צו פוילן, זיינען אלע רוסישע און אידיש-רוסישע שולן און גימנאזיעס פארמאכט געווארן. און די פוילישע רעגירונג האט אויך געטאן דאס זעלבער צו פאלאניזירן די נייע צוגעקומענע ווייס-רוסישע טעריטאריע. די פוילישע רעגירונג האט זאפארט אין לידא געעפנט א פוילישע פאלקשול. אין פויליש האט דאס געהייסן "שקאלא פאוושעכנא" און א פולע 8 קלאסיקע פוילישע גימנאזיע. דערנאך האט דער לידער מאגיסטראט אויך געעפנט א שטאטישע 8 קלאסיקע פוילישע גימנאזיע. און פאר די אידישע קינדער פון לידא האט די פוילישע רעגירונג אויך געעפנט א פאלקשולע אין וועלכע מען האט אין אלע געגנשטאנדן געלערנט די פוילישע שפראך. נאר זי האט זיך אונטערשיידט פון דער פוילישער פאלקשולע מיט דעם וואס מען האט אין די אידישע פאלקשולע ניט געלערנט שבת און אנשטאט שבת האט מען געלערנט זונטיק, דעריבער האט מען די אידיש-פוילישע פאלקשולע גערופן "שאבאסובקא". אלע לערער פון דער אידיש-פוילישער פאלקשול זיינען געווען אידישע לערער פון גאליציע—אויסגעשפראכענע אסימיליאטארן.

די פוילישע רעגירונג האט זיך באצויגן טאלעראנס צו די אידישע באפעלקערונג און האט אויך ערלויבט צו עפענען העברעאישע שולן און גימנאזיעס. אין שול יאר 1921-22 האבן צוויי לידער יונגע מענשן: סטודענט רובין, דער זון פון ר' ראובן חנן רובין, מיט פריילין ארקין, געעפנט אין לידא א העברעאישע כתה מכינה, געוויס מיט די ערלויבעניש פון שול אינספעקטאר. און דער לימוד איז פארגעקומען אין מתעסקים קלויז, מעגלעך ווייל זיי האבן ניט געהאט די געלט-מיטלען צו דינגען א לאקאל, און אויך געלט אויף מעבל וואס מען דארף האבן פאר א שולע. און מעגלעך אויך ווייל זיי האבן געהאלטן בא אפפארן נאך ארץ-ישראל, האבן זיי נאר געוואלט צוגרייטן תלמידים פאר די ווייטערדיקע כתות פון דער צוקונפטיקער העברעאישער גימנאזיע, ווייל זיי זיינען געווויס געווען זיכער אז עס וועלן קומען ציוניסטישע "תרבות" עסקנים וואס וועלן זיך פארנעמען מיט א גרינדלעכע עפענונג פון די ווייטערדיגע כיתות פון דער "תרבות" גימנאזיע. און אזוי איז טאקע פארגעקומען. און עס קומט דעריבער די צוויי יונגע מענשן, רובין און ארקין, א דאנק פאר דעם גרונטשטיין וואס זיי האבן געלייגט פאר דער צוקונפטיקער "תרבות" גימנאזיע.

איך, אילוטאוויטש יעקב, דער שרייבער פון די שורות, איז אין יאר 1922 געקומען פון אדעס מיט זיין פרוי עה"ש און מיט זייער דאן 8 יאריגן זון לעאן און האט געשטרעבט צו געבן זיין בן-יחיד א אידיש העברעאישע ערציונג. האט ער זיך פאראינטערעסירט מיט די געגרינדעטע העברעאישע כיתה פון ה' רובין. האט דער שרייבער פון די שורות איינגעפונען אז אויב מען וויל גרינדן א נארמאלע "תרבות" גימנאזיע קען מען ניט לערנען אין א קלויז ווען דאס איז אפילו מתעסקים קלויז. און דער שרייבער פון די שורות האט גענומען די איניציאטיוו אום צו צוזאמענרופן אלע געוועזענע חברים פון צעירי ציון וועלכע האבן אויך געהאט קינדער אין שול-עלטער, ווי סאקאלאווסקי וואלף, קרופסקי מרדכי, ראזענשטיין נחום, קראנאסעלסקי שאול, איוויענסקי יוסף און קלעפאטש ברוך און נאך אנדערע עלטערן, וואס האבן געהאט קינדער אין שול-עלטער פאר דער צוקונפטיגער "תרבות" גימנאזיע, מיט דעם אז מען זאל ערנסט צוטרעטן צו די גרינדונג פון דער "תרבות" גימנאזיע. און עס איז באשלאסן געווארן צו געפינען א פאסינדן לאקאל פאר דער גימנאזיע, און אזא לאקאל האט מען געפונען אין איינעם פון די גרויסע יאנושקעוויטשעס הייזער אויף סובאלסקי גאס, וועלכע האט געהאט גרויסיק ליכטיגע און לופטיגע צימערן. גלייכצייטיג האט מען זיך אנגעשלאסן אין די צענטראלע "תרבות" אין ווארשע און געבעטן שיקן א דירעקטאר פאר דער "תרבות" גימנאזיע. די צענטראלע האט געשיקט דעם ד"ר שוסטער, וועלכער איז געווען א פעאיקער מנהל און אויך א פעאיקער לערער, וועלכער האט די גימנאזיע אווקגעשטעלט אויף א פעסטן באדן, אבער צום באדויערן איז ער געווען מנהל פון דער "תרבות" גימנאזיע נאר איין יאר, ווייל ער האט באשלאסן צו פארן קיין ארץ-ישראל.

אויפן שול יאר 1922 - 1923 איז די גימנאזיע "תרבות" באשטאנען פון צוויי מכינות און דער ערשטער קלאס גימנאזיע. אין די מכינות זיינען געווען די לערער: יערוסאלימסקי און קושילעוויטש, וועלכער איז אויך

געווען אויף חשבון אין ערשטן קלאס גימנאזיע, און אויך בערנהאלץ אין ערשטן קלאס. און אין די מכינות און נאך א לידער לערער פערעסעצקי.

אויפן צווייטן שול יאר האט די "תרבות" גימנאזיע באקומען אלס דירעקטאר א גאליציאנער ד"ר זאנענשיין. ער איז געווען א סימפאטישער איטעליגענטער און געבילדעטער מענש, נאר אלס מנהל איז ער געווען צו שוואך צו פירן די גימנאזיע, האט מען אים סוף שול יאר אנטזאגט. אויפן דריטן שול יאר, האט די "תרבות" גימנאזיע באקומען אלס דירעקטאר אויך א גאליציאנער ד"ר מיטן נאמען מארגאליס. א יונגער, פעאיגער און געבילדעטער מענש, נאר א שטיקל פסיכאפאט. איין מאל בא א זיצונג פון ועד מיטן דירעקטאר, האט ער ארויסגענומען פון קעשענע א רעוואלווער און האט אים אוועקגעלייגט אויפן טיש, איז דער ועד פשוט מבולבל געווארן. דער ועד האט ניט געוואוסט מיט וועמען מען האט צו טאן, צו ער איז פילייכט א פאליציי אגענט, אדער אין דער ווירקלעכקייט א פסיכאפאט. דער ועד האט דאן באשלאסן צו זיין פארזיכטיג מיט אים, און מען האט אומגעדולדיג געווארט אויפן ענדע שול יאר, און מען האט אים אנטזאגט.

אויפן פערטן שול יאר האט דער ועד באשלאסן צו מאכן א קאמבינאציע מיט דעם ה' בערנהאלץ. די קאמבינאציע איז באשטאנען אין פאלגענדעס: אזוי ווי זיין פרוי האט געהאט א ווינער אוניווערזיטעט דיפלאם, האט מען איר באשטימט אלס דירעקטאר פאר דער שול-מאכט. נאר פאקטיש האט אנגעפירט מיט די גימנאזיע דער ה' בערנהאלץ ביז ענדע זעקסטן קלאס און אויף ווייטער האט דער ועד באשלאסן צו שליסן די גימנאזיע, ווייל די אלע יארן פון דער גימנאזיע'ס עקזיסטענץ האט די גימנאזיע עקזיסטירט מיט דעפיציטן צוליב צוויי מאטיוון. ערשטנס, ווייל עס איז געווען ווייניג קינדער. צווייטנס, האבן מערסטנטייל פון די עלטערן פארלאנגט הנחות, אזוי אז ענדע שול יאר אום צו באצאלן די לערער האט דער ועד געדעקט מיט זייערע פערזענלעכע וועקסלען וועלכע מען פלעגט דיסקאנטירן אין די אידישע פאלקסבאנק אין וועלכע סאקאלאווסקי וואלף איז געווען דירעקטאר און ער איז אויך געווען מיטגליד פון ועד "תרבות" גימנאזיע. און צום לעצט, האט דער ועד געדארפט באצאלן די וועקסלען פון די אייגענע קעשענעס, אזוי אז עס איז אומעגלעך געווען צו פירן אויף ווייטער די "תרבות" גימנאזיע, און דער ועד האט באשלאסן צו שליסן די "תרבות" גימנאזיע. דעם ועד איז ניט געווען לייכט צו שליסן די גימנאזיע. מען האט אנגענומען אלערליי מיטלען און אונטערנעמונגען ווי צ.ב. קאנצערטן מיט טענץ און אָן טענץ, ווי אויך רעדנער און נאך אנדערע אונטערנעמונגען. מיט אייןווארט, האט מען אלעס געטאן אום די גימנאזיע זאל עקזיסטירן.

טרעפט אז ברוך קלעפאטש איז געווען אין ווילנע און צופעליג האט מען אים פארגעלייגט א פילם מיטן נאמען "תקיעת כף" פאר פינף הונדערט זלאטעס. און ניט פרעגנדיג בא דעם ועד האט ער דעם פילם געבראכט, און אלס מיטגליד פון ועד, אז קלעפאטש האט געבראכט, האט דער ועד ניט געוואלט אים אנטזאגן און מען האט דעם פילם געשטעלט אין קינא "עדיסאן". און דער פילם האט גראדע געהאט א גרויסן ערפאלג און דער פילם האט געגעבן א ריינע הכנסה פון 1200 זלאטעס. איז די שמחה בא דעם ועד געווען גרויס. מען האט געקענט פארשטאפן א גרויסן טייל פון דעפיציט.

אויף דעם סמך, האט קלעפאטש, ניט פרעגענדיג בא דעם ועד און ברענגט פון ווילנע ווייטער א פילם מיטן נאמען "חורבן ירושלים". אז איך, דער שרייבער פון די שורות און חבר פון ועד, האט דערהערט וועגן דעם צווייטן פילם מיטן נאמען "חורבן ירושלים", האב איך דער שרייבער געזאגט צו קלעפאצן, "איך האב מורא עס זאל ניט זיין א חורבן אין קאסע פון דער גימנאזיע פון דעם פילם". און אזוי איז טאקע געווען—"נבואה נזרקה מפי". וואס מען האט פארדינט פון דעם פילם "תקיעת כף" האט מען צוגעלייגט צום דעם פילם "חורבן ירושלים", נאך מיט א מותרות און מען איז אין עדיסאן שולדיג געבליבן אריבער 200 זלאטעס.

און ווי פיל געדענקען, זיינען די פילמס געווען שטומע, און אזוי ווי מיין פרוי עה"ש איז געווען א פיאניסטן, האט זי געשפילט אין קינא "עדיסאן" די באגלייטונג צו די פילמס און זי פלעגט באקומען 200 זלאטעס א מאנאט. און אזוי ווי עס האט דעם עדיסאן געקומט אריבער 200 זלאטעס, האט דער עדיסאן ניט באצאלט פאר דעם חודש די 200 זלאטעס. זי איז דאן געקומען אהיים א פארוויינטע. איך האב איר דאן בארויקט אז דער ועד פון גימנאזיע וועט איר אומקערן די 200 זלאטעס. און אזוי ווי די קאסע פון דער

גימנאזיע איז שטענדיג געווען א פּוסטע, האָב איך איר באַצאָלט די 200 זלאָטעס פון מיין קעשענע, און אום איר צו בּאַרואיקן האָב איך געזאָגט אַז די גימנאַזיע האָט באַצאָלט. דער אַפּיזאָד האָט אויך מיטגעווירקט אום צו שליסן די גימנאַזיע.

די שילער וועלכע האָבן געענדיגט די זעקס קלאַסן "תרבות" גימנאַזיע זיינען א טייל אריינגעטראָטן אין די פּוילישע רעגירונגס גימנאַזיע, טייל אין דער שטאַטישער פּוילישער גימנאַזיע, און א קלענער טייל זיינען אוועקגעפאָרן קיין ארץ-ישראל.

נאָכדעם ווי מען האָט געשלאָסן די "תרבות" גימנאַזיע, האָט דער תרבות וועד זיך גענומען ענערגיש אַרבעטן אום צו פאַרגרעסערן דעם בית ספר "תרבות" וועלכן מען האָט איבערגעטראָגן אין די געביידע פון הרב ריינעסעס ישיבה אויף סאַדאָווע גאַס, וועלכע האָט געהערט צו חנן אילוטאָוויטש. דער בית ספר "תרבות" האָט שטאַרק פּראָגרעסירט פון יאָר צו יאָר, זאָ דאָס די צאָל פון די תלמידים איז דערגאַנגען ביז 500, אַזוי אַז דער בית ספר האָט זיך אויסגעהאַלטן אָנע [=אָן] דעפיציטן און מען האָט נאָך אפילו געגעבן הנחות, די אַלעמען וועלכע האָבן געבעטן, און בּאַ די גרויסע צאָל תלמידים איז די געביידע פון הרב ריינעסעס ישיבה געוואָרן קליין, האָט דער וועד גענומען טראַכטן וועגן בויען א אייגענע געביידע פאַר דעם בית ספר "תרבות".

גערעט און געטאָן. מען האָט אויסגעקליבן פון וועד "תרבות" מיטגלידער און אויך פון די עלטערן פון די תלמידים א בוי קאָמיסיע. דער ערשטער וועלכער האָט זיך מתנדב געווען צו אַרבעטן פאַר דעם בוי פון בית ספר "תרבות", איז געווען בערל דוואָרעצקי. בּאַ דעם מאַגיסטראַט האָט דער וועד פון "תרבות" באַקומען אומזיסט א פּלאַץ פאַר דער שולע אויפן וויגאָן [=פּאַשע], ניט ווייט פון דער רעגירונגס פאָלקשולע. די אידישע באַפעלקערונג פון לידא האָט זיך פרייוויליג אָפּגערופן מיט גרעסערע און קלענער באַשטייערונגען: די ציגעלנע האָבן זיך באַשטייערט מיט ציגל, און די טאַרטאַקן [=זעגמילן] מיט האָלץ מאַטעריאַלן. שמשון פּופּקאָ און פּינחס רובינאָוויץ, וועלכע האָבן געהאַט געשעפטן פון בוי מאַטעריאַלן, האָבן געשריבן צו זייערע צעמענט פאַבריקאַנטן אַז זיי זאָלן זיך באַשטייערן מיט צעמענט פאַר דער "תרבות" שולע. האָבן זיך די צעמענט פאַבריקאַנטן אָפּגערופן, יעדער פאַבריקאַנט מיט א האַלבן וואַגאָן צעמענט. דער אייזן-געשעפט פון די ברידער טשערטאַק און מאיר שטיינבערג האָבן זיך באַשטייערט מיט פיל אייזן מאַטעריאַלן. און אַזוי האָט מען אין א קורצער צייט אויפגעבויט א גימויערטע, דריי-שטאָקיגע געביידע פאַר 8 קלאַסן מיט א אינעווייניגסטן זאַל פאַר גימנאַסטיק ווי אויך א וואַרעמען טואַלעט אום די קינדער זאָלן אום ווינטער ניט דאַרפן ערליידיקן זייערע באַדערפענישן אין דרויסן.

נאָכן פאַרענדיגן די געביידע פאַרן בית ספר "תרבות", האָט מען געמאַכט א גראַנדיאָזן חנוכת הבית מיט איינגעלאַדענע געסט און די עלטערן פון די תלמידים אויף א לעקעך-און-בראַנפן [=אויפנעם] צו באַנעצן [=זיך משמח זיין מיט בראַנפן] די געביידע. דערבּיי האָבן זיך פיל באַשטייערט מיט וויפל יעדער האָט געוואָלט געבן.

בּאַ דעם בית ספר "תרבות", האָט אויך די גאַנצע צייט עקזיסטירט א קינדערגאַרטן אין וועלכן עס איז געווען אַלס לערערין גברת יודית לאַנדאַ, ביז איר אָפּפאָרן נאָך ארץ-ישראל.

נאָך דער שליסונג פון דער "תרבות" גימנאַזיע און דער פּראָגרעסירונג פון בית ספר "תרבות", איז ה' בערנהאַלץ געווען דער מנהל פון בית ספר "תרבות". אגב, ווער עס געדענקט די פּרייטיק צו נאָכטסן ווען בערנהאַלץ פלעגט געבן א לעקציע פון תנ"ך אנגעהויבן פון נביא ישעיהו בּאַ א פול געפּאַקטן זאַל פון לידער איינוואוינער, מענער און פרויען.

נאָך בערנהאַלצן, וועלכער איז אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע, האָט דער בית ספר באַקומען אַלס מנהל א יונגמאַן מיטן נאָמען שטערנבערג, זייער א פעאיקער און ענערגישער, אַלס מנהל און אויך אַלס לערער, וועלכער האָט נאָכער חתונה געהאַט מיט א לערערין פון בית ספר. שטערנבערג איז געווען מנהל פון בית ספר ביז וואַנען די סאָוויעטן האָבן פאַרנומען לידא און האָבן פאַרמאַכט דעם בית ספר "תרבות" און האָבן שטערנבערגן באַשטימט אַלס דירעקטאָר פון א רוסישע פאָלקשול.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז דער נייער רוסישער פאסטן איז ניט געווען צום הארצן, האט שטערנבערג זיך מיישב געווען מיט דעם שרייבער פון די שורות וואס ער זאל טאן. האב איך אים געראטן ער זאל פארן קיין ווילנע. דארט איז פאראן דער "דזשוינט" וועלכער העלפט פארן ווייטער. אויך בערנהאלץ און מיין זון לעאן וועלן זיי אים העלפן פארן ווייטער. "נאר" (עס איז געווען ניט איין "נאר", נאר עטלעכע אזעלכע "נארן") ערשטנס האבן זיי שוין געהאט צוויי קליינע קינדערלעך, און עס איז דאך געווען א גרענעץ און ווי גייט מען דעם גרענעץ מיט צוויי פיצלעך קינדער. צווייטנס, דארף מען דאך האבן א ביסל געלט. דריטנס, איז ער דאך שוין געווען בא די סאוויעטן אויף א רעגירונגס פאסטן, און אויב מען פאלט דורך דעם גרענעץ, און דאס פלעגט גאנץ אפט טרעפן, און מיט די באלשעוויקעס קען מען זיך ניט שפילן. דאס אלעס וואס איך האב דא אויסגערעכנט האט שטערנבערג מיר ניט געזאגט דאס האב איך געזאגט פאר אים.

צוויי טעג פאר דער צווייטער וועלט קריג האט מען מיר, דעם שרייבער פון די שורות, מיט מיין פרוי עה"ש ארויסגעפירט קיין רוסלאנד (סיביר) און שטערנבערג מיט זיין פרוי און די צוויי קינדערלעך זיינען פארבליבן אין לידא. דעם סוף פון שטערנבערגן מיט זיין פרוי און די צוויי קינדערלעך דארף איך אייך ניט דערציילן.

נאך בערנהאלצס אוועקפארן קיין ווילנע, זיינען דער מנהל און די לערער געווען פאלגענדע:

שטערנבערג אלס מנהל און לערער

שטערנבערגס פרוי אלס לערערין

שטאצקי און גרובנער אלס לערערינס, יעצט אין ישראל

גאלדענבערג אלס לערער, יעצט אין ישראל

געלבארד אלס לערער, יעצט אין ישראל

די לידער לערער:

קושלעוויטש, ירוסלימסקי, פערעסעצקי.

די אלע לערער און לערערינס בראש מיטן מנהל שטערנבערג זיינען געווען אלע איבערגעגעבענע ערציער פון די לידער קינדער אין בית ספר "תרבות".

יהי זכרו ברוך!

אין לידא האבן זיך אויך געפונען א ביסל יידישיסטן בראש פון וועלכע זיינען געשטאנען ד"ר זארטשין און דער פריזידער, יעקב פופקא. האבן זיי זיך מתקנא געווען אין די "תרבות" שולע וועלכע האט שטארק פראגרעסירט. האבן די יידישיסטן אויך געעפנט א אידישע שול אלס קאנקורענץ מיט א גאר ביליגן שכר לימוד און אפילו אויך אינגאנצן אומזיסט. נאר די אידישע שולע האט די גאנצע צייט געהאט זייער א נידעריגע עקזיסטערץ, קוים א פופציג קינדער. זיי האבן געהאט א שטיצע פון דער אידישיסטישע צענטראלע אין ווילנע און האבן אויך אנגעהויבן בויען א קליינע הילצערנע געביידע פאר דער שולע. נאר זיי האבן ניט געהאט די מעגלעכקייטן צו פארענדיגן און איז פארבליבן ניט פארענדיגט. ניט קוקנדיג אויף דעם וואס זיי האבן געהאט סימפאטיקער בא די לידער אינטעליגענץ, נאר די סימפאטיקער האבן נאר געגעבן זייער סימפאטיע און מיט סימפאטיע אליין קען מען ניט בויען. און ווער עס האט יא וואס געגעבן, איז געווען גראשנס. נאר דער גורל איז געווען דער זעלבער פוןביידע שולן.

## ציוניזם אין לידא

נאך דעם ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס וועלכער איז פארגעקומען אין יאר 1897, איז די התלהבות פון די בעל-הבתישע יוגנט געווען גרויס. איך באטאן די "בעל-הבתישע" ווייל די ארבעטער יוגנט איז דאן געווען באהערשט פון "בונד", און די מערער געבילדעטע אינטעליגענץ און די אידישע שטודירנדע יוגנט איז געווען באהערשט פון "סאציאל רעוואלוציאניזם". און דיביידע פארטייען האבן געהאלטן אז מען דארף דא אויפן ארט קעמפן פאר דער פארבעסערונג פון ארבעטער קלאס און פויערים און אויך קעמפן קעגן ציוניזם, און דער ציוניזם איז ערשטנס, לויט זייער מיינונג, א רעאקציאנעדע אידייע, און ציט אפ די אידישע יוגנט פון די סאציאליסטישע אידעען.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז אויך אין לידא האט די בעל-הבתישע יוגנט גענומען ריידן וועגן ארגאניזירונג פון די יוגנט פארן ציוניזם. די ערשטע וועלכע האבן זיך צוניפגערעט זיינען געווען פאלגענדע: סאקאלאווסקי וואלף; קרופסקי מרדכי; ראזענשטיין נחום; גילינסקי, א יונגער בחור וועלכער האט געלערנט אין ווילנער גאס קלויז; כהן משה, המזכיר של הרב ריינעס ז"ל; ויבדל לחיים אילוטאוויטש יעקב ואחיו גרוינם.

פון יונגע מיידלעך פון יענער צייט האבן זיך געמאלדן לעווין גיטל, רבקה פופקא עה"ש ותבדלנה לחיים קרופסקי טשערנע און יודילעוויטש תמימה, און נאך אנדערע וועלכע איך געדענק ניט זייערע נעמען.

נאך דער ערשטער גרינדונג פארזאמלונג, זיינען צוגעשטאנען א היפש ביסל יוגנטלעכע מענער און פרויען און אויך אייניגע יוגנטלעכע ארבעטער. מיטגעהאלפן די גרינדונג פון די ציוניסטישע יוגנט ארגאניזאציע איז דאן געווען דער ה' שייניוק ז"ל, דער דאמאלסטדיגער ביר מייסטער בא פאפירמייסטער אין ביר זאוואד. דער ה' שייניוק איז דאן געווען אין די מיטעלע יארן. דער ה' שייניוק ז"ל איז שוין דאן פון פריער געווען א הייסער חובב ציון. דער ה' שייניוק ז"ל האט זיך דאן גענומען מיט ענערגיע צו העלפן די ארגאניזירונג א ערשטער גרינדונג פארזאמלונג, און מען האט דאן באשלאסן אנצורופן די ציוניסטישע יוגנט ארגאניזאציע מיטן נאמען צעירי ציון.

אגב, דאן די ערשטע ציוניסטישע יוגנט ארגאניזאציע מיטן נאמען צעירי ציון אין גאנץ רוסלאנד און פוילן, און אז עס איז צוגעקומען מער יונגע פרויען, האבן זיי זיך אויסגעטיילט מיטן נאמען "בנות ציון" אלס א סעקציע בא די צעירי ציון.

דער ה' שייניוק האט אויך מיטגעהאלפן, אז די פאמיליע פאפירמייסטער ד.ה. גיכער דער ה' קאנטאר, דער ערשטער איידעם פון יעקב פאפירמייסטער, וועלכער איז אויך געווען א חובב-ציון, אז זיי זאלן פארדינגען די גרויסע הילצערנע געביידע, וועלכע איז באשטאנען פון דריי קאלאסאלע זאלן מיט א קיך און וועלכע האט זיך געפונען בא די פאפירמייסטערס אויפן הויף און וועלכע מען האט א נאמען געגעבן אפיציעל "טשיינע" [=טיי-הויז]. וויבאלד אפיציעל איז דער ציוניזם געווען ניט לעגאל, האט מען ניט געקענט אנרופן מיט א ציוניסטישן נאמען, נאר טרינקען טיי האט מען געמעגט פריי וויפל מען וויל. די אידישע באפעלקערונג פון לידא האט גערופן די ציוניסטישע [מיטן נאמען] טשיינע, און די ציוניסטישע טשיינע האט געהאט ערפאלג אין אלע הינזיכטן.

אז דער צעירי ציון האט זיך פארגרעסערט מיט יונגע מיטגלידער, זא דאס אלע אוונט זיינען געווען פיל מיטגלידער אין טשיינע, און אויך די גאנצע אינטעליגענץ פון שטאט לידא און אפילו בעלי בתים פלעגן באזוכן די טשיינע. און ווער רעדט אין די פרייטיק צו נאכטן און מוצש"ק, פלעגט זיין די טשיינע געפאקט פון אלערליי באזוכער. אגב, די טשיינע איז געווען דער איינציגער ארט אין שטאט לידא וואו מען האט זיך געקענט טרעפן און פארברענגען בא א גלעזל טיי. און ווער רעדט אז עס פלעגט קומען א ציוניסטישער רעדנער פון וועלכן מען האט געקענט הערן א ציוניסטיש ווארט, איז קיין פלעצער ניט געווען צו זיצן און פיל האבן געמוזט שטיין אויף די פיס.

דער צעירי ציון פלעגט אפט איינארדענען קאנצערט אוונטן און אויך מיט רעדנער. דער צעירי ציון האט געהאט א אייגענעם שטענדיגן רעדנער, דאס איז געווען משה כהן ז"ל, וועלכער איז געווען א באגאבטער רעדנער. נאר אזוי ווי א שטענדיגער רעדנער ווערט וואכעדיג, פלעגט דער צעירי ציון שטענדיג פאדערן פון איסאק גאלדבערגן ז"ל ער זאל שיקן גוטע רעדנער פון ווילנע.

איין מאל האט דער צעירי ציון באשלאסן איינצוארדערנען א גרויסן קאנצערט אוונט מיט א גוטן רעדנער. צו דעם צוועק האט מען געשיקט א מיטגליד קיין ווילנע צו איסאק גאלדבערגן וועגן א גוטן רעדנער. האט גאלדבערג געזאגט אז צו באדויערן איז יעצט ניט פאראן אין ווילנע אזא גוטער רעדנער לויט ווי איר פארלאנגט, נאר עס איז פאראן אין ווילנע א גאר יונגער מענש וועלכער האט נאך קיין מאל ניט ארויסגעטראטן אלס רעדנער, נאר ער איז זיכער אז דער יונגער מענש וועט האבן ערפאלג פאר א פראפאגאנדע אוונט. דאס איז געווען ניט קיין אנדערער ווי דער שפעטערדיגער ציוניסט, טריביון און שריפטשטעלער וולאדימיר זשאבאטינסקי. און נעמלעך, ניט קוקנדיג וואס ער האט גערעדט דעם ערשטן מאל אין זיין לעבן, האט ער דאן געמאכט א גרויסן איינדרוק אויף אלעמען מיט זיין רעדע. די טעמע פון זיין רעדע איז געווען, לויט ווי דער שרייבער פון די שורות געדענקט, וועגן נאציאנאליזם. ער האט גערעדט אין רוסיש, ווייל ער האט ניט געקענט ניט אידיש און ניט עברית, נאר ער האט צוגעזאגט אז ער וועט קומען א צווייט מאל וועט ער ריידן עברית. ער האט אויך צוגעזאגט אז צוליב דעם וואס ער רעדט אין לידא די ערשטע רעדע אין זיין לעבן איז וואו ער זאל זיך ניט געפינען און מען וועט אים רופן האלטן א רעדע אין לידא, וועט ער זאפארט קומען. און ער האט געהאלטן ווארט. ער, זשאבאטינסקי, אויפן רוף פון די לידער ציוניסטן איז ער אייניגע מאל געקומען ריידן.

דער צעירי ציון האט אויך אראפגעבראכט אויף א אוונט דעם בארימטן שריפטשטעלער שלום עליכם ז"ל, וועלכער האט געלייענט זיינע ווערק און האט געהאט גרויס ערפאלג.

ווי אלעמען איז באוואוסט, איז נאכן ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס ניט געקומען קיין פראקטישע ארבעט. דער קרן קיימת לישראל איז געגרינדעט געווארן אין 1901 און דער קרן היסוד נאך שפעטער. האבן זיך די ציוניסטישע גרופן פארנומען מיט פראפאגאנדע און די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט געהאט צו קעמפן אויף עטלעכע פראנטן ווי צום ביישפיל: די אגודה וועלכע איז געווען געגען ציוניזם ווייל מען דארף ווארטן אויף משיח'ן; די חברה מפיצי השכלה איז געווען קעגן ווייל זיי האבן געהאלטן אז מען דארף די אידן בילדן און לערנען פאכן אין גלות; די בונדיסטן און די "סאציאל רעוואלוציאנערן" זיינען קעגן ווייל מען דארף קעמפן קעגן צאר פאר די ארבעטער און פויערים אין רוסלאנד. מיט איין ווארט, דער ציוניזם האט געהאט דאן פיל קעגנער, קעגן וועלכע מען האט געהאט צו קעמפן. און דאס זעלבער האט אויך געהאט צו קעמפן די לידער יונגע ציוניסטישע ארגאניזאציע צעירי ציון. דער גרעסטער שונא פון ציוניזם איז געווען דער "בונד" און דער לידער צעירי ציון האט געהאט צו קעמפן קעגן בונד טאג-טעגלעך. זיי זיינען געווען פעאיק אויף אלערליי שמד שטיק, אבי נאר צו שטערן די ציוניסטישע ארבעט.

זיי האבן, צום ביישפיל, איין מאל אפגעטאן א שמד-שטיק אין לידא וואס עס האט געקאנט ברענגען צו מענשלעכע קרבנות. דאס איז פארגעקומען, דוכט מיר, צום צווייטן יארצייט פון ד"ר הרצל ז"ל. די גרויסע שול אין לידא איז געווען פול געפאקט מיט מענער, פרויען און קינדער. בא די מענער און בא די פרויען אויף די גאלערייען, האט דער צעירי ציון דאן אנגענומען אלס פארזיכטס מיטלען, ווי בא די מענער און איבערהויבט בא די פרויען. אויף די גאלערייען האט מען צושטעלט געזונטע קרעפטיקע יונגע מענשן אויפן פאל [=פאדלאגע], וואס עס זאל ניט געשען. נאר אויף אזא נידערטרעכטיגע שמד-שטיק, האט מען זיך ניט געריכט, ווי אין מיטן ריידן פון רעדנער, האבן די בונדיסטן אנגעהויבן שרייען "עס ברענט, א שריפה". מען קען זיך גארניט פארשטעלן וואס פאר מהומה עס איז געווארן. דער גאנצער עולם האט זיך א לאז געטאן מיט א מאל צו די טירן. מען האט צעבראכן די פענסטער און געשפרונגען דורך די פענסטער. נאר די גרעסערע געפאר איז געווען בא די פרויען אויף די גאלערייען. די גאנצע מאסע פרויען און קינדער האבן זיך א לאז געטאן צו די צוויי טרעפן וועלכע האבן ניט געקענט אויפנעמען די גאנצע מאסע פרויען און קינדער. נאר א דאנק די פארזיכטס מיטלען און די קאלט-בלוטיקייט פון די חברים וואס האבן געהיטן די טרעפ, איז אויסגעמיטן געווארן פון

מענשלעכע קרבנות. אט דאס האבן געטאן די כוליגאנעס פון בונד, און געוויס האבן זיי דאס געטאן מיטן וויסן פון זייערע מנהיגים אין שטאט לידא.

בערך אין יאר 1899-1900 איז געגרינדעט געווארן די קאלאניאל באנק. האט דער צעירי ציון פארקויפט אין לידא 1000 אקציעס, און אין 1901 איז געגרינדעט געווארן דער קרן קיימת לישראל. האט דער צעירי ציון געקליבן געלט פארן קק"ל און מען האט פארטיילט אין אלע הייזער די ווייס-בלויע פושקע פון קק"ל. און אזוי ווי מען האט געוואוסט אז די געלט גייט פאר ארץ-ישראל, דארפן זיי פאר ליכטבענטשן אריינווארפן אין פושקע עטלעכע קאפעקעס, און אלע חודש פלעגן די חברים פון צעירי ציון גיין אויסליידיגן די פושקעס. זעלבסטפארשטענדלעך אז אין די בעל-בתישע הייזער און אין די אינטעליגענטע הייזער איז קיין פראבלעם ניט געווען ווען זיי האבן פארגעסן אריינווארפן אין פושקע; ווען זיי זיינען געקומען אויסליידיגן די פושקע, פלעגט מען באקומען געצאלט פארן גאנצן חודש.

נאר דער אמת'ער קאמף האט זיך אנגעהויבן מיטן "בונד" אין די הייזער פון די בעלי-מלאכות. זייער קינדער זיינען מערסטנס געווען חברים פון "בונד". פלעגן זיי אראפרייסן די פושקעס און פארווארפן ערגעץ וואו. די מוטערס פון די קינדער בונדיסטן זיינען מערסטנס געווען פראסטע אידישע פרויען וואס האבן ניט געוואוסט פון פאליטיק. מען האט זיי געזאגט אז דאס געלט איז פאר ארץ-ישראל, איז דאס בא זיי געווען הייליג און אז מען פלעגט קומען אויסליידיגן די פושקעס און די פושקעס געפינען זיך אונטערן בעט, פלעגן זיך די מוטערס פארענטפערן מיט דעם אז די קינדער האבן דאס געטאן און פלעגן ערליידיגן מיט עטלעכע קאפעקעס מזומן. און אזוי האט זיך דער קאמף געפירט די גאנצע צייט. די בלויע קרן קימת פושקע איז אויך געווען צוגעטיילט אין אלע גרעסערע און קלענערע געשעפטן און ביוראען. דארט האט די בונדיסטישע האנט ניט דערגרייכט.

דער צעירי ציון האט אויך איינגעארדנט די ציוניסטישע פאסט, ד.ה. איינלאדונגען אויף חתונות, גראטולאציע טעלעגראמעס און "לשנה טובה" קארטן ערב ראש השנה. פלעגט די צעירי ציון פאסט פארנאנדערטראגן און די פאסט געלט פלעגט גיין אויפן קק"ל. דער צענטער וואוהין מען פלעגט דארפן ברענגען די חתונה בילעטן, טעלעגרמעס און די "לשנה טובה"ס, איז געווען בא פרומטשע יודעלעוויטש. יעצט רופט מען איר תמימה יודילביטש די "הבימה" ארטיסטן, ווייל איר געשעפט אין לידא איז געווען אין צענטער שטאט, אויף די סובאלסקי גאס.

די ציוניסטישע פאסט האט געארבעט ביז דער ערשטער וועלט מלחמה. איך נעם דאס פון דעם פאלגענדן פאקט אז איך, דער שרייבער פון די שורות—אילוטאוויטש יעקב, האט חתונה געהאט אין אדעס אין יאר 1903, האט מיין פאטער ז"ל צעשיקט איינלאדונגען צו קרובים און באקאנטע און אויך פון די חברים פון צעירי ציון. האט זיך צונויפגעקליבן אריבער צוויי הונדערט טעלעגראמעס דורך די ציוניסטישע פאסט, און די טעלעגראמעס האט מען געגעבן מיט זיך די עלטערן פון יעקב'ן בעת זיי זיינען געפארן צו זיין האכצייט [=חתונה] קיין אדעס.

נאך דער ערשטער וועלט מלחמה, איז די בלויע פושקע געווען נאר אין די געשעפטן און ביוראען. בערל דווארעצקי איז דאן געווען די מורשה פון קק"ל אין לידא. זיין קק"ל פושקע בא אים אין פאפיר געשעפט האט געגעבן די גרעסטע סומע.

נאך דער ערשטער וועלט מלחמה איז די אידישע לידא כמעט אין גאנצן געווען ציוניסטיש געשטימט און האבן געגעבן אויףביידע קרנות קק"ל און "קרן היסוד" מיט א ברייטע האנט.

דער צעירי ציון האט אויך איינגעארדנט א היפשע העברעאישע ביבליטעק, מיט וועלכע דער שרייבער פון די שורות האט פארוואלטעט און אפגעהיט אז עס זאל ניט פארלארן גיין.

אין 1908 יאר האט זיך דער שרייבער פון די שורות, אילוטאוויטש יעקב, באזעצט אין אדעס און דארט חתונה געהאט. און ווען אין 1922 אז ער איז צוריקגעקומען פון אדעס קיין לידא, האט ער געפרעגט בא די

חברים פון צעירי ציון וועגן דער ביבליאטעק, האט קיינער ניט געוואוסט וואס מיט דער ביבליאטעק איז געשען. לויט ווי אבא לאנדא האט מיר געזאגט אז פון 1908 יאר נאך מיין באזעצן זיך אין אדעס ביז איבער דער ערשטער וועלט מלחמה, האבן די ביבליאטעק פארוואלטעט אייזיק דווארעצקי, משה עפשטיין, אבא לאנדע און, די לעצטע צייט, משה לאנדע. מעגלעך אז אזוי איז טאקע געווען, נאר א פאקט איז אז אין 1922 איז שוין די ביבליאטעק ניט געווען.

נאך דער ערשטער וועלט מלחמה איז אויך לידא געווען ציוניסטיש געשטימט און עס זיינען שוין געווען ציוניסטישע ארגאניזאציעס ווי "אלגעמיינע ציוניסטן", "רעוויזיאניסטן", "מזרחי", "פועלי ציון", "השומר הצעיר" (די לעצטע צוויי יוגנט ארגאניזאציעס), און אן אלגעמיין ציוניסטישע אקאדעמישע יוגנט ארגאניזאציע מיטן נאמען "התחיה". נאכדעם מיט א קורצע צייט שפעטער האט לעאן אילוטאוויטש געגרינדעט די אלגעמיין ציוניסטישע יוגנס-ארגאניזאציע "הנוער הציוני" וואס איז אויך געווארן אנגעפירט פון לעאן אילוטאוויטש.

דער ועד פון די אלגעמיינע ציוניסטן אין לידא איז געווען דער זעלבער וואס פון "תרבות".

דער גרעסטער טייל אידן אין לידא זיינען געווען אלגעמיינע ציוניסטיש געשטימט.

נאך דער ערשטער וועלט מלחמה האט די אלגעמיינע ציוניסטישע ארגאניזאציע ארויסגעגעבן א וואכן צייטונג מיטן נאמען "לידער וואך". דער ה' בערנהאלץ איז געווען רעדאקציע רעדאקטאר און דער שרייבער פון די שורות, אילוטאוויטש יעקב, איז געווען דער פאראנטווארטלעכער רעדאקטאר פאר דער מאכט און פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך אריינגעבן וועגן וועלכע עס איז געשעעניש אין שטאט לידא. סאפאטניצקי משה, דער זון פון ישראל יוסף דער מעל קרעמער ז"ל, פלעגט אפט אריינגעבן אין "לידער וואך" אינטערסאנעטע פעליעטאנען. די צייטונג "לידער וואך" האט געהאט ערפאלג.

אזעלכע אלגעמיינע ציוניסטישע וואכן צייטונגען האבן אויך ארויסגעגעבן נאך אנדערע שטעט. פלעגט מען זיך בייטן מיט די צייטונגען, און וואס עס פלעגט זיין אינטערעסטאנט פאר יעדער צייטונוג פלעגט מען איבערדרוקן איינער פון צווייטן, סיי אין ציוניסטישע ענינים און סיי וועגן אלגעמיינע אידישע ענינים. איינער אזא עקזעמפלאר פון "לידער וואך" האט זיך געפונען אין ראשון לציון בא פרוי נאוויק, געבוירענע סטאנעצקי פון לידא.

בא דעם שרייבער פון די שורות איז געווען די צייטונג "לידער וואך" איינגעבונדן פאר דער גאנצער צייט וואס די צייטונג האט עקזיסטירט. אבער נאך דעם ווי מען האט אים ארויסגעפירט קיין סיביר איז די צייטונג "לידער וואך" פארבליבן אין וואוינונג, וועלכע איז פארברענט געווארן בא די באמבארדירונג פון לידא פון די היטלעריסטן ימ"ש מיט אלעס וואס עס האט זיך געפונען אין וואוינונג.

## סאוויעטן אין לידא

דעם ערשטן סעפטעמבער 1939 האט אור פרי האט איבער לידא געפלויגן עלף מיליטער ערעפלאנען וועלכע זיינען געפלויגן אין קריג צושטאנד/ נאר די אידישע באפעלקערונג האט ניט געלייגט קיין אכט אויף זייער פליען ווייל דריי קילאמעטער פון לידא איז געווען א פוילישער מיליטעריש ערארדראם [=פליפלעד] און די פוילישע פליער פלעגן אפט מאכן איבונגען און פליען איבערן שטאט לידא און אויך אין קריגס צושטאנד מיט 3 וועלף-עראפלאנען. האט מען אין דעם פליען פון ערשטן סעפטעמבער 1939 אויך אנגענומען אז דאס זיינען פוילישע עראפלאנען, נאר אין עטלעכע מינוטן שפעטער האט מען געהערט א באמבארדירונג. דאן האט מען פארשטאנען אז דאס זיינען געווען ניט קיין פוילישע עראפלאנען נאר דייטשע וועלכע האבן באמבארדירט דעם פוילישן ערארדראם. נאר לויט ווי מען האט דערנאך דערציילט, זיינען שוין די פוילישע עראפלאנען ניט געווען אויפן ערארדראם, און אז זיי האבן זיך אויסבאהאלטן אין דעם נאענטן וואלד. אן אנדערע ווערסיע איז געווען אז די פוילישע מיליטער מאכט האט שוין געוואוסט פון פריער אז היטלער וועט אנפאלן, האבן זיי צוגענומען די עראפלאנען פון לידער עראדראם.

נאך דער באמבארדירונג פון די דייטשע עראפלאנען אויף דעם לידער אעראדראם, האבן די דייטשע עראפלאנען געמאכט א שפאציר איבער די אידישע טייל שטאט פון לידא און האבן געשאסן פון פולעמעטן [=מאשינביקסן] איבער דער אידישער באפעלקערונג פון שטאט, נאר עס האט קיינעם ניט געשאט.

דעם זעלבן 1-טן סעפטעמבער, 1939 האבן די היטלעריסטן אנגעהויבן צו באמבארדירן ווארשע, וועלכע איז פארגעקומען טאג און נאכט. די פוילישע רעגירונג האט אין ווארשע געמאלדן א מאבליזאציע פון אלע יונגע מענער און וועלכע האבן זיך צוגעשטעלט אין די געמאלדענע פונקטן, נאר נאכער האט מען די מאבליזירטע געהייסן גיין אהיים, און דער ווארשעווער ראדיא האט געהייסן אז אלע מענער זאלן ארויסגיין פון ווארשע, האט מען דאן גענומען לויפן פון ווארשע מיט אלע וועגן און מיט אלע טראנספארט מיטלען. און געלאפן זיינען זעלבסטפארשטענדלעך די אידישע באפעלקערונג פון ווארשע, און אויך פון אלע פוילישע שטעט און שטעטלעך און אויך פון גאליציע. א גרויסער שטראם פון די לויפענדע אידן זיינען געלאפן איבער ביאליסטאק און לידא אנצוקומען קיין ווילנע. נאר נאך דעם אפמאך צווישן היטלערן און סטאליענען אין וועלכן זיי האבן זיך צעטיילט מיט פוילן, האט היטלער צוגענומען גאנץ פוילן ביז ביאליסטאק. און סאוויעט רוסלאנד האט באקומען די קרעסן וועלכע זיינען אנגעשלאסן געווארן צו ווייס-רוסלאנד. און ליטע האבן די סאוויעטן געמאלדן פאר א רעפובליק מיט ווילנע אלס די הויפטשטאט פון ליטע און אלס רעפובליק וועלכע איז אנגעשלאסן געווארן צו ראטן-פארבאנד. פון דער איינטיילונג צווישן היטלערן און סטאלינען איז געווארן א גרענעץ צווישן ליטע און ווייס-רוסלאנד. צוליב דעם האבן די לויפענדע אידן וועלכע האבן געוואלט אנקומען קיין ווילנע אום צו פארן ווייטער איבער רוסלאנד האבן זיך געמוזט אין לידא אפשטעלן אום זיך צו באזארגן מיט א אריבערפירער דעם גרענעץ. זא דאס לידא איז געווארן א הויפט פונקט צווישן ליטווישן און ווייס-רוסישן גרענעץ.

דער זון פון דעם שרייבער פון די שורות, לעאן אילוטאוויטש, נאך זיין פארענדיגן אין ווארשעווער אוניווערזיטעט אלס עורך דין, איז פארבליבן אין ווארשע, וואו ער איז געווארן דער מזכיר כללי פון די ציונים כלליים פון די גרופע ב' אין וועלכע די אנפירער זיינען געווען ד"ר שווארצבארד, ד"ר גאטליב און ד"ר לעוויטע. דער מרכז און די אנפירונג איז געווען אין ווארשע. זיינען די עלטערן פון לעאן אילוטאוויטש געווען באזארגט וועגן זייער בן-יחיד וועלכער איז נאך ניט געווען געקומען פון ווארשע. נאר נאך לאנגן ווארטן איז לעאן געקומען מיט זיין אנקל און פאמיליע, דעם ברודער פון אילוטאוויטש יעקב, דורך ביאליסטאק.

גלייך נאך זייער קומען קיין לידא, האט דער שרייבער פון די שורות זיך באמיט צו איבערשיקן זיין ווארשעווער ברודער מיט זיין פאמיליע קיין ווילנע און לעאן איז נאך פארבליבן דריי וואכן צייט אין לידא אום צוצגרייטן אים צום וועג. פאר די דריי וואכן צייט וואס לעאן איז געווען אין לידא, האט אים דער פאטער ניט געלאזן גיין אין גאס ווייל דער פאטער האט פשוט מורא געהאט פאר די לידער קאמוניסטן וועלכע האבן דאך אים געקענט אלס ציוניסט און אלס דעם אנפירער פון הנוער הציוני. און איין מאל ווען דער פאטער פון לעאן איז געווען אין גאס האט אים אנגעטראפן דער לידער קאמוניסט מיטן נאמען קאראבעלניק און געפרעגט, "וואו איז אייער לעאן? ער איז דאך אזא פעאיקער, ער וואלט בא די באלשעוויקעס שנעל געווארן א מיניסטער". האט אים דער פאטער געענטפערט, "דאס איז טאקע ריכטיג. אז לעאן וואלט בא די באלשעוויקעס שנעל גישטיגן מיט זיינע פעאיקייטן. נאר דו ווייסט דאך אז ער איז אין ווארשע, און ער איז נאך ניט געקומען פון ווארשע". נאך דעם שמועס, האט דער פאטער פון לעאן באשלאסן ניט צו ווארטן ביז וואנען די באלשעוויקעס וועלן אים מאכן פאר א מיניסטער און אים שנעל אריבערגעשיקט קיין ווילנע. און פון ווילנע איז ער אוועקגעפארן דורך מאסקווע-וולאדיוואסטאק קיין יאפאן, און פון יאפאן קיין שאנכאי (כינע) וואו ער איז פארבליבן די גאנצע פינף יאר צייט פון דער קריג.

נאך דער קריג האט מען אים אין שאנכאי אויסגעקליבן אלס דעלעגאט צום 22-טן ציוניסטישן קאנגרעס, וועלכער איז פארגעקומען אין יאר 1946 אין באזעל (שווייץ). און אויף דעם קאנגרעס האט ער זיך באקענט מיט ד"ר אבא הלל סילבער ז"ל און, ויבדל לחיים, מיט ד"ר עמנואל ניומאן. און זיי האבן איינגעזען אין אים אלס א פעאיקן יונגן מענשן מיט שפראכן אויך אלס גוטער רעדנער. האבן זיי אים פארגעלייגט דעם פאסטן אלס מנהל

כללי פון ז.א.א., די אלגעמיין ציוניסטישע ארגאניזאציע אין אמעריקע, וועלכן ער האט אנגענומען און איז אויף דעם פאסטן ביזן היינטיגס טאג.

דער ברודער פון דעם שרייבער פון די שורות, אילוטוויבץ יעקב, מיט זיין פאמיליע זיינען אויך געפארן מיט דעם זעלבן וועג ביז יאפאן און פון יאפאן קיין אויסטראליע, וואו ער געפינט זיך מיט זיין פאמיליע ביז היינטיגס טאג.

צווישן דעם לויפנדן שטראם אידן דורך לידא קיין ווילנע איז אויך געקומען פוןווארשע דער ד"ר גאטליב, דער רעדאקטאר פון דער ווארשעווער אידישער צייטונג "מאמענט". און אזוי ווי ד"ר גאטליב האט געוואוסט אז לעאנס פאטער וואוינט אין לידא, האט ער זיך געווענדעט צו אים נאך א עצה ווי צו פארן קיין ווילנע. האט אים לעאנס פאטער געראטן צו פארן מיט דעם זעלבן וועג ווי ער האט געשיקט זיין זון לעאן, דורך די באן סטאנציע באסטון. לעאנס פאטער האט אים געגעבן א בריוו צו זיינע קרובים וועלכע האבן געוואוינט אויף דער באן סטאנציע באסטון און זיי ערקלערט אין בריוו ווער דער ד"ר גאטליב איז און זיי זאלן אים העלפן אין אריבערגיין די גרענעץ קיין ווילנע. אין דעם זעלבן טאג ווי ד"ר גאטליב איז צו זיי געקומען, האבן זיי אים צוגעטיילט צו א גרופע וואס איז די נאכט געגאנגען דעם גרענעץ. צו אומגליק, האט דער סאוויעטישער גרענעץ פאטראל פארהאלטן די גאנצע גרופע און זיי צוריקגעשיקט קיין לידא צו די פאליציי. האט דער פאליציי נאטשאלניק, א איד, קאנטראלירנדיק ד"ר גאטליבס דאקומענטן, געזען אז דאס איז ד"ר גאטליב, און ווייסנדיג ווער ד"ר גאטליב איז, און געפינענדיג אויך בא אים 10 דאלאר, האט דער נאטשאלניק אים אפגעגעבן די 10 דאלאר מיטן פאספארט און אים געזאגט אז ער איז פריי און אז ער קען גיין.

דאס האט מיר נאכער דערציילט דער נאטשאלניק, וועלכער איז אליין ניט געווען קיין לידער, נאר ער איז געווען א איידעם פון קלמן פופקא, וועלכער האט געהאט א מעלקראם אויפן מארק און האט געארבעט צוזאמען מיטן שווער און שוויגער אין מעלגעשעפט, ווייל קלמן מיט זיין פרוי זיינען שוין געווען עלטערע מענשן. היינט גיי ווייס אז קלמן פופקעס איידעם, וועלכער איז אומשולדיג געשטאנען אין קראם און פארקויפט מעל מיט גרויפן, איז גאר אזא וואזשנער קאמוניסט, אז ווי נאר די סאוויעטן זיינען אריין אין לידא, האט מען אים געמאכט פאר דעם פאליציי נאטשאלניק אין לידא. מעגלעך אז ער, דער נאטשאלניק, און אויך קאראבעלניק, וועלכע האבן געוואוסט, אז יעקב אילוטאוויטש איז איינער פון די הויפט ציוניסטן אין לידא, ווי אויך זיין זון לעאן איז דער אנפירער פון הנוער הציוני, האבן זיי דאס מיר צוגעדינט דאס ארויספירן קיין סיביר.

אגב, האבן זיי געוויס געמיינט אז לעאן געפינט זיך בא דעם פאטער אין דער היים. איך נעם דאס פון דעם ווייל בשעת מען איז געקומען אונז נעמען אין מיטן נאכט אום ארויסצושיקן קיין סיביר, האט דער ענקאוועדיסט [=געהיים פאליצאנט] געפרעגט, "וואו איז אייער זון". אלענפאלס קומט זיי א דאנק פון מיר. קלמן פופקאס פאמיליע איז אומגעקומען אין לידא בא היטלערן ימ"ש. נאר צי קלמנס איידעם, דער פאליציי נאטשאלניק פון לידא, האט זיך געראטעוועט, ווייס ניט דער שרייבער. מעגלעך אז יא, ווייל אויב קאראבעלניק איז געלאפן קיין רוסלאנד איז קלמן פופקאס איידעם געוויס אויך געלאפן קיין רוסלאנד. אגב, קלמן פופקא האט א טאכטער אין ישראל.

איך קער זיך אום צוריק צו ד"ר גאטליב. נאכדעם ווי דער פאליציי נאטשאלניק האט אים באפרייט צוזאמען מיט די 10 דאלאר איז ער געקומען צוריק צו מיר. איך האב זיך באמיט אים צו בארויקן, זאגענדיג אז עס איז ניט דער ערשטער פאל וואס מען פארהאלט אויפן גרענעץ. און אז איך וועל זיך באמיען געפינען פאר אים א גרענעץ פירער וואס וועט אים פירן דורך א צווייטן גרענעץ פונקט, נאר ד"ר גאטליב האט זיך איינגעעקשנט אז מערער וועט ער ניט גיין דעם גרענעץ און אז ער וועט פארן קיין פינסק. ד"ר גאטליב איז געווען א געבארענער פינסקער, נאר געוואוינט האט ער אין ווארשע, ווייל ער איז געווען דער רעדאקטאר פון "מאמענט". איך האב זיך באמיט אים אפצוהאלטן פון פארן קיין פינסק, ערקלערנדיג אים אז אין פינסק קענען אים אלע, ווער ער איז און וואס ער איז, אזוי אז די באלשעוויקעס וועלן אים ארעסטירן. נאר עס האט גאר ניט געהאלפן, און ער האט געזאגט אז ער גייט צום באן פארן קיין פינסק. און ניט וועלנדיג לאזן אין גיין אליין צום באן, האב איך אים באגלייט. און ארומגייענדיג אין וואגזאל, האט ער געטראפן זיין פרוי, וועלכע איז נאר

וואס געקומען פון פינסק. איך האב איר דערציילט וואס עס איז פארגעקומען און אז זי זאל אויף אים ווירקן אז ער זאל ניט פארן קיין פינסק ווייל דאס וועט זיין א זיכערער ארעסט. איך האב זיי ביידן איבערגעלאזן אויפן וואגזאל און בין געגאנגען אהיים.

וואס מיט ד"ר גאטליב איז געשען, האב איך ניט געוואוסט מער. נאר קומענדיג צוריק פון סיביר קיין ווראצלאוו, פוילין, האב איך געטראפן ד"ר גאטליבס טאכטער מיט איר מוטער, וועלכע זיינען אויך געקומען צוריק פון רוסלאנד, האבן זיי מיר דערציילט וואס מיט אים איז פארגעקומען. נאך דעם ווי איך האב אים איבערגעלאזן מיט זיין פרוי אויפן וואגזאל אין לידא, איז ד"ר גאטליב צוריק געפארן מיט זיין פרוי קיין פינסק, און, ניט דערפארנדיג קיין פינסק, אויפן וועג אויף דער באן סטאנציע לונינעץ, האט מען אים ארעסטירט און ארויסגעשיקט קיין רוסלאנד און אין א טורמע אין וועלכע ער איז אין א קורצע צייט נאך דעם געשטארבן אין טורמע. זיין פרוי מיט די טאכטער, די זעלבע מיט וועלכע איך האב זיך געטראפן אין ווראצלאוו, האבן די באלשעוויקעס ארויסגעפירט קיין רוסלאנד, פון וואנען זיי זיינען ביידע צוריקגעקומען נאכן קריג און זיי געפינען זיך אין ישראל. דאס איז געווען דער טראגישער סוף פון דעם באגאבטן זשורנאליסט ד"ר גאטליב ז"ל.

אין אנפאנג יאר 1940 אין א פראסטיגן פרימארגן, ווי באוואוסט איז דער ווינטער פון 1940 אויף די קרעסן פון פוילן געווען זייער א שווערער ווינטער, די פרעסט זיינען דערגאנגען ביז 40 גראד אונטער נול צעלזיוס, לויט ווי מען האט געזאגט, איז דער פלא פון אזעלכע שטארקע פרעסט, ניט געווען אין פארלויף פון די לעצטע אכציק יאר. איז צוגעפארן צום וואוינונג פון דעם שרייבער פון די שורות, יעקב אילוטאוויטש, דירעקט פון באן, וועלכע איז געקומען פון לעמבערג, די פרוי פון ד"ר שווארצבארד ז"ל, געוועזענער סיים דעפוטאט און אנפירער פון די ציונים כלליים אין פוילן, מיט אירע א שוועסטער און מאן פון דער שוועסטער, א צאן-דאקטאר. זעט אויס אז ד"ר שווארצבארד האט זיי געזאגט אז אין לידא איז פאראן לעאנס פאטער, וועלכער וועט אייך געוויס העלפן אין אנקומען קיין ווילנע. און אזוי איז טאקע געווען.

ד"ר שווארצבארד ז"ל איז געווען אוועקגעגאנגען מיט די פוילישע ארמיי, וועלכע איז אפגעטראטן פון קאמף איבער רומעניע קיין ענגלאנד. ד"ר שווארצבארד האט גענומען א אנטייל אין די גרינדונג פון שיקארסקיס רעגירונג אין ענגלאנד און איז געווען אלס מיניסטער אין מיניסטארן קאבינעט פון פוילן אין וועג.

צו ערשט האט מען געמאכט פאר די דריי געסט א טיי מיט א פרישטיק און געהייסן זיי זאלן זיך אפרוען פון וועג און אליין בין איך ארויס אין גאס זוכן פאר זיי א צימער, ווייל דער "האטעל" פון יעקב אילוטאוויטש איז געווען פארנומען. פאר א מאנספערזאן וואלט זיך נאך געפונען א פלאץ, נאר פאר די פרויען איז ניט געווען קיין פלאץ. האב איך אין גאס אנגעטראפן צוויי בחורים פון הנוער הציוני, האב איך זיי געבעטן זיי זאלן זוכן א אנשטענדיגן צימער פאר דער פרוי פון ד"ר שווארצבארד און איר שוועסטער מיט איר מאן. און אליין בין איך שנעל צוריקגעגאנגען אהיים צוליב דעם שטארקן פראסט. עס האט לאנג ניט געדויערט און די צוויי חברים זיינען געקומען זאגן דאס זיי האבן געפונען א צימער בא דעם שוחט, דער איידעם פון מרדכי אהרן דער שוחט.

איך בין זעלבסט צוגעגאנגען זען דעם צימער, און האב איינגעפונען אז דער צימער איז ניט לוקסוס. נאר א ריינער, ליכטיגער און א ווארעמער איז דער צימער געווען. האב איך איינגעפונען אז בא יעצטיגן צושטאנד אין לידא איז דאס אויך לוקסוס. נאכדעם ווי זיי האבן זיך אפגערוט, האב איך זיי אריבערגעפירט אין צימער צום שוחט אין וועלכן זיי האבן זיך גוט גיפילט און איך האב גענומען טראכטן ווי אזוי צו געפינען א מענשן, א פאראנטווארטלעכן, וועלכער זאל זיי אריבערפירן קיין ווילנע. אגב, האבן זיי געהאט בא זיך פיל געלט און גאלד, און בא א דורכפאל אויפן גרענעץ קען מען זיך ניט פארלאזן אויפן יושר פון פאטרול און אויך ניט פון אריבערפירער דעם גרענעץ. זא דאס מען האט געדארפט פריער אריבערפירן די געלט און גאלד, און נאכער די מענשטן. האבן באקאנטע מיר געזאגט אז איך זאל זיך ווענדן צו באריס ציגעלניצקי. ער פארנעמט זיך מיט אזעלכע טראנזאקציעס. איך האב זיך צו אים געווענדעט און איך האב אים דערציילט וועגן די דריי פאסאזשירן זיינען און צי ער נעמט זיך אונטער דורכצופירן די געלט טראנזאקציע און די דריי מענשן קיין ווילנע. איך האב אים, אגב, געזאגט אז זיי וועלן גוט באצאלן, נאר דער עיקר אז עס זאל ווערן דורכגעפירט זיכער און שנעל. אויף דעם אלעם האט באריס ציגעלניצקי צו מיר געזאגט, "ה' אילוטאוויטש, איך זאג אייך צו אז עס ווערן

דורכגעפירט אין בעסטן ארדנונג". מען דארף באמת צוגעבן, אז ער האט דאס אלץ דורכגעפירט על הצד היותר טוב.

אין 1941 האבן די באלשעוויקעס פארהאלטן באריס ציגעלניצקי און ארויסגעפירט קיין רוסלאנד. זיין שיינע יונגע פרוי מיט א קינד זיינען פארבליבן אין לידא און זיינען אומגעקומען בא היטלערן ימ"ש.

צוריקקומענדיג פון רוסלאנד איז באריס ציגעלניצקי געקומען קיין ישראל. אין ישראל האט באריס ציגעלניצקי א שוועסטער און א ברודערן-טאכטער ליובע גארפינג, די פרוי פון דב גארפינג, און פיל פריינד און באקאנטע. נאך א פאר יאר צייט זייענדיג אין ישראל, האט באריס ציגעלניצקי חתונה געהאט מיט א פיינע פרוי, אן אלמנה אין רחובות, וועלכע האט א רעסטאראן אין רחובות און, לויט ווי ער האט מיר געזאגט, איז ער צופרידן. די קדושין האט דאן דורכגעפירט הרב פאדאלסקי ז"ל. אויף זיין חתונה האט באריס איינגעלאדן אונז, ווי אויך איז געווען אויף זיין חתונה הרב ד"ר נוראק.

לויט ווי באריס האט מיר נאכער דערציילט, האט ער די גאנצע צייט פון דער צווייטער מלחמה אין רוסלאנד אויסגעהאלפן דעם הרב ד"ר נוראק ווי אויך הרב ד"ר שאר פון ווארשע ז"ל. הרב ד"ר שאר איז אין רוסלאנד געשטארבן.

איך האב געבראכט די צוויי אויבן דערמאנטע געשעענישן מיטן ד"ר גאטליב און דער פרוי פון ד"ר שווארצבארד אויספירלעך וויל איך האב זיך ספעציעל מיט זיי פארנומען. נאר אחוץ די צוויי אויבן דערמאנטע פאקטן, זיינען צו מיר (ד.ה. צו דעם שרייבער פון די שורות, אילוטאוויטש יעקב) געקומען סוחרים מיט וועלכע איך האב געהאט געשעפטלעכע בעציונגען און א סך אזעלכע מיט וועלכע איך האב זיי גאר ניט געקענט. מעגלעך אז פיל וועלכע האבן זיך צו מיר געווענדעט זיינען געווען ציוניסטן. זיי האבן זיך געוויס נאכגעפרעגט ווער עס איז פון די הויפט ציוניסטן אין לידא, און מען האט געוויס אנגעוויזן אויף מיר, יעקב אילוטאוויטש. אויך זיינען געקומען צו מיר פיל פון זונס חברים פון הנוער הציוני. איך האב יעדן גענומען און זיך באמיט צו העלפן מיט אלע מעגלעכקייטן וואס איז נאר געווען אין מיין רשות און מיט וואס איך האב נאר געקענט.

בא מיר איז געווען אַן אינפארמאציע ביורא, צי איך קען די איבערפירער פון דעם גרענעץ. מיט איין ווארט, האב איך זיך באמיט צו העלפן מיט וואס נאר מעגלעך, אלעמען. עסן און טרינקען איז ניט אראפ פון טיש און שלאפן האב אויך קיינעם ניט אנטזאגט וואו נאר עס איז געווען א וועלכער עס איז פלאץ אין די צימערן. א גוט באקאנטן מאן מיט זיין פרוי, אויב עס איז שוין ניט געווען קיין פלאץ אין די צימערן, פלעג איך ארייננעמען דעם מאן צו זיך אין בעט און מיין פרוי עה"ש פלעגט ארייננעמען צו זיך אין בעט די פרוי פון דעם מאן. איך האב בא קיינעם חו"ח קיין געלט גענומען. מיינע לידער פריינד פלעגן מיר זאגן אז מען נעמט אין שטאט פינף דאלאר פאר איבערנעכטיגן, האב איך זיי געזאגט אז פון צווייטנס אומגליק און צרות וויל איך ניט נעמען קיין געלט. פארקערט, עס איז געווען פאלן וואס באקאנטע פליטים האבן זיך געווענדעט צו מיר נאך א געלט שטיצע, זעלבסטפארשטענדלעך מיט ניט קיין גרויסע, האב איך געגעבן פון מיין אייגענע קעשענע. בא מיר האט מען אייגענטלעך איינגעליגט די געלט פאר דעם איבערפירער פון גרענעץ. דורך מיין וואוינונג זיינען דורכגעגאנגען מענשן פון אלערליי ציוניסטישע פארטייען פון השומר הצעיר ביז גאר רעכטע. איך האב בא קיינעם ניט געפרעגט ווער ער איז און וואס ער איז און אויך ניט פארלאנגט קיין דאנק פון קיינעם. איינער א שמור-צעירניק וועלכער איז יעצט אין ישראל און איז אין מפ"ם [=מפלגת הפועלים המאוחדת] א גאנצער קנאקער (איך וויל ניט שרייבן זיין נאמען), וועלכער האט דאן בא מיר אין לידא ניט איין וואך געשלאפן און ניט איין גלאז טיי מיט צובייסן געטרונקען. און ער האט געוואוסט אז מיר זיינען אין ישראל, האט אפילו ניט געפונען פאר נויטיג אונז אפצוזוכן און כאטש א דאנק געבן און פרעגן וואס מיר מאכן אין געזונט. איך האב אים איינמאל געטראפן אין גאס, האב איך באמערקט אז ער וויל מיר אויסמיידן, און דאס האט זיך אים ניט איינגעגעבן, האט ער מיר אויף שנעל געזאגט שלום און איז שנעל אוועק. זעלבסטפארשטענדלעך אז איך האב אים ניט פארהאלטן.

מיינט איר אפשר אז די פון מיין פארטיי ציונים כלליים, יעצט "ליבעראלע", זיינען בעסער? יא, איך טרעף זיך דאך מיט זיי אין דער פארטיי. זיי זאגן מיר "שלום", נאר איינלאדן צו זיך אויף א גלאז טיי, אפדאנקען כאטש מיט א גלאז טיי פארן שלאפן און פאר די צענדליקער גלעזער טיי וואס זיי האבן בא מיר אין לידא אויסגעטרונקען. אויף מיין געזונט פארשפארן זיי דאך צו פרעגן ווייל מיר טרעפן זיך דאך אין דער פארטיי. און אז מיין פרוי איז געשטארבן איז געווען געמאלדן אין עטלעכע צייטונגען וועגן דער לויה, האבן זיי קיינער ניט געפונען פאר נויטיג צו קומען אפצוגעבן איר דעם לעצטן כבוד. אט דאס איז דער דאנק פאר די קישן פון איר צוקאפן וואס זי פלעגט אפגעבן אום יענער זאל האבן דעם קאפ אנצושפארן און פאר צוטראגן די הייסע גלאז טיי אין די שטארקע פרעסט פון יאר 1940.

אין אזא צושטאנד ווי איך האב אויבן באשריבן, האט זיך געצויגן דאס גאנצע יאר פון 1940.

אין יאר 1941 איז דער שטראם פון די פליטים געווארן שוואכער און דאס לעבן איז געווארן רואיקער.

איך קער זיך אום צוריק ווען די סאוויעטן זיינען אריין אין לידא אין מאנאט סעפטעמבער 1939 און די מאכט איז געווען אויסשליסלעך א מיליטערישע, אחוץ די פאליציי וועלכע איז געווען צייטווייליג פון ציווילע ארטיגע קאמוניסטן.

האבן די גענערעלער זיך גענומען צו אגיטאציע רעדעס. זיי האבן געזאגט אין די רעדעס אז די סאוויעטישע מאכט איז חו"ח ניט געקומען אין נייעם ווייס-רוסישן געביט צוצונעמען די פאבריקן מיט די געשעפטן. און אום צו האלטן די דאזיגע ליגנערישע רעדעס האבן זיי געמאלדן פארזאמלונגען אין יידע קינאס, אז יארן לאנג וועט די באפעלקערונג פון נייעם ווייס-רוסישן געביט פירן דעם פריוואטן האנדל און זייערע פאבריקן, ד.ה. א מין נע"פ [נייע עקאנאמישע פאליטיק]. אלזא די פאבריקן קענען רואיק ארבעטן, און די סוחרים קענען רואיק פירן זייערע געשעפטן, און זיי, ד.ה. די סוחרים, דארפן זיך באמיען צו האבן וואס מער סחורה אין זייערע געשעפטן.

איך, דער שרייבער פון די שורות—אילוטאוויטש יעקב—האט זיי גוט געקענט, צום באדויערן נאך פון די ערשטע יארן פון קאמוניזם אין רוסלאנד, אז זיי זיינען ערשט קלאסיקע ליגנערס. בין איך ניט געגאנגען הערן זייערע ליגנערישע רעדעס. נאר איינמאל בין איך יא אריין אין קינא "עדיסאן" בעת אזא גענעראלסקי רעדע און בין ארויף אויפן באלקאן, האב איך דארט געפונען זיצן: די ברידער שפירא, די ברידער גדליה און הירשל טשעמאק און נאך אייניגע פון דער לידער אינדוסטריע און גרויסן האנדל וועלכע איך געדענק שוין ניט זייערע נעמען. האב איך, דער שרייבער פון די שורות, געזען ווי זיי זיינען מלא שמחה פון גענעראלס רעדע וועגן דעם גן-עדן וואס דא וועט זיין, ד.ה. אין די נייע ווייס-רוסישע געביטן. האב איך זיך צוגערוקט נענטער צו די מלא-שמחה'דיגע קאמפאניע און האב זיי געזאגט אז איך וועל זיי דערציילן א מעשהלע וואס איך האב געלערנט נאך אלס אינגל אין א רוסישן לערן-ביכל. די מעשה איז פאלגענדע:

א פויער איז געקומען פון פעלד. אריינגייענדיג אין זיין כאטע, האט ער געפונען אז אין כאטע שפאצירט ארום א שלאנג. דער פויער האט געכאפט די האק אום אראפצוהאקן די קאפ פון שלאנג, האט דער שלאנג געזאגט צום פויער: "הרגע מיר ניט ווייל איך בין שוין ניט דער שלאנג פון אמאליגע צייטן. א באוויז אז מיין פעל איז שוין אן אנדערע". האט דער פויער געזאגט צום שלאנג: "דו האסט טאקע דיין פעל געביטן אבער דיין נשמה האסטו ניט געביטן" און האט אראפגעהאקט די קאפ פון שלאנג.

"איך האב אייך דערציילט דעם משל און דעם נמשל רעכן איך, וועט איר אליין פארשטיין", און בין ארויס פון קינא.

דער ציל פון די גענעראלסקע רעדעס איז געווען אויסגערעכנט אויף די נאאיוויטעט פון די פאבריקאנטן און סוחרים אז זיי זאלן אנגרייטן וואס מערער סחורה כדי זיי זאלן האבן וואס מער צוצונעמען, ווייל אין סאוויעט רוסלאנד איז געווען א גרויסער הונגער אויף אלערליי סחורות. מען איז דאן אין רוסלאנד געגאנגען בארוועס און נאקעט. די מיליטער און די אפיצערן, איבערהויפט, האבן אויסגעקויפט די גאנצע שוכווארג פון

אלע שיך געשעפטן און דאס זעלבע איז פארגעקומען אין די מאנופאקטור געשעפטן. מען האט זיי אויסגעליידיגט. מען האט אויסגעליידיקט אפילו אלע פארלעגענע [=אלטע, פוילע] סחורה, סיי פון מאנופאקטור און סיי פון שוכווארג.

אז די סאוויעטישע מיליטער איז אין 1939 אריין אין לידא און האבן דערזען די געפאקטע געשעפטן שוכווארג און מאנופאקטור, האבן זיי געשריבן אהיים, סיי די אפיצערן און סיי די סאלדאטן, אז מען זאל זיי שיקן וואס מערער געלט אויף איינצוקויפן שיך מיט מאנופאקטור און פלעגן שיקן אהיים צו זייערע פרויען.

דאס זעלבע איז געווען מיט האנט-זייגערלעך. אין רוסלאנד איז דאן ניט געווען די האנט-זייגערלעך וואס מען האט געטראגן אין אייראפע. די רוסן פלעגן נעמען א גרויסן טאשן-זייגער און צומאכן [=צולייגן] אויערלעך און טראגן אויפן האנט. אז די רוסן אין לידא האבן דערזען די שיינע קליינע האנט-זייגערלעך, האבן זיי אויסגעקויפט אלע האנט-זייגערלעך און האבן געצאלט דעם גרעסטן פרייז.

מיר האט דאן דערציילט באיארסקי ז"ל, וועלכער האט געהאט א געשעפט פון גאלדווארג און זייגערלעך. איז אריין צו אים אין געשעפט א רוסישער אפיצער וועלכער האט געזען בא אים אין פענסטער האנט-זייגערלעך וועלכע מען פלעגט קויפן פאר קינדער אלס מתנה און מען פלעגט זיי פארקויפן צו 12 זלאטעס. האט דער אפיצער געפרעגט וויפל עס קאסט אזא זייגערל. האט ער אים געזאגט אז אזא זייגערל קאסט 50 רובל. האט דער אפיצער געזאגט, "גיב מיר 20 זייגערלאך". דאס אלעס האט באוויזן ווי ווייט דער הונגער אויף סחורות אין סאוויעט רוסלאנד איז געווען גרויס. און איך האלט אז די לאגע אין דעם הינזיכט האט זיך ווייניג וואס געביטן. און די לאנגע יארן פון פרייען האנדל וואס די גענערעלער האבן געפריידיקט האבן אנגעהאלטן ביזן סוף פון יאר 1941.

יעצט וועל איך שרייבן וועגן די נאאיוויטעט פון לידער, די איינציקע מענשן וואס האבן געגלויבט אין די רעדעס פון די גענערעלער. א פאקט וואס איז געשען צוליב די גענעראלסקע רעדעס איז פאלגענדער: אין לידא אויף סובאלסקי גאס איז געווען א פאבריק פון די ברידער זיזעמסקי און זייער שוואגער יעקב לעווין. דער הויפט פירער פון פאבריק איז געווען הירש זיזעמסקי. האט ער געגלויבט אין די גענעראלסקע רעדעס, און וויפל געלט עס איז געווען אין קאסע האט ער איינגעקויפט רוי שטאף און געלאזן די פאבריק אין פול גאנג. מעגלעך אז די ארטיקע קאמוניסטן האבן דאך געוואוסט וועגן דעם און האבן דערטראגן די סאוויעטישע מאכט. האט די סאוויעטישע מאכט געמאלדן די בעלי-בתים פון פאבריק אז די פאבריק פון די ברידער זיזעמסקי איז נאציאנאליזירט און אז די בעלי-בתים פון פאבריק טארן זיך ניט געפינען אין פאבריק און אפילו ניט אויפן הויף פון פאבריק. נאר דעם הויפט פון דער פאבריק, דעם הירש זיזעמסקי, האבן די מאכט ערלויבט צייטווייליג צו וואוינען אין זיין הויז וועלכע האט זיך געפונען אין פראנט פון סובאלסקי גאס פון דעם זעלבן הויף פון דער פאבריק. הירש זיזעמסקי וועלכער איז געווען א דיקער מענש איז פון אויפרעגונג און עגמת-נפש האט באקומען א הארץ שלאג און איז געשטארבן.

אגב, יעקב לעווין, דער שוואגער פון די ברידער זיזעמסקי, געפינט זיך אין ישראל. זא דאס ער קען באשטעטיקן דעם פאקט וואס איך ברענג דא וועגן די נאיוויקייט און די פאלגן: איך, דער שרייבער פון די שורות—אילוטאוויטש יעקב, אין באגעגענישן מיט סוחרים און פאבריקאנטן האב איך זיי געווארנט, אז דער נעט וואס זיי זאגן צו אין זייערע רעדעס, וועט לאנג ניט דויערן. איך האב געווארנט ניט ווייל איך בין געווען א חכם, נאר ווייל איך האב דאס איבערגעלעבט אין דער פראקטיק אין רוסלאנד אנהויבנדיג פון יאר 1918 און ווייטער. צוליב מאנגל אין פראדוקטן האבן זיי דאן אויך געמאלדן א נעט אום ארויסצובאקומען די באהאלטענע פראדוקטן, און יענער נעט האט אויך לאנג ניט געדויערט. דעריבער האב איך געוואוסט וואס פאר א ליגנער זיי זיינען.

נאך אין די ערשטע יארן פון קאמוניזם אין רוסלאנד האט א אמעריקענער זשורנאליסט אין מאסקווע געשריבן אין אן אמעריקענער צייטונג אז די באלשעוויקעס זיינען קלאסישע ליגנער. האט מען אים געהייסן צייט 24 שעה פארלאזן רוסלאנד.

ווי באוואוסט, בא א ניט נארמאלע צייט איז יעדער וואס האט געלט וויל זיך אנגרייטן מיט אלע אנדערע נייטיג פראדוקטן און מיט אלע נויטיגע ארטיקלען. דאס זעלבע אויך אין האנדל. דער דעטייל קרעמער וויל איינקויפן וואס מער סחורה פון די הורט-געשעפטן, האט זיך דערביי אויך ארויסגעוויזן די נאאיוויטעט פון די גרויסע סוחרים, אז מען איז געקומען צו זיי קויפן סחורה האבן זיי באגרענעצט דעם פארקויף.

איך בין אין יענער צייט אריינגעגאנגען צו בערל דווארעצקי אין פאפיר געשעפט. האב איך געזען ווי ער באגרענעצט דעם פארקויף. אזוי ווי איך בין געווען מיט אים היימיש און אויך פיל עלטער פון אים, ווען די קונים זיינען ארויס פון געשעפט, האב איך געזאגט צו אים, "בערל, זיי ניט קיין טיפש און פארקויף וואס מער. דו דארפסט צורייידן מען זאל קויפן וואס מער און ראטעווע וויפל דו קענסט ווייל נאכער וועט זיין צו שפעט. איך האלט דו גראדע פארקערט ניט פאר קיין טיפש און צום סוף ביסטו אויך נאאיוו און דו גלויבסט די רייד פון די גענערעלער. איך זאג דיר נאך א מאל ראטעווע וויפל דו קענסט".

נאך א פאל פון א קלוגן סוחר וואס איז געווען נאאיוו צו גלויבן אין די רעדעס פון די גענערעלער, ווי למשל גדליה טשערמאק איז געווען. דער פאל איז פאלגענדער: עס איז געקומען פון דעם שטעטל איישישאק א אייזן קרעמער מיטן נאמען אבעלעוו, א גוטער באקאנטער פון דעם שרייבער פון די שורות. און דער אבעלעוו האט געוואלט קויפן אייזן ארטיקלען פאר 20 טויזנט רובל. האט די פירמע "מעטאל" אים פארקויפט נאר פאר 10 טויזנט רובל און עס האט ניט געהאלפן זיין בעטן מען זאל אים פארקויפן פאר נאך 10 טויזנט רובל. דער אבעלעוו איז נאכדעם אריין צו מיר און דערציילט די מעשה. האב איך געזאגט אבעלעוון אז איך קען נאר זאגן אויף די חכמים פון "מעטאל" אז זיי זיינען פארנארישט. אויף מארגן, נאך דער מעשה מיט אבעלעוון, האב איך געטראפן אין גאס גדליה טשערמאק און האב אים געפרעגט פארוואס ער האט ניט געוואלט פארקויפן פאר נאך 10 טויזנט רובל סחורה, "מיין מיינונג איז אז ניט נאר אז איר דארפט ניט באגרענעצן דעם פארקויף, נאר פארקערט. איר דארפט צורייידן די קונים זיי זאלן קויפן וואס מערער סחורה. מיין מיינונג איז אז מען דארף ראטעווען וויפל עס לאזט זיך. נאכער וועט זיין צו שפעט". גדליה האט מיר אויף דעם גארניט געענטפערט. מן הסתם האט ער בא זיך געטראכט אז ער ווייס בעסער וואס ער האט צו טאן און אז ער נויטיקט זיך ניט אין עצות. און אין אמתן, ווי קום איך, דער שרייבער פון די שורות—יעקב אילוטאוויטש, געבן עצות דעם קלוגסטן מענשן אין לידא? און א באוויז אז ער איז געווען דער קלוגסטער איז ווייל די פירמע "מעטאל" איז געווען רייך און גדליה טשערמאק איז דאן געווען דער פירער פון דער פירמע "מעטאל".

איך האב געבראכט א פאר פאקטן וועגן די נאאיוויטעט פון מענשן וואס האבן געגלויבט אין די רעדעס פון די גענערעלער. און דער סוף וואס איז געווען ווייסן דאך אלע: די באלשעוויקעס האבן נאכער באוואונדערט וואס אין אזא קליינע שטאט ווי לידא האבן זיך געפונען אזעלכע גרויסע לאגערן מיט אלערליי סחורות. וואכן לאנג האט געדויערט ביז וואנען די סאוויעטן האבן ארויסגעפירט די אייזן סקלאדעס פון דער פירמע "מעטאל". דאס זעלבע אויך פון בערל דווארעצקיס פאפיר סקלאד.

דער לעזער פון די שורות וועט געוויס פרעגן: און דו, שרייבער פון די שורות, וואס פאר א חכם ביסט דו געווען אין דער צייט פון דער סאוויעטישער הערשאפט אין לידא? וועל איך אייך, לעזער און לעזערינס, דערציילן דעם אמתן אמת אז איך בין פאר זיך ניט געווען קיין חכם, ווייל איך האב ניט געהאט בא וואס צו זיין א חכם. ווי אלע ווייסן, האב איך געהאט בשותפות מיט בערל סאלאמיאק א הערינג סקלאד. בא דעם אריינמארשן אין לידא פון די סאוויעטן, האבן מיר געהאט אין שפייכלער 15 פעסלעך הערינג וועלכע מיר האבן אין די ערשטע פאר טעג פארקויפט. מיט דעם געלט האבן מיר באצאלט אין "באנק פאלסקי" פאר דריי וועקסלען 1500 זלאטעס, וועלכע זיינען גראדע אנגעקומען אין דעם זעלבן טאג וואס די סאוויעטן זיינען אריין אין לידא. און אזוי ווי די באנק איז שוין געווען נאציאנאליזירט פון די סאוויעטן, האבן זיי געשיקט זאגן און געפאדערט צו באצאלן, האבן מיר באצאלט. זיינען מיר פארבליבן אָן סחורה און אָן געלט. דריי וואגאן הערינג, איינגעקויפטע אין גדיניע[6] און זיינען געווען אין וועג, זיינען ניט אנגעקומען. איז מן הסתם אין וועג קאנפעסקירט געווארן אדער פון די היטלעריסטן אדער פון די באלשעוויקעס ווען די וואגאנען זיינען אריין אין

---

[6] [גדיניע איז א שטאט אין צפון פוילן.]

די ווייס-רוסישע טעריטאריע און האבן פארקירעוועט די וואגאנעס קיין מינסק. בערך 40 טויזנט זלאטעס האבן מיר געהאט חובות איבער די שטעטלעך. די חובות זיינען געוועז אונזער פארמעגן. איך בין ארויסגעפארן איבער די שטעטלעך מאנען די חובות, האב איך קוים איינגעמאנט אויף די הוצאות. די קונדן האבן זיך פשוט אויסגעלאכט פון מיר.

קומענדיג פון דער נסיעה, האב איך זיך געווענדעט צו מיין שותף בזה הלשון: "מיר האבן ניט קיין געלט און ניט קיין סחורה. מען דארף דאך אבער לעבן. און אזוי ווי איר זייט א שותף בא סלאנימטשיקען אין מאנופאקטור געשעפט, זייט איר דאך געוויס א ספעציאליסט. פארט אין ביאליסטאק און קויפט א ביסל מאנופאקטור. פיליכט וועט מען עפעס פארדינען." און איך האב געליען בא באקאנטע 4 טויזנט רובל און האב אים מיט גוואלד אריסגעשיקט קיין ביאליסטאק. און ער האט געבראכט פאר די פיר טויזנט רובל מאנופאקטור, און מיר האבן אפגעלייזט 8 טויזנט רובל פאר די 4 טויזנט, ד.ה. דאפלט נאר נאך א מאל פארן, האט סאלאמיאק בשום אופן ניט געוואלט, מעגלעך ווייל סלאנימטשיק פלעגט אויך פארן קיין ביאליסטאק נאך סחורה און סאלאמיאק איז דאך געוועז א שותף בא סלאנימטשיקן, נאר איך האב געזען אז מען ברויכט ניט זיין קיין מאנופאקטור ספעציאליסט אין אזא צייט. די סאוויעטישע מענשן זיינען ניט געוועז קיין איבערקלייבער און ניט קיין מבינים אויף מאנופאקטור, האב איך באשלאסן צו פארן קיין ביאליסטאק און איך פלעג איינקויפן בעסער פון מיין שותף אלס ספעציאליסט. און נאך עטלעכע מאל פארן קיין ביאליסטאק, האבן מיר זיך צעטיילט צו 35 טויזנט רובל רווח אויף א חלק, און נאך דעם האב איך געזאגט סטאפ! גענוג צו פארדינען. לויט ווי איך קען די באלשעוויקעס פון די פריערדיגע צייטן און פארשנדיק די אטמאספער אין גאס, איז מיר ניט געוועזן געפעלן. עס קען נאך ווייניג זיין די פארדינסט, און האב באשלאסן צו ווערן א "סאוויעצקי סלוזשאשטשי" [=אנגעשטעלטער פון דעם סאוויעט פארבאנד] און האב באקומען א פאסטן אלס בוכהאלטער אין דעם געוועזענעם פוילישן מילך קאאפעראטיוו און אלס קאסירער. איז דארט געוועזן א זון פון פאליאטשעק, וועלכער האט געהאט א שענק אויפן מארק. זיינען מיר דארט געוועזן צוויי אידן לידער, און דער דריטער איד איז געוועזן דער דירעקטאר, א װארשעווער איד, א קאמוניסט און דערצו אויך א גנב. ער פלעגט פאר אונז, די צוויי לידער אידן, דערציילן ווי בשעת ער האט אלס יונגער מאן אין ווארשע געארבעט אין א פריוואטע אייזן פירמע ווי אזוי ער פלעגט דארטן גנבענען. קען מען זיך פארשטעלן וואס פאר א קאמוניסט אידעאליסט ער איז געווען. עס איז אונז אויסגעקומען אז ער וויל אונז, די צוויי לידער אידן, אויך אויסלערנען גנבענען.

מיין שותף סאלאמיאק עה"ש האט באקומען א פאסטן בא חזרים. וואס פאר א ארבעט ער האט געהאט בא די חזרים, האב איך דאן ניט געוואוסט.

פון דעם אלעם אויבן אנגעשריבענעם קענט איר, ליבע לעזער, דרינגען צי איך בין געוועזן א חכם אדער ניט.

אויף דעם פאסטן אלס בוכהאלטער אין די מילך פאבריק בין איך, דער שרייבער פון די שורות, געוועזן ביז דעם 19-טן יוני 1941, און אין מיטן נאכט פון 19-טן אויפן 20-טן יוני 1941, האט מען מיר מיט מיין פרוי עה"ש ארויסגענומען פון די בעטן און געהייסן נעמען צו 100 קילאגראם זאכן אויף א מענשן. מיר האבן ניט צוגעהערט צו דעם ענקאוועדיסט און גענומען צו 500 קילאגראם אויף א פערזאן. אבער נאך מערער האט זיך אפגעשטעלט אין וואוינונג און אויך די מעבל און קלאוויר [=פיאנא][7]. און לויט ווי מען האט אונז צוריקקומענדיג דערציילט, איז אין ערשטן טאג פון דער באמבארדירונג פון לידא פון די היטלעריסטן איז פארברענט געווארן די הויז פון אונזער וואוינונג מיט די מעבל, מיט די פארבליבענע זאכן צוזאמען מיטן בעל-הבית פון הויז. "אנטאש מאיא כאטש"[?].

[7] [ד.ה. מער פון 500 קל. האט די ענקאוועדע ניט געלאזט נעמען, און מיר האבן געדארפט איבערלאזן די אלע מעבל און די פיאנא.]

**קאפיטל סיביר**

ווי איך האב שוין געשריבן אין קאפיטל "סאוויעטן אין לידא", איז דעם 19-טן אויפן 20-טן יוני 1941 בערך 4 אור [=א זייגער] אין מיטן נאכט, האבן מיר—יעקב אילוטאוויטש און זיין פרוי—דערהערט קלאפן אין טיר, און אין מיין הארץ האט אויך גענומען קלאפן. מיין פרוי עה"ש איז אראפ פון בעט און געעפנט די טיר, און עס זיינען אריין אין שטוב א ענקאוועדיסט מיט נאך איינעם א ציווילן, מן הסתם א פארטייינער [=א מיטגליד פון דער קאמוניסטישער פארטיי]. ער איז געווען אנגעטאן ווי א באן ארבעטער. דער ענקאוועדיסט האט געפרעגט בא מיר וואס איז מיין פאמיליען-נאמען און אויך וואו איז מיין זון. האב איך אים גזאגט אז מיין זון איז געווען אין ווארשע, נאר וואו ער געפינט זיך יעצט ווייס איך ניט. אויף דעם האט דער ענקאוועדיסט גזאגט אז מיר ווייסן יא וואו ער איז. בא דעם האבן זיך די פראגן געענדיגט, און ער האט אונז געהייסן זיך אנטאן און צוגעגעבן אז מיר קענען נעמען צו 100 קילאגראם זאכן אויף א פערזאן. און דערביי האט דער ענקאוועדיסט צוגעגעבן אז מען ארעסטירט אונז ניט נאר אז מען זעצט אונז זיך איבער קיין רוסלאנד און אז מיר וועלן אין רוסלאנד באקומען א וואוינונג אזא ווי מיר האבן דא, ד.ה. ווי אין לידא, און אויך א פאסטן אזא ווי איך האב אין לידא. זעט אויס אז ער האט געהאט אין זיין אינפארמאציע אז איך בין שוין געווען אין לידא אויף א סאוויעטישן פאסטן אלס בוכהאלטער. מיט איין ווארט עס וועט זיין וואויל, ממש א גן-עדן.

דעם אמת גזאגט, לויט ווי איך קען זיי פון די ערשטע יארן פון באלשעוויזם אין רוסלאנד, אז זיי זיינען גרויסע ליגנער, האב איך א קליינע אמונה געהאט אין זיינע רייד. נאר מען האט דאך ניט געהאט קיין ברירה. אגב, מוז איך צוגעבן אז טיילוויז זיינען זיינע צוזאגן מקוים געווארן.

אויף דעם וואוהין מען האט אונז געבראכט אויפן וויטן סיביר בא דעם גרויסן טייך יעניסיי איז געשטאנען א גרויסער טארטאק (לעזאפילקע) [=זעגמיל] אויף וועלכן עס האבן געארבעט איבער דריי טויזנט ארבעטער. איז בא דעם טארטאק געווען וואוינונגען פאר די ארבעטער. און אזוי ווי מען האט פיל ארבעטער מאביליזירט, איז געווען ליידיגע וואוינונגען. האט מען אונז מיט נאך צוויי פוילישע פאמיליעס פון לידא (דאס זיינען געווען די פאמיליעס סטאסעוויטש, א ברודער פון דאקטאר סטאסעוויטש אין לידא, און זיינע אלטע עלטערן) געגעבן אונז א דריי צימערדיקע וואוינונג מיט א גרויסע קיך מיט א גרויסן בעקערשן אויוון, מיט עלעקטרישע באלייכטונג אין אלע דריי צימערן. אגב, די עלעקטרישע באלייכטונג איז געווען פון טארטאק, ווייל דער טארטאק האט געארבעט דורכאויס אויף עלעקטרע.

מען האט מיר אויך גלייך געגעבן א פאסטן אלס געהעלפס בוכהאלטער. אין רוסיש רופט מען דאס "שטשאטאוואד". זעט דער לעזער אז די צוזאגן פון ענקאוועדיסט אין לידא איז טיילוויז מקוים געווארן.

צו די פאסטנס מיט די געהאלטן וועלן מיר זיך נאך אומקערן צו באשרייבן.

איך קער זיך אום צוריק קיין לידא און צום ענקאוועדיסט וועלכער האט זיך געזעצט שרייבן דעם פראטאקאל און ער האט אונז געהייסן איינפאקן די זאכן און זיך גרייטן אין וועג אריין. מיר האבן איינגעפאקט בערך צו 500 קילאגראם אויף א פערזאן. אגב, דער ציוויל וואס איז געקומען צוזאמען מיטן ענקאוועדיסט, א קריסט, האט מיר אייניקע מאל איינגערוימט אויפן אויער אז מיר זאלן פון זאכן גארניט איבערלאזן און אלעס מיטנעמען. זעט אויס אז ער האט געוואוסט אז פאר זאכן קען מען אין רוסלאנד באקומען וואס צו עסן. נאר מיר האבן ניט געלייגט קיין אכט אויף זיינע רייד און די גרעסטע טייל זאכן און די בעסטע האבן מיר איבערגעלאזן אין דער היים. און אז מיר זיינען געקומען אויפן ארט קיין סיביר, האבן מיר געזען אז מיר האבן געמאכט א גרויסן פעלער וואס מיר האבן ניט געפאלגט דעם ציווילן קאמוניסט.

דאס אלעס האט געדויערט ביז 7 אור פרי. בא דער טיר פון וואוינונג האט די גאנצע צייט געווארט א לאסטאויטא אויף וועלכן מען האט ארויפגענומען צוזאמען מיט אונזערע פעקלעך און געפירט צום באן. באביידע זייטן פון סובאלסקי גאס זיינען געשטאנען די אידישע איינוואנער און אונז באגלייט מיט זייערע בליקן.

צי דאס זיינען געווען בליקן פון באדויערן אדער פון קנאה האב איך ניט געוואוסט, ווייל אין יענעם מאמענט איז מיר ניט געווען אין זינען צו פארשן זייערע בליקן. נאר עס איז יא געווען איינער וואס האט זיך אויסגעדריקט בזה הלשון, "מען קען ניט וויסן ווער וועמען עס וועט דארפן מקנא זיין". דאס האט געזאגט דער מאן פון דעם יונגן פארפאלק פון ווילנע, בנימין סלוצקי, וועלכע האבן געוואוינט בא אונז אין א צימער. אגב, די יונגע פארפאלק סלוצקי האבן געארבעט בא די סאוויעטיש מיליטער אין לידא, האבן זיי זיך געראטעוועט צוזאמען מיט די סאוויעטישע מיליטער וועלכע זיינען אפגעטראטן פון לידא און פון ווייס-רוסלאנד. אין די פינף יאר צייט פון קריג זיינען זיי געווען אין רוסלאנד (אוזבעקיסטאן), און נאכן קריג האבן מיר זיך מיט זיי אויף דאס ניי געטראפן אין פוילן און נאכער אין ישראל.

מען האט אונז צוגעפירט צום עשעלאן וועלכער איז באשטאנען פון הונדערט פראכט וואגאנען אויף וועלכע עס איז אנגעשריבן "8 פערד אדער 40 מענשן" און מען האט אונז, ד.ה. מיר—דעם שרייבער פון די שורות און זיין פרוי ליזע עה"ש, ארייגעזעצט אין א וואגאן אין וועלכן עס האט זיך געפונען די פוילישע לידער פאמיליע סטאסעוויטש, א ברודער פון ד"ר סטאסעוויטש, מיט זיינע שוועסטער און די אלטע עלטערן, און אייניקע יונגע פרויען מיט קליינע קינדער פון פוילישע אפיצערן. נאר וויפל אידישע פאמיליעס פון לידא אין עשעלאן איז געווען האב איך ניט געוואוסט, ווייל כל זמן דער עשעלאן איז געשטאנען אויף לידער באן סטאנציע האט מען ניט ארויסגעלאזן פון די וואגאנען.

דעם 21 יוני 1941, דריי אור נאך מיטאג, איז דער עשעלאן אפגעגאנגען פון לידא, און צוויי טעג און צוויי נעכט איז דער צוג געגאנגען אָן אפהאלט. וועט דאך דער לעזער אודאי פרעגן: אז מען האט ניט ארויסגעלאזן דריי מיט א האלבן מעת-לעת איז וואס איז געווען מיט די מענשלעכע הצטרכותן? די פראגע האבן די באלשעוויקעס געלעזן גאנץ פשוט. זיי האבן געמאכט א לאך אין פאדלאגע פון וואגאן און דורך די לאך האט מען אלעס ערליידיקט.

אויפן דריטן טאג האט זיך דער צוג אפגעשטעלט אויף א גרויסע באן סטאנציע. געגוי ווי די סטאנציע האט געהייסן געדענק איך שוין ניט. האט די ענקאווועדע וועלכע האט באגלייט דעם צוג געהייסן אז צוויי מענשן פון יעדן וואגאן זאלן נעמען א זאק אויף ברויט און א עמער אויף זופ צו נעמען פאר אלע פאסאזשירן פון וואגאן. דאן האב איך דער ערשטער געכאפט א זאק אויף ברויט, אום ארויסצוגיין פון וואגאן נאך ברויט. גאנץ פשוט, ערשטנס צו כאפן א ביסל פרישע לופט, און צווייטנס אום צו דערוויסן זיך ווער פון די לידער אידן געפינען זיך אין עשעלאן. און איך האב זיך דערוואוסט ווער עס איז פאראן פון די לידער אידן:

1. סאפאטניצקי משה'ס פרוי מיט צוויי טעכטער און א זון
2. יוסף אילוטאוויטשעס פרוי מיט צוויי טעכטער
3. קאפילעוויטש, א שניידער מיט זיין פרוי פעסיע און צוויי זין
4. נחום זאגער'ס פרוי מיט צוויי זין און א טאכטער
5. סארטארע'ס פרוי מיט צוויי קינדער, א אינגל און א מיידעלע
6. ברוך קלעפאטש'עס צוויי טעכטער: קיילע און יענטע
7. גלויבערמאן, די שוועסטער פון שמעון סאוויצקי
8. יעקב אילוטאוויטש מיט זיין פרוי עה"ש, דער שרייבער פון די זכרונות שורות

און אז מיר זיינען געקומען אויפן ארט, האבן מיר זיך דערוואוסט אז עס זיינען געווען אין דעם זעלבן עשעלאן אייניקע גאליציאנער פאמיליעס, אידישע, און א ווארשעווער פאמיליע מיטן נאמען פרידמאן. פון פוילישע קריסטלעכע פאמיליעס פון דער שטאט לידא איז אויך געווען ווייניק. די מערהייט פוילישע קריסטלעכע פאמיליעס זיינען באשטאנען פון לידער פראווינץ, איבערהויבט פון די פוילישע "אסאדניקעס".[8] מעגלעך פיל פון די לעזער ווייסן ניט וואס עס איז די באדייטונג פון "אסאדניקעס", וועט פון מיין ווייטערדיגן שרייבן פארשטיין די באדיינטונג.

[8] זע אונטן פאר דעם טייטש פון אסאדניקעס (*osadnik*).

ווי באוואוסט איז נאך דער ערשטער קריג אין 1920 א טייל ווייס-רוסלאנד וואס פוילן האט אנגערופן "די קרעסן" איז אריבער צו פוילן. האט די פוילישע רעגירונג געוואלט וואס מער פאלאניזירן די קרעסן, האט די פוילישע רעגירונג פארגעלייגט די ערדלאזע פוילישע פאמיליעס און די באפרייטע זעלנער פון נאך דער ערשטער קריג פון די געביטן "פאמרערן" און "פאזנען" וועלכע זיינען געווען געדיכט באזעצט, האט אט די פוילישע פאמיליעס די פוילישע רעגירונג געגעבן ערד אומזיסט און אויך געהאלפן אויסבויען וואוינונגען מיט אלע איבעריקע בנינים וואס איז נויטיק אום צו באזעצן זיך אויף ערד קאלאניזאציע. איז אט די פוילישע פאמיליעס האבן זיך אנגערופן "אסאדניקעס". דאס איז א מין "מושבניק", אויפן ישראל לשון אין עברית, און אט די אסאדניקעס האבן זיך אויף די קרעסן גוט איינגעפונדעוועט. אבער נאך דעם ווי היטלער מיט סטאלינען האבן זיך צעטיילט מיט פוילן אין 1939, האבן די סאוויעטן באמיט אויסצוראמען פון די קרעסן אט די אלע אסאדניקעס, און די סאוויעטן האבן דאס גאנץ גרינדלעך ערליידיגט אין פארלויף פון די צוויי יאר ביז דער צווייטער מלחמה. און נאך דער מלחמה האבן די סאוויעטן אט די אסאדניקעס און אלע איבעריגע פוילישע בירגער צוריקגעשיקט קיין פוילן.

נאך 14 טעג רייזע איז דער עשעלאן געקומען צו דעם ארט וואס איז געווען באשטימט פון פאראויס. דאס ארט האט זיך אנגערופן באקאסאי, וואס האט זיך געפונען אין קראסנאיארסקי קראי. דאס ארטיגע באפעלקערונג האבן געהייסן כאקאסען פון דער מאנגאלישער ראסע. דאס שטיקל לאנד פון די כאקאסען איז געווען ארומגערינגלט מיט הויכע שטיינערנע בערג, און פאזע [=זייט ביי זייט מיט] די בערג פליסט דער גרויסער טייך יעניסיי אויף וועלכן עס קורסירן שיפן. אין דעם גרויסן טייך יעניסיי פאלן אריין קלענערע טייכן און בא דעם טייך יעינסיי געפינט זיך א קאלאסאלער טארטאק [=זעגמיל]. אין רוסיש הייסט א טארטאק "לעסאפילקע זאוואד", און אויף דעם טארטאק ארבעטן אריבער דריי טויזנט ארבעטער, בעסער געזאגט דריי טויזנט שקלאפן. דער טארטאק איז מעכאניזירט דורכאויס אויף עלעקטרע, ווייל פון טייך האבן זיי ביליקע קראפט.

איך קער זיך אום צו אונזער קומען צום לעצטן פונקט פון אונזער רייזע. אז דער צוג האט זיך אפגעשטעלט בא דעם וואגזאל. אגב, דער צוג האט שוין זא ווי זא ניט געקענט גיין ווייטער. דא איז געווען דער סוף פון די באן ליניע. די רוסן האבן דאס גערופן "טופיק". האט מען אלע געבראכט פאליאקן אריינגעפירט אין א צוויי שטאקיג שולע געביידע. עס איז דאן געווען אין יולי מאנאט, איז שוין דאן געווען פעריען [=וואקצינירונג], איז די שול געביידע געווען פריי. אחוץ דעם וואס מען האט איין מאל אין טאג געגעבן 300 גראם ברויט מיט זופ, האט מען אויך פארקויפט ביסקוויט מיט צוקערלעך און אויך אייניגע נויטיגע מעדיקאמענטן. דאס האבן די באלשעוויקעס געוואלט ווייזן אז אין סאוויעט רוסלאנד איז אלעס פאראן. לויט ווי די באלשעוויקעס זאגן: "או נאס ווסיא יעסט", דאס הייסט: בא אונז איז אלעס פאראן.

דריי טעג האט מען געגעבן רו, און אויפן פערטן טאג האט מען גענומען פונאנדערשיקן אויף ארבעט אין קאלכאזן און סאווכאזן. די קאלכאזן זיינען אזוי ווי די קבוצים אין ישראל, א קאלעקטיוו פון ערדארבעטער, און אין די סאווכאזן ארבעטן געדונגענע ארבעטער וועלכע באקומען א טעגלעכן געהאלט. די סאווכאזן באשטייען פון די געוועזענע גרויס גרונט באזיצער וועלכע די סאוויעטן האבן קאנפיסקירט און ווערט אנגעפירט דורך א רעגירונגס פארוואלטונג. דעריבער זיינען די ארבעטער געדונגענע.

אין די קאלכאזן און סאווכאזן האט מען געשיקט פאליאקן, ווייל זיי זיינען דאך מערסטנס ערד ארבעטער, און די אידן האט מען געשיקט אין אויבנדערמאנטן טארטאק. אייניקע יונגע אידן האט מען אויך געשיקט אין קאלכאזן, אבער נאך דעם אפמאך מיט סיקארסקיס רעגירונג אין לאנדאן, האט מען די פאליאקן באפרייט פון צוואנגס ארבעט. זיינען די אידן און אויך די אינטעליגענטע פאליאקן פארלאזן די קאלכאזן און געקומען אין שטאט. אויך די אידן וואס האבן זיך געפונען אין די וועלדער אויף ארבעט זיינען נאך דעם אפמאך מיט גענעראל סיקארסקי באפרייט געווארן און זיינען געקומען אין שטאט. די אידן האבן זיך גלייך גענומען צום האנדל. די סאוויעטן רופן דאס ספעקולאציע.

די ערשטע פוילישע פאמיליעס וואס מען האט געדארפט שיקן אויף ארבעט אין קאלכאזן האט מען זיי אריינגערופן אין א צימער אין וועלכן עס איז געזעסן א ענקאוועדיסט און האט יעדן געגעבן אונטערצושרייבן א דעקלעראציע אין וועלכן עס איז געווען געשריבן אז אין פארלויף פון צוואנציג יאר וועט מען ניט טארן אוועקפארן פון דעם ארט. האבן זיי ניט געוואלט אונטערשרייבן.

א פויליש שפריכווארט זאגט אז ווען א פאליאק געפינט זיך אין א צרה, לויפט ער צום אידן נאך א עצה. זיינען זיי צוגעגאנגען צו מיר און דערציילן וועגן דער דעקלעראציע. האב איך בא זיי געפרעגט, "האט איר אונטערגעשריבן?" האבן זיי מיר געזאגט אז "דערווייל נאך ניט". אויף דעם האב איך זיי געזאגט אז איך וועל אונטערשרייבן אויף הונדערט יאר. האבן זיי מיר אנגעקוקט פארוואונדערט און געוויס האבן זיי געקלערט בא זיך אז איך בין ניט בא מיין פולן פארשטאנד. האב איך זיי בארואיקט אז איך בין בא מיין פולן פארשטאנד און האב צוגעגעבן, "לאמיר זאגן אז איר וועט ניט אונטערשרייבן. וועט איר פון דאנען קענען אנטלויפן? פארזיכער איך אייך אז איר וועט ניט קענען לויפן, ווייל פון דאנען ביז לידא איז אריבער פינף טויזנט קילאמעטער. קוקט אָן די הויכע שטיינערענע בערג און דעם גרויסן טייך יעניסיי וואס פליסט און פארצוימט דעם וועג צו לויפן." און איך גיב צו: "זייט וויסן דא איז עק וועלט!" פון מיינע ערקלערונגען האבן די פאליאקן ניט געהאט קיין נחת. איך האב פשוט געוואלט נעמען בא זיי דאס לעבער, ווי מען פלעגט זאגן בא אונז. נאר נאך דעם, האב איך זיי א ביסל געטרייסט זאגענדיג: "עס גייט דאך א קריג. קען מען ניט וויסן וואס עס וועט פארקומען נאך דער קריג, און מען דארף האפן אז עס וועט זיך ענדיגן גוט און מען וועט פארן צוריק קיין פוילן." קיין גרויסע טרייסט איז דאס פאר זיי ניט געווען, נאר זיי האבן דען געהאט א ברירה?

אין דריי חדשים נאכדעם אפמאך מיט גענעראל סיקארסקיס רעגירונג, האט מען אלעמען גערופן צום קאמענדאנט און מען האט בא אלע פוילישע בירגער צוגענומען די צוואנציג-יאריגע דעקלעראציעס, און ארויסגעגעבן דעקלעראציעס אז אלע זיינען פוילישע בירגער. האב איך דארט געזאגט צו די זעלבע פאליאקן: "נו וואס וועט איר יעצט זאגן? ווער איז גערעכט געווען?" האבן זיי מיר געענטפערט: "פערשטענדלעך, א איד איז דאך קלוג".

אויף מארגן נאך דער געשיכטע, האט מען מיר מיט מיין פרוי ע"ה אריינגערופן צום ענקאוועדיסט. ער האט אונז געמאלדן אז מען וועט אונז שיקן קיין לעסא-זאוואד, ד.ה. צום טארטאק. און ווען ער האט אונז געגעבן אונטערצושרייבן די 20 יעריעe דעקלעראציע, האבן מיר אונטערגעשריבן און איך האב געזאגט צו אים, "אונטערשרייבדיג די דעקלעראציע, האב איך דאך זיך פארפליכטעט 20 יאר צו לעבן. און אזוי ווי איך בין יעצט אלט 60 יאר, טא גיב מיר אונטערצושרייבן נאך א דעקלעראציע אויף 20 יאר, וועל איך זיין פארפליכטעט צו לעבן ביז 100 יאר." דאס איז דאך געווען א וויץ, נאר ער האט אויף מיר ניט געקוקט און אפילו ניט א שמייכל געטאן.

די לידער פוילישע פאמיליע סטאסעוויטש, האט מען אויך באשטימט צו שיקן אויפן טארטאק. און ווי איך האב שוין אויבן באשריבן, האט מען אונז מיט זיי צוזאמען געגעבן א דריי-צימערדיגע וואוינונג.

דער לאסטאויטא האט אונז געפירט פון באן סטאנציע צום טארטאק. דאס לאסטאויטא האט זיך אפגעשטעלט בא א געביידע וועלכע האט זיך ארויסגעוויזן פאר א שוויצבאד. צו ערשט האט מען די מענער געהייסן אריינגיין אין באד און געהייסן אויסטאן די קליידער וואס מיר האבן געטראגן אויף זיך און מען האט אריינגעגעבן אין דיזענפעקציע. דאס זעלבע איז אויך פארגעקומען מיט די פרויען. די באד איז געווען א פארעוווע [=מיט פארען], א אויסגעצייכנטע מיט א שוויץ אפטיילונג. מיר האבן זיך פשוט מחיה געווען, נאך די 14 טעג און נאכט רייזע אין וועלכע מען האט זיך ניט געקענט אפילו ארומוואשן, ווייל מען האט ניט ארויסגעלאזן פון וואגאן די גאנצע 14 טעג. און בייטן די וועש האט מען ניט געקענט. איז די באד פאר אונז געווען ממש א גן-עדן. נאך דער באד, האט מען אונז אלעמען, ד.ה. מיר מיט מיין פרוי ע"ש און די צוויי סטאסעוויטש פאמיליעס, צוגעפירט צו א צוויי שטאקיק הילצערנע געביידע, טאקע ניט ווייט פון דער באד, און האט אונז אנגעוויזן אויפן צווייטן שטאק די דריי צימערדיגע וואוינונג.

אז מיר זיינען אריין אינעווייניג האבן מיר זיך אליין ניט געגלויבט אז מיר וועלן באקומען אזא וואוינונג. אונזער צימער איז געווען באלויכטן מיט א עלעקטרישן לאמפ, צוויי אייזערנע בעטן, א גרויסער לאנגער טיש ווי עס זיינען אמאל געשטאנען אין די קרעטשמעס, וואס זיינען געשטאנען אויף די קרייץ טראקטן [=שאסייען] בא וועלכע די דורכפארער פלעגן זיך אפשטעלן אפצורוען די פערד און אליין אויך אונטערצושפארן דאס הארץ מיט א טרונק בראנפן. אגב, דער לאנגער טיש איז אונז נאכער צו ניץ געקומען, ווי דער לעזער וועט זען שפעטער. עס איז אויך געווען אין צימער א לאנגע באנק מיט צוויי טאבורעטן [=נידעריקע בענקלעך]. מאטראצן צו די בעטן האבן מיר אליין געדארפט מאכן; פשוט מען האט אנגעשטאפט 2 זעק מיט שטרוי און די מאטראצן זיינען געווען פארטיג.

נאך די 14 רייזע טעג און נאך די דריי טעג אין שקאלע אין וועלכע מען האט געשלאפן זיצענדיג אויף די פעקלעך און נאך דער גוטער באד, איז דא געווען די ערשטע נאכט וואס מיר האבן געשלאפן מענשלעך. האט מען טאקע גאנץ געשמאק געשלאפן.

צו מארגנס נאך דער געשמאק געשלאפענער נאכט, האב איך טעלעגראפירט צו מיין שוועסטער אין מאסקווע, וועלכע האט געארבעט אין א שפיטאל אלס דאקטאר מעדיצין, און געמאלדן אז מיר האבן זיך עוואקואירט פון לידא צוליב דער מלחמה און מיר געפינען זיך אויף סיביר און אנגעגעבן אונזער גענויען אדרעס. אין אייניגע וואכן נאך מיין געשיקטן טעלעגראם, האב איך פון איר באקומען א טעלעגראם אז זי פארט ארויס און זי וועט קומען צו אונז. די אורזאך פון איר ארויספארן פון מאסקווע איז געווען וואס היטלערס ארמייען האבן זיך שנעל דערנענטערט צו מאסקווע. האט זיך די שוועסטער דערשראקן פאר היטלערן און האט באשלאסן קומען צו אונז.

נאכן ערליידיגן מיטן טעלעגראם, האט מען געדארפט ברענגען אין ארדנונג דעם צימער און צוגרייטן די מאטראצן צו די בעטן. האט מען געדארפט גיין זוכן צו קויפן שטרוי אדער היי אנצשטאפן די זעק אום צו מאכן כמו מאטראצן. נאך דעם האט מען געדארפט ברענגען אין ארדנונג די קליידער און אלע זאכן וואס מיר האבן געבראכט מיט זיך און אפסארטירן וועלכע מען דארף איבערלאזן פאר זיך און וועלכע מען וועט דארפן בייטן אויף פראדוקטן. און אזוי ווי לויט די יארן מיינע וואס מיין פאספארט האט געוויזן, בין איך שוין געווען אויסער צוואנגס ארבעט, האב איך זיך ניט געוואלט צוגיין זיך מעלדן אויף ארבעט צום נאטשאלניק קאדראוו. אין רוסיש האט דאס אויך אזוי געהייסן, בא וועלכן מען האט זיך געדארפט מעלדן, אום צו גיין ארבעטן אויפן טארטאק.[9] אגב, האבן מיר געדארפט ארויסגיין אין דארף אום אפצוזוכן קויפן פאר געלט אדער בייטן אויף א ביסל פראדוקטן צום עסן. אויף דעם אופן איז אריבער א 10 טעג און נאך דעם אלעם האב איך זיך נאך אלץ ניט געאיילט צו זיך מעלדן אויף ארבעט. נאר אזוי ווי דער טארטאק האט זיך געניטיקט אין אלערליי ארבעטער, האט מען געשיקט רופן די נייע געקומענע פאליאקן. אגב, די פאליאקן האבן זיך אויך ניט געאיילט צו גיין זיך מעלדן אויף ארבעט, נאר אז מען האט גערופן, האבן זיך אלע געמאלדן און איך אויך בתוכם צום נאטשאלניק קאדראוו, וועלכע איז געווען א יונגע שיינע אינטעליגענטע פרוי מיט הויכע בילדונג. איר מאן איז געווען דער אינזשעניר און טעכנישער דירעקטאר פון טארטאק.ביידע זיינען געווען פון לענינגראד. דער א אינזשעניר איז געווען וויצע-דירעקטאר פון טארטאק. דער דירעקטאר איז געווען אָן ארבעטער, לויטן פאך א מעטאל ארבעטער, נאר א גאנץ פעאיקער און פארשטענדלעכער מענש. זעלבסטפארשטענדלעך האט ער געדארפט זיין א פארטיי מאן.

איך ווייס ניט וואס עס איז יעצט אין סאוויעט רוסלאנד אין דעם הינזיכט די ארדנונג, נאר דאן אין סטאלינס צייטן האט מען ניט אנפארטרויט די אנפירונג פון גרויסע אונטערנעמונגען דעם אינזשעניר אדער דעם געבילדעטן אינטעליגענט-פאכמאן. דער געבילדעטער פאכמאן איז געווען דער צווייטער פערזאן פון דער אונטערנעמונג. און די ערשטע פערזאן, ד.ה. דער דירעקטאר, איז געווען א ארבעטער און א פארטיי מאן. זעלבסטפארשטענדלעך אז אזא ארבעטער דירעקטאר אין א גרויסע אונטערנעמונג האט זיך געדארפט אין טעכנישע אנגעלעגנהייטן פארשטענדיגן מיטן אינזשעניר ווייל דער אינזשעניר אלס וויצע-דירעקטאר האט

[9] [דער באטייט פון דעם זאץ איז ניט קלאר.]

אנגעפירט מיט די טעכנישע זייט פון דער אונטערנעמונג. און אזא וויצע-דירעקטאר אינזשעניר איז געווען אויפן טארטאק.

מעלדנדיק זיך צו דער פרוי נאטשאלניק קאדראוו, האט זי בא מיר געפרעגט וואס פאר א ארבעט איך קען פארנעמען. האב איך געזאגט אז איך קען זיין א געהילפס בוכהאלטער. אין רוסיש הייסט דאס "שטשאטאוואד". האט זי ווייטער בא מיר געפרעגט אויב איך קען זיין א הויפט בוכהאלטער, וועט זי מיר שיקן אין א צעך (אפטיילונג) וואו עס פאדערט זיך א הויפט בוכהאלטער. האב איך געזאגט אז אזא פאסטען קען איך ניט פארנעמען. אגב, א הויפט בוכהאלטער אין סאוויעט רוסלאנד איז זייער א פאראנטווארטלעכער פאסטן. האט זי מיר געשיקט צו דער הויפט בוכהאלטעריע אפטיילונג אלס שטשאטאוואד. די הויפט בוכהאלטעריע האט מיר איבערגעשיקט אין א צעך אלס שטשאטאוואד.

דער טארטאק איז געווען א קאלאסאלער און איז געווען איינגעטיילט אין אפטיילונגען (צעכן). אין צעך האט מען מיר געגעבן צו סומירן גרויסע בויגנס פאפיר מיט ציפערן. קיין רעכנמאשינען זיינען דארט ניט געווען, און די בוכהאלטעריע אין א טארטאק איז איבערהויפט אין ציפערן. איז אפזייענדיק א מאנאט צייט אויף דעם פאסטן, האב איך זיך אנטזאגט מיטן מאטיוו אז איך בין א אלטער מאן און די אויגן זיינען בא מיר שוואכע און בין אוועקגעגאנגען אהיים. אגב, דער געהאלט איז געווען 250 רובל א מאנאט, און אראפרעכענענדיג די שטייערן, פלעגט בלייבן 200 רובל, וואס פאר דעם געלט האט מען געקענט קויפן אויפן שווארצן מארק 2 קילא ברויט. האב איך טאקע ניט געוואלט אנשטריינגען די אויגן.

אפזייענדיג אייניקע טעג אין דער היים, האט דער דירעקטאר געשיקט מיר רופן און זאגט צו מיר בזה הלשון, "איך פארשטיי אז דו ביסט א געוועזענער סוחר. אלזא האב איך פאר דיר א גוטן פאסטן", און באקאנט מיר מיט איינעם וואס איז בא אים אין קאבינעט געזעסן און שטעלט אים פאר פאר מיר אלס דירעקטאר פון "לעסטארג" וועלכער דארף האבן א געניטן מענשן וועלכער זאל זיצן אין ביורא און פארקויפן די דעטייל מאטעריאלן פון טארטאק, ווייל דער טארטאק האט ניט געהאט קיין רעכט צו פארקויפן אין דעטייל. דאס האט געהערט צום "לעסטארג".[10] האב איך דערביי געטראכט, אז דאס וועט זיין געוויס א פעטער פאסטן, נאר עס האט זיך גאר ניט אנגעהויבן. אויף מיין פראגע וועגן געהאלט, זאגט דער האנדלס דירעקטאר 250 רובל א מאנאט. האב איך בא זיך אין הארצן געווינשט אים אלע מיינע בייזע חלומות, נאר פון דען האב איך דעם פאסטן אנגענומען, ווייל די הויפט ביורא פון "לעסטארג" מיטן דירעקטאר זיינען געווען אין אבלאסט (אין אבאקאן[11]) און איך בין געווען אלס פארקויפער אויפן טארטאק זעלבסטשטענדיג. איך האב זיך געפירט ווי א היגער ישראלדיגער פקיד. איך פלעג קומען אין ביורא 9 אור פרי און פלעג זיצן אין ביורא נאר ביז מיטאג, און די אפגעלייזטע געלט פארן טאג פלעג איך אריינטראגן אין באנק. און אפזייענדיק אויף דעם פאסטען בערך א מאנאט צייט בין איך קראנק געווארן אויף א שווערע מאלאריע און האב ניט געקענט גיין ארבעטן אויף דעם פאסטן. איך האב וועגן מיין קראנקהייט געמאלדן אין הויפט ביורא און מיט דעם האט זיך דער פאסטן פארענדיגט.

נאך דעם ווי איך האב זיך אויסגעהיילט פון דער מאלאריע, האט מיר דער דירעקטאר פון טארטאק אויף דאס ניי גערופן און מיר פארגעלייגט צו זיין דער מאגאזינער [=פארוואלטער פון א סקלאד, ווארהויז] פון ארבעטער צעך. אין דעם מאגאזין [=סקלאד] פון דעם צעך, האבן זיך געפונען אלערליי אינסטרומענטן און אלערליי מאטעריאלן וואס עס האט זיך געפאדערט צו אלערליי רעמאנטן אויפן טארטאק, און בא דעם צעך זיינען געווען א פאר הונדערט ארבעטער אין העכער פון די מיטעלע יארן, ווייל די יונגע האט מען מאביליזירט אין דער ארמיי צום פראנט.

מיין ארבעט איז באשטאנען צו קומען 7 אור פרי און ארויסגעבן די ארבעטער די אינסטרומענטן וואס זיי האבן געדארפט האבן צו דער ארבעט, און די מאטעריאלן צו די רעמאנטן. און נאך דער ארבעט צונעמען די אינסטרומענטן. זא דאס א גאנצן טאג בין איך געווען פריי אָן קיינע ארבעט, פלעג איך זיצן אין מאגאזין, לעזן

[10] ["לעסטאָרג" איז די פירמע אין סאוויעט פארבאנד וואס פארקויפט געהילץ.]

[11] [די שטאט אַבאַקאַן האט אמאל געהייסן כאַקאַס אין כאקאסקאיא אָבלאסט (=ראיאן)].

א צייטונג אדער א בוך און כאפן א דרימל. אגב, בא יעדער צעך איז געווען א נאטשטאלניק. בא מיין ארבעטער צעך איז אויך געווען א נאטשאלניק א יונגער טעכניק, נאר מען האט אים מאביליזירט. איז אויף זיין ארט געקומען א אלטער טעכניק, א שיכור, נאר זייער א גוטער אין כאראקטער. אלע שיכורים זאגט מען זיינען גוטע. אז ער פלעגט מיר טרעפן בא א דרימל, פלעגט ער זאגן צו די ארבעטער אז יאקאוו יערעמייעוויטש שלאפט אז זיי זאלן מיר ניט שטערן דעם שלאף.

דעם פאסטן האב איך אנגענומען ווייל איך האב גענומען אין אכט אז זייענדיג בא די מאטעריאלן וועל איך פיליכט האבן וועלכע עס איז נוצן. איך האב אבער געהאט זייער קליינע נוצן. דער געהאלט אלס מאגאזינער איז אויך געווען ניט מער ווי 250, ריינער 200 רובל. אגב, איז מיר אינטערעסאנט געווען צו באקענען זיך נענטער צו די ארבעטער און הערן זייערע געשפרעכן וועגן וואס זיי ריידן—א געלעגנהייט צו הערן זייערע געשפרעכן איז געווען לויט דעם טעמפא פון זייער ארבעט. זיי פלעגן נאך יעדע שעה ארבעט לייגן די אינסטרומענטן און אויסזעצן זיך ארום מיין מאגאזין, רויכערן און שמועסן א האלבע שעה צייט. אזוי פלעגט פארקומען נאך יעדער שעה ארבעט. די שמועסן זיינען שטענדיג געווען פאליטישע, אויסריידן אויף די סאוויעטישע מאכט כל דבר אסור. זעלבסטפארשטענדלעך אז איך פלעג ניט נעמען קיין אנטייל. איך פלעג זיין א שטומער צוהערער. די ארבעטער פלעגן זיך פאר מיר ניט שטערן צו ריידן, ווייל איך בין דאך געווען א אויסלענדער, זיינען זיי געווען זיכער אז איך וועל זיי ניט אויסגעבן.

איין מאל ווען זיי האבן גערעט וועגן דער מלחמה, האב איך זיך ארייגעמישט און געזאגט צו זיי, "איר ווייסט ווער היטלער איז?" און כ'האב אויסגערעדט אויף היטלערן אלעס בייזעם, ניט וויסנדיג אפילו, זייענדיג אין סיביר, וואס היטלער ימ"ש, האט געטאן מיט די אידן. האבן זיי מיר אויף דעם געענטפערט, "מעג קומען אפילו דער טייוול אליין, אבי אק עק און א סוף זאל נעמען צו דעם רעזשים". נאך דעם מיינונג זייערן, בין איך ווייטער געווען א שטומער צוהערער, אבער איך פלעג כאפן א דרימל זיצנדיג אין מאגאזין.

אויף דעם מאגאזינער פאסטן, האב איך זיך אויך ניט לאנג געהאלטן. נאך דעם האט מיר דער דירעקטאר פארגעלייגט ארבעט פאר 500 רובל א מאנאט, האט דער דירעקטאר געמיינט אז איך וועל זיך אנכאפן בא אזא מאנאטלעכע סומע. נאר אזוי ווי די ארבעט איז באשטאנען טיילוויז אויף צו ארבעטן, ד.ה. צו שרייבן בא נאכט, האב איך זיך אנטזאגט מיטן מאטיוו אז בא נאכט זע איך ניט ווי צו שרייבן.

אז דער ערשטער זומער פון אונזער קומען אויף סיביר איז געווען צו ענדע, האט מען געדארפט זיך צוגרייטן אויף ווינטער מיט די נויטיגע פראדוקטן ווי צ.ב. קארטאפל, בוראקעס און קרויט, נאר איבערהויבט מיט קארטאפל און פוטער, ווייל פוטער איז געווען דער איינציגער פעטס פראדוקט וואס מען האט געקענט באקומען קויפן פאר געלט אדער בייטן אויף זאכן.

אגב, עטלעכע ווערטער וועגן סיבירער קלימאט. דער זומער געדויערט 4 חדשים: יוני, יולי, אווגוסט און סעפטעמבער. די חדשים יולי און אווגוסט זיינען געווען זייער הייסע. די פעלדער און גערטנער האט מען געזייט אין יוני מאנאט, און פון האלב אווגוסט און סעפטעמבער האט מען אראפגענומען פון די פעלדער און גערטנער. די פיר זומערדיגע חדשים זיינען געווען טרוקענע, ווייל קיין רעגנס זיינען דארט ניט געווען, און אין ווינטער זיינען געפאלן זייער ווייניג שניי. זומער פלעגן אנקומען שווארצע וואלקנס, און מען האט געמיינט אז עס וועט זיין א שלאקסרעגן. זיינען אבער גלייך אנגעקומען שטורעם ווינטן. מען רופט דאס דארטן אוראגאנעס, און זיי האבן צעטריבן די וואלקנס און עס איז אפילו ניט געפאלן א טראפן רעגן. אויף אזא אופן פלעגט פארקומען א גאנץ זומער. נאר אזוי ווי דארטן איז פאראן פיל טייכן, גרעסערע און קלענערע, האט די רעגירונג דורכגעפירט איבער די פעלדער געגראבן-קאנאלן סיסטעם וואס פלעגן באוואסערן די פעלדער און גערטנער. די אכט ווינטערדיגע חדשים זיינען אין די חדשים: נאוועמבער, דעצעמבער, יאנואר און פעברואר געווען זייער שטארקע פרעסט וועלכע פלעגן דערגיין פון צייט צו צייט ביז 60 גראד צעלסיוס אונטער נול. אין די חדשים אקטאבער, מארץ, און אפריל זיינען געווען קלענערע פרעסט, און אין מאי איז נאך אויך געווען קאלט מיט לייכטע פרעסטלעך.

נאר לאמיר זיך אומקערן צו אונזער אימפּראָוויזאַציע צוגרייטונגען. מיין פרוי עה"ש האט ארויסגענומען א געבלומטן, שלאפראק זייער א שיינער און א בלישטשעדיגער, און מיר זיינען געגאנגען אין פּאָסיאָלאָק[12] צו קויפן פאר געלט אדער בייטן אויפן שלאפראק קארטאפל. ווען מיר זיינען אריין אין די ערשטע שטוב, האבן מיר גראדע געטראפן א יונגע פויערטע און געפרעגט וועגן קויפן קארטאפל. האט זי געזאגט אז פאר געלט פארקויפט זי ניט, נאר פאר זאכן. האט מיין פרוי עה"ש ארויסגענומען דעם שלאפראק. אז די פויערטע האט דערזען דעם שלאפראק, איז די פויערטע געווארן צוגעשמידט צו אים. זי האט אין איר לעבן ניט געזען אזא שיין קלייד. זעענדיג אז דער שלאפראק האט איר באצויבערט, האב איך געפאדערט פאר אים 150 עמער קארטאפל. (א עמער קארטאפל האט 6 קילא). געווייינלעך איז דאס געווען א ביסל צופיל, נאר איך האב געבעטן מערער אז זי זאל האבן פון וואס אראפצודינגען. און נאך א דינגעניש איז מען דורכגעקומען אויף 100 עמער. אין א צווייט הויז האבן מיר פאר א בלוזע געקראגן 30 עמער קארטאפל, אזוי אז עס איז שוין געווען גענוג אויף א גאנץ יאר קארטאפל ביז דעם נייעם אורזאשאי פאר דריי מענשן, ווייל מיין שוועסטער פון מאסקווע איז שוין געווען געקומען. עטלעכע קילא פוטער האבן מיר געקויפט פאר געלט. מילך האט מען באקומען צו קויפן א גאנץ יאר פאר געלט, ווייל יעדער פויער פון פּאָסיאָלאָק האט געהאט א קו אדער אפילו 2 קי, זא דאס מען האט ניט געדארפט אנגרייטן מילך, און בכלל קען מען דאך מילך ניט אנגרייטן.

אין די ווינטערדיגע שטארקע פרעסט, פלעגן די פויערטעס פארפרירן די מילך אין ליטראווע טעלער, און זונטאג פלעגן זיי ברענגען די פארפרארענע מילך אין זעק צו פארקויפן אויפן קאלכאזנעם מארק. איך פלעג יעדן זונטאג איינקויפן עטלעכע אזעלכע געפרארענע ליטער מילך. עס האט גראדע געקאסט ניט טייער, און די מילך אז געווען זייער גוטע און פעטע, אָן פאלשונגען. אויך פוטער האט מען באקומען צו קויפן אויפן קאלכאזנעם מארק און אויך רינדן פלייש, נאר די פרייזן זיינען געווען לעגענדארישע. נאר אז איך האב פארדינט האב איך ניט געשפארט קיין געלט. איבערהויבט די לעצטע צוויי יאר פון אונזער זיין אויף סיביר, האב איך זייער גוט פארדינט און געצאלט יעדן פרייז פאר שפייז פראדוקטן.

איך האב זיך פארגאלאפירט מיט די מיינע פארדינסטן און מיט די שפייז פראדוקטן, וואס מען האט געקענט באקומען אויפן קאלכאזנעם מארק, און האב פארגעסן אָן די קארטאפל געביטענע אויפן שלאפראק און בלוזע [=ווייבערשע העמדן]. אלזא איז אבער די פראגע געווען וואו האלט מען די קארטאפל. איז מיר איינגעפאלן דער געדאנק אז פאר די קארטאפל וועט זיין גוט דער לאנגער טיש פון צימער. גערעדט און געטאן. איך האב געבראכט פון טארטאק ברעטער און ארומגעקלאפט דעם טיש מיט די ברעטער און געשאטן די קארטאפל אונטערן טיש און דאס איבעריגע אונטער די בעטן.

אויף דעם אופן פון יע ארבעטן און ניט ארבעטן און בייטנדיג יעדעס מאל די פאסטנס און די צעכן איז אריבער כמעט 2 יאר צייט. און פון דעם געהאלט האט מען ניט געהאט צום לעבן. וויבאלד מען כסדר געביטן אויף די זאכן און די זאכן זיינען געווען אלץ ווייניגער, האב איך באשלאסן אז עס איז שוין גענוג מיטן טארטאק און מען דארף זען צו פארדינען גענוג און בעסער צו עסן, ווייל די צוויי יאר צייט איז מען מערסטנס אפגעקומען מיט קארטאפל זופ. און מיט די בעסערע מיטאגן פון דער ארבעטער-קיך וואס מען האט געקאכט פאר די טעכניקער און אינזשענירן פון טארטאק, פון וועלכע מיין שוועסטער האט אויך באקומען אלס דאקטאר. און די געריכטן פון די מיטאגן זיינען באשטאנען טאג-טעגלעך פון בארשטש פון זויערע קרויט, וועלכע מען פלעגט אנגרייטן אויף א גאנץ יאר. און אז די ווירטשאפט פון טארטאק פלעגט זען אז א פערד איז שוואך געווארן, פלעגט מען אים דערהרגענען, און די פלייש אריינגעבן אין קיך. פאר די אינזשענירן, טעכניקער און הויכע בעאמטע דאן פלעגט זיין בארשטש מיט פלייש. האב איך אויך באשלאסן אז עס איז שוין אויך גענוג די בארשטש פון די זויערע קרויט און פון די פערדישע פלייש, און האב באשלאסן אנצוהויבן האנדלען. אויפן באלשעוויסטישן לשון רופט זיך דאס ספעקולאציע פאר וועלכע מען שיסט אידישע ספעקולאנטן אין סאוויעט רוסלאנד פאר די לעצטע פאר יאר, און דאן אין דער צייט פון דער צווייטער קריג האט מען פאר ספעקלואציע באקומען נאר 5 יאר טורמע. און אום צו האנדלען דארף מען דאך האבן מיט וואס צו האנדלען אז אפילו די מלוכהשע קראמען האבן גארניט געהאט. זיי זיינען געווען פוסט און וויסט מיט ליידיגע פאליצעס, און דער

[12] פּאָסיאָלאָק איז א שטאָט.

ווינט האט דארטן געפייפט. און פון צייט צו צייט אז עס פלעגט זיך באווייזן א וועלכער איז ניט ארטיקל, פלעגט אין א האלבע שעה ניט ווערן וכל הקודם זכה. איין מאל בין איך פארבייגעגאנגען די מלוכה'שע קראם, איך זע אז די קראם איז אפן. איך בין אריין און פרעג וואס פארקויפט מען, האט מען געזאגט קאווע, און גראדע גוטע, אמת'ע קאווע און ניט טייער. האב איך געקויפט א קילא, האבן מיר געהאט אויף א לענגערע צייט און נאך דעם האט דער ווינט אין קראם ווייטער געשווישטשעט.

דער אנפאנג פון מיין האנדלען האט זיך אנגעהויבן אויף פאלגענדן אופן: פאר 8 קילאמעטער פון טארטאק איז געווען גרויסע קוילן שאכטעס [=גרובן] און א ארבעטער שטעטל וועלכע האט באשטאנען פון די קוילן-גרעבער וועלכע האבן געארבעט אין צוויי שיכטעס. די נאכט ארבעטער פלעגן אין דער פרי ארויסטראגן א טייל פון זייערע פראדוקטן צו פארקויפן אום צו קויפן בראנפן פאר דעם באקומענעם געלט. אגב, די קוילן גרעבער פלעגן באקומען גוטע פראדוקטן פאר זייער ארבעט, ווייל די ארבעט פון א קוילן גרעבער איז זייער א שווערע און א ריזיקאלישע. פלעג איך בא זיי קויפן אלעס וואס האט זיך נאר געלאזן צו קויפן, ווי צ.ב. צוקער, זייף, טאבאק, פאפיראסן, ברויט און א מאל אויך א העמד און אונטערהויזן, און אלעס וואס עס האט זיך געפונען אויפן מארק צו קויפן. און אזוי פלעג איך יעדן טאג, גאנץ פרי, פאָרן מיטן באן קיין טשערנאָגאָרסק, אזוי האבן די קוילן גרעבער גערופן די שטעטל, און אויב די באן איז ניט געפאָרן, ווייל די באן איז ניט געווען קיין רעגולערע, פלעג איך די אכט קילאמעטער שטרעקע מאכן צו פוס און צוריק אויך צו פוס. און מיט אט די אנגעקליבענע סחורה פאר א גאנצע וואך, פלעג איך זונטיק פאָרן מיטן באן אין אבלאסט צום קאלכאזנעם מארק און פלעג פארקויפן די גאנצע מיינע סחורה. און אז איך בין געווען שנעל פארקויפט, פלעג איך גיין איבערן מארק און קויפן וואס עס האט זיך נאר געלאזן און זאפארט איבערפארקויפן, זעלבסטפערשטענדלעך מיט רווח, און איינקויפנדיג וואס פון עסנווארג, ווי צ.ב. פלייש, פוטער, קעז, און אי ווינטערצייט אויך געפרארענע מילך. די אלע פראדוקטן פלעגן די קאלכאזניקעס ברענגען פריי צום פארקויף. איך פלעג מיט די איינגעקויפטע עסנווארג פראדוקטן פארן אהיים, און מיר פלעגן האבן א גאנצע וואך וואס צו עסן. אגב, דער באן פלעגט קורסירן יעדן טאג איין מאל הין און צוריק, נאר איך פלעג פארן איין מאל אין וואך אום זונטאג.

אויף דעם אופן האב איך געהאנדלט אריבער א יאר צייט און פארדינט אויף צו קויפן גוטע פרישע פראדוקטן אויף בעסער צו עסן. און איך האב ארויסגעשמיסן פון שטוב די קרויט-בארשטש מיט די פערדישע פלייש, וואס דער פערד האט שוין גע'גוסס'ט.

איניגע ווערטער וועגן די רעכט פון די קאלכאזן צו פארקויפן פריי און אָנע [=אָן] באגרענצטע פרייזן זייערע קאלכאזנע פראדוקטן, נאר דאן ווען זיי האבן ערליידיקט זייערע צושטעלונגען פון אלע זייערע פראדוקטן פאר דער רעגירונג.

די פרייזן, ווי איך האב שוין דערמאנט, איז נאך זייער ערליידיגן זיך מיט די רעגירונג, זיינען געווען געפעפערטע און ווער עס האט געהאט געלט האט געקויפט. איך, צ.ב., האב געקויפט און געצאלט וויפל מען האט געבעטן. איך האב אויף עסנווארג ניט געקארגט און געקויפט דאס בעסטע וואס מען האט געקענט באקומען צום עסן. אגב האב איך גוט פארדינט.

איין מאל אין א זונטאגדיגן ווינטער אוונט, פארנדיג צוריק פון מארק, איז די באן געקומען 9 אור אוונט אין שטעטל פון די קוילן-גרעבער, האט די באן בעאמטע האבן געמאלדן אז ווייטער וועט די באן ניט גיין. אין וואגאן האט מען ניט געלאזן צו פארבלייבן און אויך ניט אין וואגזאל. און די שטעטל איז געלעגן אין טיפן שלאף און אין פינסטערניש, און עס איז ניט געווען אפילו בא וועמען איבערצוזיצן די נאכט, און דערצו איז אויך געווארן א שניי שטורעם. עס זיינען אויך געווען צוויי יונגע פרויען, ארבעטארינס פון טארטאק. האבן זיי געזאגט צו מיר, "קום מיט אונז. מיר וועלן גיין צו פוס די 8 קילאמעטער". עס איז זיי געווען גרינג צו זאגן גיין צופוס די 8 קילאמעטער אין א סיבירער ווינטערדיגע שניישורעמדיקע נאכט. און דערצו בין איך געווען שווער אנגעטאן, און דערצו נאך איז ביי מיר ניט געווען די יונגע יארן. און אנהאלטן אין גאנג די צוויי יונגע פרויען, וועלכע זיינען געוואוינט צו דעם סיבירער קלימאט, און אין זייער גיין צו פוס דוכט מיר אז דער סיבירער באן וואלט זיי ניט געקענט אנהאלטן. נאר איך האב דען געהאט א ברירה? און מיר זיינען געגאנגען.

דער שניי-שטורעם האט געשמיסן אין פנים און האט באשווערט דאס גיין. איך פלעג זיי טאקע פארלירן. איך פלעג שרייען צו זיי אז זיי זאלןווארטן, נאר צוליב דעם שטורעם ווינט האבן זיי ניט געהערט. פלעג איך זיך דארפן אנשטרענגען לויפן אום זיי צו דעריאָגן אום ניט צו בלייבן הינטערשטעליג פון זיי, ווייל אין די ווינטערדיגע נעכט פלעגט דארט טרעפן ארומשאפצירענדיגע הונגעריגע וועלף וואס זוכן וואס צו עסן. און דער געדאנק פון די וועלף האט מיר געגעבן כוח ניט צו פארלירן די צוויי פרויען.

קומענדיג אהיים נאך האלבע נאכט, בין איך ניט ארייגעגאנגען אין שטוב נאר ארייננגעפאלן, ווייל איך האב שוין ניט געהאט קיין כוח ארייצוגיין. מיין פרוי עה"ש און מיין שוועסטער האבן זיך דערשראקן ווייל זיי האבו זיך געדוכט אז א גרויס שטיק שניי און אייז איז אריינגעפאלן אין שטוב, ווייל איך בין געווען באדעקט מיט שניי און די קאפ מיט אייז פון דער פארע פון מויל. נאך דער נאכט בין איך צוויי וואכן אפגעלעגן צום בעט ביז וואנען איך בין געקומען צו זיך. נאר איך מיט מיין גוטן געזונט צושטאנד און געזונט הארץ האט געקענט אריבערטראגן אזא ווינטערדיגע שניי-שטורעמדיג נאכט אויף סיביר.

נאך דער איבערלעבעניש פון דער דאזיקער סיבירער ווינטערדיקער נאכט, האב איך באשלאסן אז עס איז שוין גענוג צו וואוינען אויפן טארטאק און אויך צו פארן מיט די סיבירער באן וועלכע פארט און דערפארט ניט ביז די לעצטע באן סטאנציע. איך האב געדונגען א צימער אין הויפט שטאט וועלכע רופט זיך אבאקאן, און מיר זיינען ארויסגעפארן פון טארטאק קיין אבאקאן, און מיין שוועסטער איז פארבליבן אויפן טארטאק אלס דאקטארין.

אין שטאט האבן מיינע געשעפטן אנגענומען א גאנץ אנדער כאראקטער, ד.ה. אין א גרעסערן פארנעם. איך האב באקומען באקאנטשאפט מיט סאוויעטישע אידישע מענשן, ניט חו"ח מיט האנדלס פירמעס נאר וועלכע האבן אליין ניט געקענט פארקויפן אויפן מארק דאס וואס זיי האבן געהאט צו פארקויפן. און ניט צו אלעמען האבן זיי געקענט אנפערטרויען, ווייל פאר מיר האט מען גאראנטירט אין מיין ארנטלעכקייט. מען האט מיר געגעבן צו פארקויפן גרעסערע קוואנטומס פראדוקטן און אויך אמעריקענער טעקסטילן. איך האב געארבעט אויף פראצענטער און אויך אויף אייגענע ריזיקע און איך האב פעסט פארדינט. גלייכצייטיג האב איך זיך אויך ניט אנטזאגט פון קלענערע פארדינסטן פון קלייניקייטן וואס עס האט זיך געמאכט צו קויפן און איבערפארקויפן. אויף דעם אופן האב איך כסדר געהאנדלט אויפן מארק, זעלבסטפארשטענדלעך ווען איך האב געהאט מיט וואס. עס איז אויך געווען טעג וואס איך האב ניט געהאט קיין סחורה, און איך בין געזעסן אין דערהיים. אין אלגעמיין האב איך זיך באמיט ניט צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון דער אפיציעלער מאכט.

אין דעם ערשטן ווינטער פון אונזער וואוינען אין שטאט, האב איך זיך באקאנט מיט א עוואקואירטן אידן פון לעניגראד, וועלכער האט געוואוינט פאר 20 קילאמעטער פון מיין שטאט אבאקאן. ער האט געוואוינט אין א שטעטל וואס האט זיך גערופן מינוסינסק. דאס איז געווען די בארימטע שטעטל וואס אין דער צייט פון דער הערשאפט פון צאר ניקאלאי פלעגט מען אהין פארשיקן די רעוואלוציאנערן ווי לענין, טראצקי, סטאלין און נאך פיל אנדערע וויכטיגע ראוואלוציאנערן. פון דעם קען דער לעזער דרינגען אויף וויפל די געגנט אויף סיביר, וואו מיר האבן זיך געפונען, איז געווען ווייט און פארווארפן. אגב, איז די געגנט דאן געווען שוואך באוואוינט, נאר פון דעם קליינעם שבט פון דער מאנגאלישער ראסע וועלכע האבן זיך גערופן האקאסן און פון פארשיקטע קאטארזשניקעס אויף שווערע ארבעט אויף א סך יארן און זיינען שוין נאכער דארט פארבליבן וואוינען. דאן איז דער טארטאק איז אויך ניט געווען, און דער גרויסער טייך יעניסיי האט פארצאמט דעם וועג צו אנטלויפן. קיין באן איז דאן אויך ניט דערגאנגען. פון דארט פלעגן די רעוואלוציאנערן פון אנטלויפן, ווייל די געוועזענע קאטארזשניקעס פלעגן זיי העלפן אנטלויפן און נאך אנדערע פארשיקטע וועלכע זיינען ניט געווען קיין גוטע-פריינד פון צאר ניקאלאי.

דעם טארטאק אויפן טייך יעניסיי האבן געגרינדעט די באלשעוויקעס אויך מיטן ציל צו פארשיקן די קולאקעס. די קולאקעס האבן די באלשעוויקעס אנגערופן די פויערים וועלכע זיינען געווען גרויסע ערד באזיצער אויף סיביר, וועלכע די צארישע רעגירונג האט געשטרעבט צו באזעצן און באפעלקערן סיביר. האט

מען זיי געגעבן ערד וויפל נאר די פויערים האבן געוואלט. אט די קולאקעס זיינען געווען גרויסע קעגנער פון קאלעקטיוויזאציע פון קאלכאזן. אט די קולאקעס האבן די באלשעוויקעס געשיקט אלס צוואנגס-ארבעטער אויפן טארטאק אויך אלס א מין קאטארזשנע ארבעט.

ווען צאר ניקאלאי וואלט פאראויסגעזען וואס די צייט קען ברענגען, וואלט ער די רעוואלוציאנערן ניט פארשיקט, נאר וואלט פון זיי אראפגעהאקט די קעפ. נאר די היסטאריע האט דאס אויך ניט פאראויסגעזען וואס די צייט וועט ברענגען, אז די רעוואלוציאנערן וועלכע האבן זיך נאכער אנגערופן באלשעוויקעס האבן אראפגעהאקט די קאפ פון צאר ניקאלאי מיט זיין גאנצע פאמיליע און עס איז פון זיי קיין זכר ניט פארבליבן. איז נאכדעם געקומען א אידישע מיידל און האט דערשאסן לענינען, און אז סטאלין האט זיך איינגעפעסטיגט מיט די הילף פון הענקער בעריע און די ענקאוועדע, האט ער זיך גענומען צו זיינע חברים. טראצקי איז אנטלאפן קיין מעקסיקע, האט סטאלין געשיקט א געדונגענעם מערדער און דערהרגעט טראצקי. און אזוי האט ער פארענדיגט מיט אלע פריערדיגע חברים. און אז די יונגע חברים האבן געזען אז די בלוט-דורשטיקייט פון סטאלינען איז אָן א סוף, האבן זיי מיט אים און מיט זיין הענקער בעריע פארענדיגט. האט דאן אויפגעהערט די בלוט-פארגיסונג פון סטאלינען, און מען האט זיין קערפער באגראבן ערגעץ וואו אונטער א פארקאן. אלע ווייסן די געשיכטע וואס איך האב געשריבן, נאר איך האב געוואלט באטאנען אז בלוט פארשווייגט ניט. דאס איז דאס געזעץ פון דער נאטור. אזוי האט אמאל געזאגט א אידישער חכם.

מיר וועלן זיך אומקערן צו דעם לענינגראדער אידן מיט וועלכן איך האב זיך באקאנט און ער האט מיר פארגעלייגט צו ברענגען יעדע פארטאג 20 קילא האניג-לעקעכלעך און 20 קילא אמעריקענער צוקער אין פירקאנטיגע קוביקעס. ווען ער האט מיר געזאגט זיין פרייז, זאג איך אים, "[איך זאל דיר] ברענגן? וועל איך מאכן מיין קאלקולאציע, און אויב עס וועט מיר ליינען, וועסטו ווייטער מיר ברענגען".

די ערשטע פארטיע סחורה האב איך אויסגעקלאקולירט דריי רובל א לעקעכל (דער לעקעכל איז געווען גרויס ווי אן אמאליקער רוסישער זילבערנער רובל, נאר א ביסעלע גרעבער) און איין רובל א קוביק צוקער, און איך בין ארויס מיט דער סחורה אויפן מארק.

אגב, זיינען די פרעסט דערגאנגען ביז 60 גראד אונטער נול צעלסיוס. אז איך פלעג אפציילן 50 קוביקעס צוקער, פלעגן די פינגער בא מיר ווערן ווי הילצערנע, נאר וואס טוט מען ניט צוליב פרנסה. נאר איך האב דאס פארקויפט זייער שנעל. מען האט דאס בא מיר צעכאפט. מען איז געשטאנען אין אטשערעד [=ריי], און איך האב בא דעם פארדינט דאפלט. דאס האט באוויזן ווי ווייט די ארטיקע קריסטלעכע באפעלקערונג איז געווען זשעדנע אין א זיסן געבעקס, איבערהויבט פאר די קינדער. האב איך אנגעזאגט מיין צושטעלער אז ער זאל ברענגען אפטער און וואס מער. עס פלעגט אויך טרעפן אז א טאג צוויי ווי ער פלעגט ניט ברענגען קיין סחורה, פלעג איך צוליב די שטארקע פרעסט זיצן אין דער היים. האט מען מיר נאכער דערציילט אז די קריסטן פלעגן קומען אויפן מארק (זיי שרעקן זיך ניט אפ פאר די פרעסט) און מיר ניט טרעפן, פלעגן זיי זיך נאכפרעגן צי מען האט ניט געזען דעם קאנדיטאר מיט די לעקעכלעך.

איך האב באשריבן דעם פאל פון פארקויפן די צוקער מיט די לעקעכלעך ניט צו דערמאנען וואס פאר א סחורה איך האב געהאט צו פארקויפן, ווייל ווען איך זאל באשרייבן פון די אלערליי סחורות וואס איך האב געהאט צו פארקויפן, וואלט איך געקענט אנשרייבן א גראבן בוך, נאר איך האב וועגן די צוויי ארטיקלען באשריבן צוליב דעם קוריאז וואס איך בין אויף סיביר געווארן אויך א קאנדיטאר. נאר די לעקעכלעך מיט די צוקער האט ניט אנגעהאלטן לאנג, און איך בין געווארן אויס קאנדיטאר.

געפינענדיג זיך בערך דריי און א האלב יאר צייט אויף סיביר איז פאר די לידער אריבער רואיק, ד.ה. רואיק אין דעם זין וואס מען האט געהאנדלט אויפן קאלכאזנעם מארק און מען האט גוט פארדינט אָן שום געשעעניש. ווען מען האט געהערט אז די לעצטע צייט האבן די פאראייניקטע ארמייען געהאט גרויסע זיגן און די היטלער באנדעס זיינען געלאפן אויף צוריק, האט זיך פארשטארקט די האפנונג בא די לידער און בכלל בא

די פוילישע בירגער צו פארן צוריק קיין פוילן. און מען האט געהאפט אז די איבעריקע צייט וואס וועט נאך אויסקומען צו זיין אויף סיביר ביזן צוריקפארן וועט אויך אריבער בשלום, אבער דאס איז ניט מקוים געווארן.

צוליב דעם וואס דער יצר הרע בא מענשן איז גרויס וואס מערער געלט צו פארדינען און דערצו נאך אז מען איז ניט פארזיכטיג, איז סוף גנב לתליה, און איבערהויבט איז די ממרא גילטיג בא די באלשעוויקעס. איז מעשה שהיה כך היה: ווי איך האב שוין אויבן דערמאנט, איז צווישן די לידער ארויסגעפירטע געווען די יונגע פרוי סארטארי, מיט צוויי קינדער, א אינגל און א מיידעלע. איך דערמאן דא אויך אירע צוויי קינדער, ווייל שפעטער וועט דאס האבן א שייכות צו דים שרייבער פון די שורות, יעקב אילוטאוויטש. איז די פרוי סארטארי געווען א גרויסע שפעקולאנטקע. זי האט געהאט צו זיך שותפים גאליציאנער אידן און אויך ווארשעווער יונגע מענשן, נאר זי איז געווען די אנפירערן און האט געוויס געהאט א גרעסערן חלק אין די פארדינסטן. די גאליציאנער זיינען געווען קליגער פאר איר; זיי האבן איר ניט געזשאלעוועט א גרעסערן פארדינסט, נאר בא א דורכפאל. וועט זי דורכפאלן, וועלן זיי, די שותפים אירע, זיך אפטרייסלען פון איר. און אזוי איז טאקע געשען.

דער האנדל פון דער סארטארי מיט אירע שותפים איז געווען איבערהויבט מיט גאלד, און טיילווייז איז דאס אפילו געווען לעגאל. די לעגאלקייט איז באשטאנען אין דעם וואס אין דער שטאט אבאקאן איז געווען א מלוכהשע קראם,וועלכע האט געקויפט גאלד אין אלערליי פארמען, ווי צ.ב. גאלדענע מטבעות, אלערליי צירונג (פינגערלעך, זייגערס גאלדענע), געוויינלעך נאר די גאלדענע טיילן. מיט אייןווארט—גאלד. און מען האט ניט געפרעגט פון וואנען מען האט דאס גאלד. די ענקאווועדע האט ניט געהאט קיין צוטריט צו דער קראם. פאר די גאלד האט מען ניט געצאלט מיט פאפיר געלט, נאר מיט פראדוקטן אין גאלד פרייז, צ.ב. א קילא צוקער האט געקאסט 27 קאפעקעס, א קילא אמעריקענער ווייסע ווייצן מעל25—קאפעקעס, און אזוי אלע פראדוקטן, מערסטנס אין קאפעקעס פרייזן. נאר מען האט ניט געגעבן וואס דער פארקויפער פון גאלד האט געבעטן נאר וואס דער מנהל פון קראם האט געגעבן פון אלערליי ארטיקלען צו ביסלעך. נאר אזוי ווי די אלע ארטיקלען פלעגט מען פארקויפן אויפן קאלכאזנעם מארק צו הויכע פרייזן, איז אבער ניט אלע ארטיקלען האט געלוינט צו נעמען, האט זי געהאט א אפמאך מיטן פארוואלטער פון קראם וועלכער האט באקומען פון איר פראצענטער, און ער פלעגט איר געבן די ארטיקלען וועלכע זי האט געבעטן.

נאר אזוי ווי די סארטארי מיט אירע שותפים האבן ניט געהאט קיין סאך אייגענע גאלד, אדער זיי האבן די אייגענע גאלד ניט געוואלט אריינגעבן אין שותפיות, איז צו דעם אויך געווען א עצה. די עצה איז באשטאנען אין דעם וואס אין קראסנאיארסק איז געווען (און געוויס איז נאך יעצט אויך פאראן) א מלוכהשע קראם פון גאלדענע צירונג אין וועלכע מען פארקויפט אלעמען די צירונג פאר סאוויעטישע געלט. פלעגן די שותפים פון דער סארטארי פארן קיין קראסנאיארסק און איינקויפן די גאלדענע צירונג, און די סארטארי פלעגט די גאלדענע צירונג פארקויפן אין אבאקאנער שטאטיש גאלד קראם פאר פראדוקטן וועלכע עס האט איר געלוינט צו נעמען.

און אזוי איז דער מסחר מיט די גאלד אנגעגאנגען די גאנצע כמעט דריי און א האלב יאר און פילייכט פיר יאר צייט—גענוי געדענק איך ניט. און אזוי ווי אין פסוק איז געשריבן "לא לעולם חוסן" און "סוף גנב לתליה", דארף זיך מאכן אז מען האט געביטן דעם פארוואלטער פון די גאלד קראם אויף א צווייטן. און ניט ווארטענדיג אויף נאכצופארשן ווער און וואס דער נייער פארוואלטער איז, ווייל אין סאוויעט רוסלאנד קען יעדער אנגעשטעלטער אין א מלוכהשן אנשטאלט אויך זיין א קאנפידענט בא די ענקאווועדע, און האט מיטן נייעם פארוואלטער אויך געמאכט דעם זעלבן אפמאך. האט זיך דערנאך ארויסגעוויזן אז דער נייער פארוואלטער פון גאלד קראם איז טאקע אויך געווען א קאנפידענט בא די ענקאווועדע, און ער האט וועגן דעם אפמאך איבערגעגעבן אין ענקאווועדע. און די ענקאווועדע האט איר אפגעווארט בעת זי איז ארויס פון גאלד קראם מיט איר יונגן שותף וועלכער האט איר געהאלפן טראגן די סחורה. און מען האט זיי ביידן ארעסטירט מיט די סחורה, און גלייכצייטיג האט די ענקאווועדע געמאכט א אונטערזוכונג בא די סארטארי אין וואוינונג און מען האט בא איר אונטערן בעט אין אלטע שיך געפונען גאלד אויף א קאלאסאלע סומע, וועלכע מען האט קאנפיסקירט. נאך דער אויספארשונג וועלכע האט געדויערט עטלעכע טעג אין ענקאווועדע, האט מען די סארטארי מיט איר יונגן שותף איבערגעפירט אין טורמע. און די מעשה ספעקולאציע מיט די קאנפיסקירטע

גאלד האט די ענקאוועדע איבערגעשיקט אין סוד (משפט). מען האט אויסגעזוכט אירע שותפים, נאר זיי האבן זיך אלע אויסבאהאלטן, און מיר—דעם שרייבער פון די שורות—האט זי איינגעגעבן אלס עדות פארן סוד. וואס קען זיין א בעסערער עדות ווי אילוטאוויטש יעקב, א געוועזענער סוחר אין לידא, גבאי אין גרויסע שול, א ציוניסט, א תרבות טוער, מיטגליד פון דער אידישער קהילה אין לידא און א געזעלשאפטלעכער טוער אין לידא? איז פארשטענדלעך געווען מן הסתם, פאר איר, אז ער—יעקב אילוטאוויטש—וועט זאגן עדות אז די סארטארי איז "ג-ט די נשמה שולדיג", וועט מען איר זאפארט באפרייען.

אין איינעם א שיינעם זומער טאג אז איך בין געקומען אהיים פון מארק, האט מיר מיין פרוי עה"ש געזאגט אז עס איז געווען א יונגער קריסט וואס האט זיך פארגעשטעלט אלס דער פארשער פון ענקאוועדע. ער האט געזאגט אז דו זאלסט קומען צו אים אין ענקאוועדע היינט און אז דו קענסט אפילו קומען צו אים אין ענקאוועדע ביז 12 בא נאכט. האב איך ניט אפגעלייגט און בין גלייך אוועקגעגאנגען צו אים אין ענקאוועדע. און אריינקומענדיג צו אים אין צימער, זאג איך אים אז איך בין אילוטאוויטש וועלכן דו האסט געבעטן קומען. האט ער אויסגעשטרעקט א פינגער צו מיר און האט אויסגערופן, "אלטער שפעקולאנט! דו פארקויפסט אויפן מארק בלאקנאטיקעס [=בריוופאפיר] און בלייפעדערס". ער האט מיט דעם אויסרוף, ווי עס ווייזט, געוואלט מאכן א שרעקנדיקן איינדרוק, נאר איך האב אים געענטפערט רואיק און געלאסן אז איך האנדל ניט מיט אזעלכע זאכן און זאג אים, "דו האסט מיר פארביטן אויף א אלטן פאליאק וועלכער פארקויפט טאקע אויפן מארק בלאקנטאיקעס און בלייפעדערס, נאר ניט איך".

"וואסזשע דען פארקויפסטו אויפן מארק?"

"איך פארקויף מיינע זאכן וואס איך האב געבראכט מיט זיך פון פוילן, ווייל איך מיט מיין פרוי דארפן עסן".

"האסטו דען אזויפיל זאכן געבראכט וואס דו האסט די גאנצע צייט צו פארקויפן?"

זאג איך, "יע, בשעת אונזער עוואקואציע, האט מען אונז ערלויבט צו נעמען אלע אונזערע זאכן. אויך ווייסטו געוויס אז אמעריקע שיקט קליידער און פראדוקטן און אויך מעדיקאמענטן פאר די פאליאקן, באקום איך אויך מיט מיין פרוי".

צי מיינע ענטפערס אויף זיינע פראגן האבן אים באפרידיגט אדער ניט האב איך ניט געוואוסט, נאר וועגן מיר פערזענלעך האט ער שוין מער ניט געפרעגט.

"און וואס ווייסטו וועגן דער סארטארי?"

"פרעג, וועל איך דיר ענטפערן".

"דו האסט געזען בא דער סארטארי גאלד?"

"אין פוילן איז ניט געווען קיין פראבלעם פון גאלדענע צירונג ווייל יעדע מיידל וואס האט חתונה געהאט האט באקומען מתנות פון פריינד און קרובים גאלדענע צירונג. און זי איז דאך א יונגע פרוי, האט זי געוויס געהאט גאלדענע מתנות נאך פון איר האכצייט [=חתונה]".

"און גאלדענע פינף רובלדיקע האסטו געזען בא איר?"

"מעגלעך אז זי האט געהאט, נאר איך האב ניט געזען."

"דו פלעגסט גיין צו איר אהיים צו קויפן בא איר סחורה?"

"קיין סחורה האב איך בא איר קיינמאל ניט געקויפט, ווייל איך פארקויף נאר מיינע אייגענע זאכן. צוויי אדער דריי מאל אין יאר אין חגא טעג, פלעגט זי אונז איינלאדן אויף א גלעזל טיי. פלעג איך מיט מיין פרוי זיין בא איר צו גאסט, אבער ניט מער. אגב, וואוינען מיר זייער ווייט איינער פון צווייטן, און איך מיט מיין פרוי אלס עלטערע מענשן איז שווער געווען צו גיין צו איר." און דאס איז טאקע געווען די ריכטיקייט.

מער קיין פראגן האט ער מיר ניט געשטעלט און האט מיר געהייסן אונטערשרייבן דעם פראטאקאל. האב איך זיך ניט געשעמט און האב געבעטן ערלויבעניש איבערצולייענען דעם פראטאקאל. האט ער ערלויבט. האב איך איינגעפונען אז עס איז גענוי די פראגן מיט די ענטפערס, האב איך אונטערגעשריבן.

נאך דעם אלעם, זאגט ער צו מיר, "דו זעסט", און ווייזט אויפן צימער, "פיר ווענט." (יא, אמת 4 שטארקע געמויערטע ווענט—טראכט איך בא זיך און עס טרעפט אז מען פאלט אריין צווישן די שטארקע ווענט און מען פארשפילט אויך דאס לעבן). "קיינער הערט אונז ניט וואס מיר ריידן. אז דו וועסט הערן אויפן מארק וואס מענשן ריידן, וועסטו קומען מיר דערציילן". (טראכט איך מיר, דו ווילסט שוין גאר מיר מאכן פאר דיין קאנפידענט?).

זאג איך צו אים, "דו זעסט דאך אז אי בין א אלטער מאן און דאס געהער איז בא מיר זייער שוואך, זא דאס איך קען דיר זייער ווייניק נוצן ברענגען. אויף דעם דארפסטו האבן א יונגן מענשן, און אזא וועסטו געפינען צווישן די פאליאקן". איך ווארט אז ער זאל מיר הייסן גיין אהיים. ער איז אבער צוגעגאנגען צום טיר, האט איר בדייט געעפנט, און האט מיר געהייסן זיך זעצן אויפן בענקל וואס איז געשטאנען ביי דער אפענער טיר און אליין איז ער ארויסגעגאנגען פון צימער. און אז מען הייסט זיצן אין ענקאוועדע, זיצט מען. מען האט ניט קיין ברירה. איך האב נאר געטראכט: צוליב וועלכן צוועק האט ער מיר געהייסן זיצן בא דער אפענער טיר, נאר איך האב זיך צו גארניט דערטראכט. מיין זיצן האט געדויערט בערך 10 ביז 15 מינוט. נאך דעם איז ער געקומען און זאגט צו מיר אז איך קען גיין. פון גרויס שמחה, האב איך פארגעסן אז דער ארייננגאנג אין ענקאוועדע איז פריי, אבער דער ארויסגיין איז לא מיט א אלף. איך גיי צוריק און זאג צו אים מיט א ברוגז טאן, "דו הייסט מיר גיין און קיין פראפוסק [=פאסיר-צעטל] האסטו מיר ניט געגעבן". האט ער געזאגט מיט א גוט מוטיג שמייכל, "גוט, גיי און איך וועל טעלפאנירן אז מען זאל דיר ארויסלאזן". און אז איך בין שוין געווען אויף דער פריי, האב איך אפגעצויגן דעם אטעם. גייענדיג אהיים האב איך אנגעשטרענגט מיין פארשטאנד צו פארשטיין וואס איז דא מיט מיר פארגעקומען.

אייגנטלעך, אלס עדות האט מען מיר דאך געדארפט רופן אין סוד בעת עס וועט פארקומען דער משפט, אבער ניט אין ענקאוועדע. און אזוי טראכטנדיג וועגן דעם וואס עס איז יעצט פארגעקומען איז ניט אנדערש אז די ענקאוועדע האט געוואלט מיר אריינציען אלס שותף צו דער סארטארי און איר גאלד ספעקולאציע. די ענקאוועדע האט געוויס געוואלט דרינגען פון דעם פאקט וואס זי האט מיר אנגעגעבן אלס עדות בין איך געוויס איר שותף. און מיין השערה האט זיך דערנאך ארויסגעוויזן אלס א ריכטיקע ווייל אין אייניגע טעג ארום נאך מיין וויזיט אין ענקאוועדע, זייענדיג אויפן מארק, איז צוגעגאנגען צו מיר די אידישע פרוי, א עוואקואירטע פון ריגא בא וועלכע די סארטארי האט געוואוינט אין א צימער, און זאגט צו מיר, "איר ווילט וויסן פאר וואס איר זייט געזעסן בא דער אפענער טיר אין צימער פון ענקאוועדע? וועל איך אייך זאגן. בעת מען האט אייך גערופן אין ענקאוועדע, האט מען מיר אויך גערופן, און בעת איר זייט געזעסן בא דער אפענער טיר, איז אין קארידאר געווען פינסטער און מען האט מיר געהייסן גיין דורכן קארידאר אז איך זאל אייך זען און דערנאך זאגן צי זי האט מיר געזען אפט קומענדיג צו דער סארטארי און וואס האב איך בא איר געטאן. פארשטענדלעך, אז איך האב געזאגט אז איך האב אייך ניט געזען קומען צו דער סארטארי". אין דער ווירקלעכקייט בין איך טאקע זייער זעלטן געווען בא די סארטארי.

אגב, אין מיינע ענטפערס אויף דעם פארשערס פראגן האב איך ניט באנוצט קיין גאנצן ליגן צו זאגן, למשל, אז איך קען איר ניט און ווייס איר ניט, ווייל דאס וואלט דאך פאר דער ענקאוועדע געוויס אנגענומען געווארן פאר א ליגן, ווייל מיר זיינען דאך געווען פון איין שטאט אויך ווייל זי האט דאך מיר אנגעגעבן אלס עדות. דאס באווייזט דאך אז איך קען איר און זי קען מיר. אין אלגעמיין האב איך געענטפערט דעם פארשער

אויף זיינע פראגן מיט האלב אמת און האלב ליגן, ווי דער לעזער האט געזען פון מיינע ענטפערס אויף דעם פארשערס פראגן. דער האלבער אמת און דער האלבער ליגן איז געווען לאגיש פאר דעם פארשער. אגב, איך האב זיך ניט דענערווירט און זיך ניט געפלאנטערט אין די ענטפערס, נאר געענטפערט רואיק און פעסט, און דאס האט געווירקט צו מיין גינסטן. און צוזאמען מיט דעם וואס די ריגער פרוי האט געזאגט אז זי האט מיר ניט געזען בא דער סארטארי, האט מיר אין גאנצן באפרייט פון חשד אז איך בין די סארטאריס א שותף. און דעריבער האט מיר דער פארשער פון ענקאוועדע באפרייט און געהייסן גיין. און ווען חו"ח די ריגער פרוי װאלט פארפלאנטערט זיך אין איר ענטפער אדער געזאגט מיט א האלבן מויל, ווייס איך ניט צי מען װאלט מיר געהייסן גיין אהיים. אלענפאלס, װאלט מען מיר שוין פארהאלטן צי א ווייטערדיגער אויספארשונג, און ווער ווייס צי מען װאלט מיר אויך געגעבן פינף יאר טורמע. דאס איז דאן געווען דער פרייז פאר ספעקולאציע און גנבה. איך וועל די ריגער פרוי דאנקבאר זיין מיין גאנצן לעבן.

צו סארטאריס משפט (סוד) האט מען מיר ניט גערופן אלס עדות. ווי עס ווייזט אויס האט די ענקאוועדע צוגעשטעלט אין סוד דעם פראטאקאל פון מיין אויספארשונג. דער רעזולטאט פון סוד איז געווען פאר דער סארטארי מיט איר יונגן שותף פינף יאר טורמע און קאנפיסקאציע פון דעם גאלד. נאר אזוי ווי עס איז דאן געווען א אמנעסטיע, האבן זיי געדארפט אפזיצן נאר צוויי מיט א האלב יאר טורמע. לויט ווי איך האב נאכער געהערט, זיינען זיי נאכן באפרייען פארלאזן סיביר און האבן זיך באזעצט אין ווילנע און נאכער אין נאוואגרדעק, וועלכע איז נאענט פון לידא.

כמעט אין דער זעלבער צייט איז פארגעקומען נאך א פראצעס מיט א לידער, נאר ניט פאר ספעקולאציע נאר פאר א פארברעך וואס האט שוין געטראגן א פאליטישן כאראקטער. פאליטיש איז א סך ערגער און שטרענגער ווי ספעקולאציע, און דאס איז געשען מיט איינעם פון דער פאמיליע זאגער.

ווי איך האב שוין אויבן דערמאנט, האט זיך געפונען צוזאמען מיט אלע לידער אין דער זעלבע שטאט אבאקאן די פרוי פון נחום זאגער מיט צוויי זין און א טאכטער. דער עלטערער זון דאסיע האט געארבעט אין א קאאפעראטיוו, און דער יונגער זון יעקב האט געארבעט אין א שעכטהויז און האבן זיך דורכגעלעבט. האט זיך דאניען געוואלט ווערן א שאפער. פארוואס עפעס א שאפער? ווייל זייענדיג א שאפער פארט מען ארום איבער שטעטלעך און קאלכאזן, קען מען דאן א ספעקוליר טאן און מען פארדינט געלט. אויף אויסצולערנען זיך צו זיין א שאפער, איז פאראן א מלוכהשע שקאלע. האט דאניע געווארפן די ארבעט אין קאאפעראטיוו און איז אנגעקומען אין שאפער שקאלע. צייט איינציגע מאנאטן האט ער געענדיגט די שאפעריי און געפאדערט פון דירעקטאר פון דער שקאלע ער זאל אים געבן א פאסטן צו זיין א שאפער. נאר צו זיין אומגליק איז דער דירעקטאר געווען א גרויסער אנטיסעמיט און דאניע איז דאך געווען א איד, און א אידן איז דאך א מצוה צו מאטערן. איז אנשטאט צו געבן אים ארבעט אלס א שאפער, האט דער דירעקטאר אים געשטעלט ארבעטן אין קוזניע [=שמידעריי] צו קלאפן די אנגעגליטע אייזן מיט א גרויסן שווערן האמער. נאך צוויי וואכן קלאפן מיטן שווערן האמער האט דער דירעקטאר פארלענגערט אויף נאך צוויי וואכן און א דריטן מאל אויף צוויי וואכן. נאך די 6 וואכן ארבעט אין קוזניע האט דאניע געפאדערט ער זאל אים שוין געבן צו זיין א שאפער, האט ער אים געהייסן ארבעטן נאך צוויי וואכן. האט דאניע פארלארן דאס געדולט און איז אוועק צום פראקוראר [=קטיגור] און זיך באקלאגט פאר אים אז דער דירעקטאר פון שאפער שקאלע גיט אים ניט קיין ארבעט אלס שאפער. האט דער פראקוראר אים דאניען געגעבן א בריוו צום דירעקטאר מיט א פראגע פארוואס ער גיט אים ניט די ארבעט אלס שאפער. אז דער דירעקטאר האט איבערגעלייענט דעם פראקורארס בריוו, האט זיך בא דעם דירעקטאר צעקאכט זיין אנטיסעמיטישע בלוט און רציחה און זאגט צו דאניען, "די ביסט געגאנגען זיך באקלאגן צום פראקוראר? איך וועל דיר ווייזן אז וועסט מיר געדענקען".

ווען דאניע קומט צו מיר איידער ער איז געגאנגען צום פראקוראר, װאלט איך אים אפגעהאלטן פון דעם שריט און געווארנט אז מיט דעם שריט קען ער אויף זיך ארויפציען א גרויס אומגליק. איך װאלט אים געראטן ער זאל אים בעטן מיט תחנונים צו זיין א שאפער און צוזאגן דעם דירעקטאר אז ער וועט פאר אים אויך טאן וואס ער וועט באדארפן. איך װאלט דאניען געווארנט אז ער זאל ניט פארגעסן אז ער געפינט זיך אין דעם באלשעוויסקטישעם לאנד וואו עס איז "לית דין ולית דיין". איז ער דאך אבער צו מיר ניט געקומען זיך מיט

מיר א עצה האלטן אלס מיט א עלטערן מענשטן וועלכער האט מער פראקטיק אין לעבן. און דער דירעקטאר האט אים טאקע באוויזן וואס ער קען און וואס ער איז. ער האט געהייסן דריי שקצים פון שאפער שולע אז זיי זאלן גיין אין ענקאוועדע און זאגן אז דאניע זאגער האט געזאגט פאר זיי אז די ארבעטער אין פוילן לעבט זיך בעסער ווי אין סאוויעט רוסלאנד, אז דער סאוויעטישער ראדיא זאגט ליגן, און נאך עפעס א ליגן וועלכן איך געדענק שוין ניט. נאכדעם ווי זיי האבן דאס געזאגט אין ענקאוועדע איז מען געקומען פון ענקאוועדע צו די זאגערס אין מיטן נאכט און געמאכט א גרינטלעכע אונטערזוכונג. זעלבסטפארשטענדלעך אז מען האט גארניט געפונען און מען האט דאניען צוגענומען אין ענקאוועדע. מען האט אים דארט געשלאגן מכות רצח און מען האט ניט צוגעלאזן פאר אים עסן. מען האט געפאדערט פון אים ער זאל זיך מודה זיין. ער האט אלץ איבערגעטראגן און האט ניט מודה געווען אין די ליגנס. נאך צוויי וואכן וואס מען האט אים געמאטערט אין ענקאוועדע, האט מען אים איבערגעפירט אין טורמע און פארפירט א פראצעס קעגן אים און מען האט מיר געשטעלט פאר א עדות.

ווען ער קומט פריער צו מיר, וואלט ער דאך פארשפארט מיר צו שטעלן פאר א עדות, נאר עס איז דאך שוין געווען פארפאלן. אויפן פראצעס האב איך געזאגט אז עס קען ניט זיין ריכטיג אין וואס מען באשולדיגט אים, ווייל נאך אין פוילן איז ער געווען א קאמוניסט. זיי האבן אויך געשטעלט א באריגמטן אדוואקאט, א עוואקואירטער פון לענינגראד, און נאך דעם אלעם האט מען אים פארמשפט צו 8 יאר. דער אדוואקאט האט אנגעגעבן א אפעלאציע אין מאסקווע, איז אנגעקומען פון מאסקווע מען זאל נאך אמאל איבערמשפטן און בא דעם צווייטן פראצעס האט דער אדוואקאט געפרעגט בא די שקצים צי זיי האבן אליין געהערט ווי דאניע האט דאס געזאגט. וואס זיי האבן איבערגעגעבן אין ענקאוועדע, האבן זיי געזאגט: אז זיי אליין האבן דאס ניט געהערט, נאר זיי האבן געהערט פון אנדערע וואס האבן דאס דערציילט. איז דער אדוואקאט געווען זיכער אז מען וועט אים באפרייען. נאר אנשטאט צו באפרייען זאגערן, האט דער סוד אפגעלייגט דעם פראצעס אויף 2 וואכן צייט. געוויס איז דאס געווען אויפן פארלאנג פון דער ענקאוועדע ווייל דאס וועט דאך זיין קעגן זייער פרעסטיזש אז די ענקאוועדע האט ניט ריכטיג פארפירט דעם פראצעס.

נאך די צוויי וואכן צייט האט מען אויף דאס ניי באנייט דעם פראצעס, און די דריי שקצים האבן שוין געזאגט אז זיי אליין האבן געהערט ווי דאניע האט געזאגט וואס ער האט געזאגט אויף די סאוויעטן. מעגלעך אז די ענקאוועדע אום צו ראטעווען זייער פרעסטיזש האבן אריינגענומען די דריי שקצים און זיי געזאגט, "איר פויערישע קעפ, פאר פאלש עדות זאגן קומט אייך צען יאר תפיסה". האבן זיי שוין דערנאך געזאגט אז זיי האבן אליין געהערט וואס דאניע האט געזאגט. אין א פריי לאנד וואלט דאס ניט פארגעקומען, נאר אין סאוויעט רוסלאנד איז אלעס מעגלעך.

נאר פון דען, נאך דער עדות-זאגן פון די שקצים אז זיי האבן אליין געהערט, האט דער סוד פארקלענערט די שטראף פון 8 יאר אויף 6 יאר. איך בין זיכער אז די ריכטער האבן פארשטאנען אז די עדות האבן פאלש עדות געזאגט, נאר דאס האבן די ריכטער צוליב געטאן די ענקאוועדע.

נאר דער חסרון איז וואס אין סאוויעט רוסלאנד וואס פאר פאליטישע זינד האלט מען ניט אין געוויינלעכע געפאנגענישן. אין געפאנגעניש קען מען אויסהאלטן, ווייל דער רעזשים אין געפאנגעניש איז ניט קיין שווערער, און פאליטישע פארשיקט מען אין ארבעטס לאגערן, און פון די ארבעטס-לאגערן איז זעלטן ווער עס קומט צוריק א לעבעדיקער. די פאמיליע האט אפילו ניט געוואוסט וואוהין מען האט אים פארשיקט, און מען האט קיין מאל זיך ניט דערוואוסט וואו ער געפינט זיך.

אז מען האט שוין געהאלטן בא צוריקפארן קיין פוילן איז די פאמיליע זאגער געקומען צו מיר אז איך זאל זיי ראטן וואס צו טאן: צי זיי זאלן פארבלייבן און זוכן אים אדער פאָרן אָן אים. האב איך זיי געראטן ניט צו פארבלייבן, ווייל איר וועט קיין מאל זיך ניט דערוויסן וואו ער געפינט זיך, זא דאס איז א שאדן אייער געלט און געזונד. און זיי זיינען צוריק געפארן קיין פוילן צוגלייך מיט אלע פוילישע בירגער.

אין פוילן האט די פאמיליע זאגער זיך ניט לאנג פארהאלטן און זיינען אריבערגעפארן דורך טשעכן קיין דייטשלאנד און פון דייטשלאנד קיין אמעריקע אלס "ד.פ." דאס הייסט אלע פליטים וואס האבן זיך געפונען פון נאך דער קריג. האט אמעריקע אלעמען צוגענומען. נאך מיין פרויס טויט, בין איך געפארן קיין אמעריקע אויף אייניגע מאנאטן, האב איך אנגעפרעגט בא דער פאמיליע זאגער צי זיי ווייסן וואס עס איז וועגן דאניען, האבן זיי מיר געזאגט אז זיי האבן געהאט א גרוס אז דאניע איז געשטארבן אין ארבעטס לאגער. דאס איז דער רעזולטאט ווען מען איז אין סאוויעט רוסלאנד נייטיק געלט צו פארדינען און מען איז ניט גענוג פארזיכטיג. און ווען מען איבערלייגט זיך ניט גוט איידער מען גייט וואס עס איז טאן, איז פאר א בלבול פארשפילט מען דאס לעבן.

דארט אין די שטאט אויף סיביר וואו מיר זיינען געווען האב איך געטראפן א קאוונער אידן וועלכן מען האט ארויסגעשיקט פון גרענעץ פאס מיט דייטשלאנד פאר דער ערשטער וועלט מלחמה און איז פארבליבן אין די סיבירער שטאט אין וועלכע מיר זיינען געווען. האט ער מיר געזאגט אז אין סאוויעט רוסלאנד ווען אפילו מען זאל האלטן פארמאכט דאס מויל און ווען אפילו איר לעבט גוט מיט אלעמען און אייך דוכט זיך אז מיט די אלע מיט וועמען איר טרעפט זיך זיינען אייערע גוטע-פריינד, איז נאך דעם אלעם זייט איר ניט זיכער מיט דעם לעבן.

ווי איך האב שוין אויבן דערמאנט, האט די סארטארי געהאט צוויי קינדער, א אינגל און א מיידעלע. דער אינגל איז שוין דאן פאַרן פאָרן צוריק קיין פוילן אלט געווען 14 יאר און די מיידעלע 10 יאר. נאך דעם ווי מען האט די סארטארי פארמשפט, זיינען די קינדער פארבליבן אָן דער מוטער. און אזוי ווי די קריג איז שוין געווען צו ענדע און מען האט שוין געגרעדט אז די סאוויעטן גרייטן שוין צו די דאקומענטן פאר די פוילישע בירגער אום צו שיקן זיי צוריק קיין פוילן. אין א שפעטיקן אוונט איז געקומען צו מיר די סארטאריס א שותף, א ברודער פון דעם פארמשפטן, צוזאמען מיט דער סארטארי מיט א ביטע אז איך זאל ווערן דער אפעקון איבער די קינדער אום צו פירן זיי צוריק קיין פוילן. האב איך בא אים געפרעגט ווארום די שותפים אירע נעמען ניט די אפעקונסטווא איבער די קינדער? האט ער געזאגט אז אלע שותפים ענטזאגן זיך. האב איך אים געזאגט אז איך וועל זיך מיישב זיין, און אז ער זאל קומען מיט א פאר טעג שפעטער וועל איך אים געבן א תשובה.

נאך זיין אוועקגיין האט מיין פרוי עה"ש מיר אפגערעדט פון צו נעמען די פאראנטווארטלעכקייט פאר פרעמדע קינדער אויף די עלטערע יארן. אבער נאך א ישוב הדעת מיט זיך אליין, האב איך באשלאסן צו ווערן דער אפעקון איבער די קינדער און האב זיך באמיט איבערצוצייגן מיין פרוי אז מען קען ניט איבערלאזן די קינדער צווישן די גויים און וואס וועט פון זיי ווערן, גויים? זיי זיינען דאך אידישע קינדער. איך וועל נאכער האבן געוויסנסביסן אויב זיי וועלן פארבלייבן צווישן די גויים. די קינדער זיינען דאך ניט שולדיג וואס די מוטער זייערע איז געווען שטארק גייציק נאך די גרויסע געלט-פארדינסטן און איז געווען ניט גענוג פארזיכטיג און האט פארגעסן אין אירע צוויי קינדער, און עס האט קיין סך ניט געפעלט אז איך זאל צוליב איר אויך אריינפאלן אין טורמע.

מיט מיינע ארגומענטן פאר מיין פרוי עה"ש האט זי אויך איינגעשטימט צו נעמען די אפעקונסטווע איבער סארטאריס קינדער, און ווען די סארטאריס שותף איז געקומען נאך א ענטפער האב איך אים געגעבן א פאזיטיוון ענטפער אז איך נעם אן די אפעקונסטווע איבער די קינדער און אז איך וועל די אפעקונסטווע דורכפירן אפיציעל דורכן גריכט, ווייל איך וועל דארפן די קינדער ארויפנעמען אויף מיינע דאקומענטן. נאר אזוי ווי די קינדער גייען נאקעט און בארוועס, זאל ער ברענגען געלט אויף אנצוטאן זיי פיל וויניג אויפן וועג. האט ער געבראכט קוים פינף הונדערט רובל, פאר וועלכע מען האט געקענט קויפן פאר די קינדער אלטע שיך. האט ער מיר געראטן איך זאל בעטן פון גריכט פאר סארטאריס קינדער פון די קאנפיסקירטע געלד, און איך האב זיך געלאזן איינריידן צו בעטן פון גריכט געלד פאר די קינדער. א באקאנטע אידישע סאוויעטישע אדוואקאטן האט אנגעשריבן די ביטע צו גריכט, און איך האב דערלאנגט די ריכטערין, וועלכע איז געווען א כאקאסישע פרוי און אויך א גרויסע אנטיסימיטקע. נאך איר איבערלעזן די ביטע, האט זי אויף מיר געעפענט א פאר גזלנישע אויגן און אויסגעשריען בזה הלשון, "ווער בעט דיר דו זאלסט נעמען די קינדער. זיי קענען דא פארבלייבן. מיר וועלן זיי אריינגעבן אין א קינדער אנשטאלט וואו מען וועט זיי קליידן, געבן עסן און זיי וועלן

אויך לערנען." (ממש א גן-עדן.) "און דו האסט ניט וואס צו זארגן פאר זיי. די גאלד איז קאנפיסקירט, און מען האט ניט קיין רעכט צונעמען פון די גאלד". נאך דעם ווייבערישן מענה לשון האב איך זיך וואס שנעלער אפגעטראגן פון געריכט.

איך האב אין די פאליציי באוויזן די דורכגעפירטע אפעקונסטווע איבער די קינדער סארטארי מיט דעם אז מען זאל זיי אריינשרייבן אין מיינע דאקומענטן.

אין מארט מאנאט 1946, איז אנגעקומען פון קראסנאיארסק די דאקומענטן פאר די פוילישע בירגער. אפנעמענדיק אונזערע דאקומענטן פון דער פאליציי, האב איך באמערקט אז סארטאריס קינדער זיינען ניט ארייגעשריבן געווארן אין מיינע דאקומענטן, האב איך אנגעוויזן דעם די פאליציי און געבעטן צו מעלדן וועגן דעם אין קראסנאיארסק און אנפרעגן וואס זיי האבן צו טאן וועגן דעם, און אזוי ווי די צייט איז שוין געווען קורץ פארן פאָרן, האט די פאליציי אנגעפרעגט טעלעפאניש אין קראסנאיארסק. האט די פאליציי באקומען א ענטפער אז די ארטיקע פאליציי זאל די קינדער ארויפשרייבן אויף מיין פוילישן דאקומענט.

ענדע מארט 1946 איז אפגעגאנגען דער עשעלאן מיט די פוילישע בירגער צוריק קיין פוילן. צוריק פירנדיג פון סיביר, האט די סאוויעטישע באן שוין ניט געאיילט צו פארן שנעל מיט דעם זעלבן טעמפא ווי מען האט אונז געפירט קיין סיביר פון פוילן אין פארלויף פון 14 טעג. צוריק קיין פוילן האט געדויערט א מאנאט צייט, זא דאס מיר זיינען אנגעקומען קיין ווראצלאוו, פוילן—פונקט דעם ערשטן מאי 1946. (ווראצלאוו איז די געוועזענע דייטשע שטאט ברעסלאו.)

קומענדיג קיין ווראצלאוו האב איך שוין געפונען א קיבוץ און א קינדערהיים פון די אלגעמיינע ציוניסטן. האב איך די קינדער איבערגעגעבן אין קיבוץ, און זיי האבן די מיידעלע ארייגענומען אין קינדערהיים און דעם אינגל אין קיבוץ. נאך אייניגע חדשים, איז דער קיבוץ מיטן קינדערהיים אוועקגעפארן קיין ישראל. דער ועד פון קיבוץ האט מיר ארויסגעגעבן א באשטעטיקונג אויף די צוגענומענע קינדער אז זיי פארפליכטן זיך ווען די מוטער פון די קינדער (אדער איך—יעקב אילוטאוויטש—דער אפעקון פון די קינדער) וועלן קומען קיין ישראל אז זיי וועלן אנצווייזן וואו די קינדער געפינען זיך. די באשטעטיקונג געפינט זיך בא מיר, דער אפעקון פון די קינדער—יעקב אילוטאוויטש.

אז איך בין געקומען קיין ישראל אין 1949. איז גייענדיג אין גאס אין תל-אביב, האט זיך לעבן מיר אפגעשטעלט אויף א וועלאסיפעד [=ביציקל] א יונגער מענש. האב איך אין אים דערקאנט דעם אינגל סארטארי. עס איז שוין געווען אריבערגעגאנגען פון דער צייט וואס איך האב אים איבערגעגעבן אין ווראצלאוו אין קיבוץ אין 1946 דריי יאר צייט, זא דאס ער איז שוין אלט געווען 17 יאר. אויף מיין פראגע צי ער געפינט זיך אין קיבוץ, האט ער געזאגט אז ער איז פון קיבוץ ארויסגעגאנגען און אז ער געפינט זיך אין חולון און אז ער ארבעט, נאר וואס פאר א ארבעט האט ער ניט געזאגט. נאר איך בין געווען צופרידן אז איך האב אים געטראפן א געזונטן און א פריילעכן. איך האב אים געזאגט אז איך וואוין אויך אין חולון און האב אים געגעבן מיין אדרעס און געבעטן ער זאל קומען צו מיר. נאך דעם, האב איך אים געטראפן אין גאס אייניגע מאל בעת ער איז געווען אין מיליטער (צה"ל).

איין מאל טרעפנדיג אים האט ער געזאגט אז ער גייט אין א אפיצערן שולע, בין איך געווען זייער צופרידן און האב אים אויסגעדריקט מיין צופרידנהייט מיט דעם וואס ער לערנט אין אפיצערן שולע. אויף מיין פראגע וואו געפינט זיך זיין שוועסטערל, האט ער מיר געזאגט אז זי לערנט אין כפר גליקסאן אויף גננת. אויף מיין פראגע צי ער באקומט בריוו פון דער מוטער און וואו זי געפניט זיך אין רוסלאנד קומענדיג פון סיביר נאך איר באפרייאונג פון טורמע, האט ער געזאגט אז די מוטער איז געווען אין ווילנע און נאכדעם איז זי אריבערגעפארן קיין נאוואגרודעק וועלכע איז ניט ווייט פון לידא. אויף מיין פראגע צי די מוטער שרייבט אז זי וועט קומען צו אייך קיין ישראל, האט ער געענפערט, "ניין, זי שרייבט ניט וועגן דעם". און ביז היינטיגן טאג געפינט זיך די סארטארי, די מוטער פון אירע צוויי קינדער, אין רוסלאנד און קומט ניט צו די קינדער קיין ישראל. לויט מיין מיינונג אלס געוועזענע פוילישע בירגערן וואלט זי געקענט, נאך איר באפרייאונג פון טורמע,

ארויספארן קיין פוילן און פון פוילן קיין ישראל, און בפרט אז אירע קינדער געפינען זיך אין ישראל. נאר די פראגע פון איר ניט קומען קיין ישראל צו אירע קינדער איז בא מיר פארבליבן ניט פארענטפערט.

פון דער 10-יאריקער מיידעלע איז אויסגעוואקסן א בליענדע שיינע פריילין. זי איז געווען בא מיר צו גאסט פאר איר פארענדיגן אלס גננת אין כפר גליקסאן. מיט דעם גננת פאך האט זי זיך ניט באנוגנט און האט נאכער געלערנט אויף קראנקן-שוועסטער און האט חתונה געהאט און האט שוין, דוכט מיר, צוויי קינדער. פון דעם מאל וואס זי איז בא מיר געווען האב איך איר ניט געזען, און אלעס וואס איך האב געשריבן וועגן איר האב איך געהערט פון די לידער לאנדסלייט. אויף איר האכצייט [=חתונה] האט זי מיר ניט איינגעלאדן, נאר איך בין צופרידן אז איך הער פון איר גוטע גריסן.

דעם יונגן סארטארי האב איך אפטער געטראפן אין גאס. ער האט אויך חתונה געהאט און האט מיר אויך ניט געבעטן אויף זיין האכצייט, בין איך אויך צופרידן. מן הסתם לעבט זיך זיי גוט, אז זיי האבן פארגעסן אן זייער אפעקון וועלכער האט זיי געפירט פון סיביר קיין פוילן און האט זיך וועגן זיי געזארגט.

דאס איז די געשיכטע פון מיין אפעקונסטווע איבער די קינדער פון דער ספעקולאצטקע סארטארי צוליב וועלכע איך האב געקענט אריינגעצויגן ווערן אלס איר שותף און אויך באקומען די זעלבע שטראף וואס זי, די סארטארי, האט באקומען, נאר דער גורל האט מיר אויסגעהיט.

*

ווי אויבן איז געזאגט, אין דער עשעלאן מיט די צוריקגעפירטע פוילישע בירגער פון סיביר זיינען אויך געווען אידן פון לידא און אומגעגנט. האבן זיך געפונען: דער שרייבער פון די שורות, יעקב אילוטאוויטש, און זיין פרוי ליזה; די פרוי פאניע אילוטאוויטש מיט אירע צוויי טעכטער רחל און אסתר' די פרוי פעסיע קאפלעוויטש מיט איר מאן און זון און נאך איניגע פאמיליעס אידישע. נאר ניט קיין לידער זיינען אנגעקומען קיין ווראצלאוו (די געוועזענע דייטשע שטאט ברעסלאו וועלכע איז אריבער נאך דער צווייטער קריג צו פוילן) [אחוץ פון די צוויי אילוטאוויטש פאמיליעס וועלכע זיינען] אנגעקומען דעם ערשטן מאי 1946.

קיין וואוינונגען האט מען פאר די אנגעקומענע פוילישע בירגער פון סיביר ניט געדארפט אנגרייטן, ווייל די דייטשע בירגער פון ווראצלאוו האט די פוילישע רעגירונג ארויסגעשיקט קיין דייטשלאנד, אדער די דייטשע פאמיליעס האבן גוטווילליק אליין ארויסגעפארן קיין דייטשלאנד (מערב). [אזוי ארום] האבן זיך באפרייט פיל וואוינונגן וואס האבן פארנומען די אנגעקומענע פוילישע בירגער פון רוסלאנד. האבן מיר, די צוויי פאמיליעס אילוטאוויטש פון לידא, פארנומען א דריי צימערדיגע וואוינונג.

די פאמיליע פאניע אילוטאוויטש מיט די צוויי טעכטער זיינען נאך א קורצע צייט אריבערגעפארן קיין מערב-דייטשלאנד, פון וואנען זיי זיינען נאך א קורצער צייט אפגעפארן קיין אמעריקע אלס "די. פי", ד.ה. אלס עמיגראנטן געליטענע פון דער מלחמה וועלכע די אמריקאנער רעגירונג האט זיי לייכט געגעבן איינרייזע ערלויבעניש קיין אמעריקע.

דער שרייבער פון די שורות, אילוטאוויטש יעקב, האט באשלאסן צו פארן נאר קיין ארץ-ישראל. האט ער באשלאסן אויף דערווייל צו פארבלייבן אין ווראצלאוו. אגב האט ער דאן געדארפט, ווי ער האט אויבן באשריבן, איינארדענען די צוויי קינדער וועלכע ער האט געבראכט פון סיביר אלס אפעקון אום זיי אריבערצושיקן קיין ישראל. ווי געזאגט האב איך די צוויי קינדער איינגעארדנט אין א קיבוץ וועלכער האט געדארפט אין גיכן אפפארן קיין ישראל. בין איך נאכדעם ארויסגעגאנגען אין גאס צו זען פילייכט וועל איך טרעפן באקאנטע פון מיין שטאט לידא און אויך צו זען פילייכט איז שוין פאראן א ציוניסטישע ארגאניזאציע. האב איך זיך צופעליג באקאנט מיט א יונגן מענטש מיטן נאמען הירשפעלד. האט ער מיר אינפארמירט אז עס איז שוין פאראן א ציוניסטישע ארגאניזאציע אין וועלכע עס געפינען זיך א פאר צענדליג מיטגלידער בלויז פון גאליציאנער דאקטורים, צווישן וועלכע עס איז געווען אויך א מעדיצין דאקטאר. די איבעריגע זיינען געווען דאקטורים פון אלערליי פראפעסיעס, אפילו א שוסטער וועלכער האט זיך טיטולירט "דאקטאר". עס איז שוין

אויך געווען א מועדון לויט זיין אינפארמאציע, נאר קיין ציוניסטישע ארבעט איז ניט געווען און אפילו דער מועדון איז געווען שוואך באזוכט.

האבן מיר באשלאסן ד.ה. דער שרייבער פון די שורות—אילוטאוויטש יעקב—און דער יונגער הירשפעלד. אגב דער יונגער הירשפעלד האט געהאט א פאטער וועלכער האט זיך אויך טיטולירט ד"ר הירשפעלד. מן הסתם ד"ר פילאסאף. בקיצור, מיר האבן באשלאסן צו רעארגאניזירן די אלגעמיין ציוניסטישע ארגאניזאציע דורך א אלגעמיינער פארזאמלונג אום אויסצוקלייבן א ועד און אנהויבן פירן א ענערגישע ציוניסטישע ארבעט. הן אין אגיטאציע והן פאר די קרנות ווי קרן קיימת און קרן היסוד. גערעדט און געטאן. מיר, אילוטאוויטש, און הירשפעלד האבן צונויפגערופן א אלגעמיינע פארזאמלונג פון אלע מיטגלידער און פיל ניט קיין מיטגלידער נאר סתם ציוניסטן. מיר האבן פארגעלייגט צו קלייבן א ועד מיט א פארגלייגטע רשימה פון קאנדידאטן אין וועלכע מיר, ד.ה. אילוטאוויטש און הירשפעלד, האבן זיך אויך ארייגעשטעלט אין רשימה און פארגעלייגט פאר די פארזאמלטע צו באשטעטיקן און וועלכע איז טאקע באשטעטיקט געווארן און די ארבעט האט זיך אנגעהויבן הן אין אגיטאציע והן פאר די קרנות.

עס האבן אנגעהויבן צו קומען שליחים, רעדנער פון סוכנות און פון ישראל פון אלע פארטייען. זעלבסטפארשטענדלעך אז פאר די שליחים פון די ציונים כלליים פלעגן מיר באזארגן א זאל צום ריידן און אויך מודעות. עס איז אויך דאן געקומען ד"ר קליינבוים (יעצטיגער קאמוניסט משה סנה) וועלכער איז געווען א אלגעמיינער ציוניסט, און ניט וויסנדיג אז ער האט געביטן דעם גלויבן, האבן מיר באזארגט א זאל צום ריידן. עס האט זיך דאן צונויפגעקליבן א היפשער עולם, און הערנדיג זיין רעדע האב איך ניט פארשטאנען גענוי וועגן וואס ער רעדט ווייל ער האט זיך דאן נאך ניט גענוי אויסגעדריקט אלס קאמוניסט. אז ער האט געענדיגט ריידן, בין איך צוגעגאנגען צו אים און האב זיך פארגעשטעלט פאר אים אלס אילוטאוויטש דער פאטער פון לעאן וועלכן ער האט גוט געקענט און פרעג בא אים וועגן וואס ער האט גערעדט ווייל איך האב ניט גוט פארשטאנען. האט ער מיר געענטפערט בזה הלשון, "מיר ציוניסטן דארפן גיין מיט סאוויעט רוסלאנד". האב איך מיר געטראכט, "אויב אזוי, פארשטיי איך שוין זיין רעדע".

די ציוניסטישע ארבעט אין ווראצלאוו איז פארגעקומען נארמאל, זעלבסטפארשטענדלעך לויט דעם ווי עס קען פארקומען צווישן פליטים וועלכע געפינען זיך אין פוילן צייטווייליק נאר זיינען זיך מיישב וואוהין צו פארן—ווער קיין ישראל און ווער אין אנדערע פרייע לענדער. ווייל צו פארבלייבן אין פוילן איז בא קיינעם קיין פראגע ניט געווע. וויבאלד פוילן איז געווארן קאמוניסטיש, איז געווארן די מורא צו פארבלייבן טאמער וועט מען נאכער ניט ארויסלאזן.

מיין זון לעאן איז שוין דאן געווען אין ניו-יארק פון דעם מנהל כללי פון דער ז.א.איי., ד.ה. די אלגעמיינע ציוניסטישע ארגאניזאציע אין אמעריקע. האט ער צו אונז באמבארדירט מיט בריוו אז מיר זאלן וואס שנעלער ארויספארן פון פוילן, אויך צוליב דעם זעלבן מאטיוו. נאך 1½ יאר צייט פארברענגענדיק אין ווראצלאוו, האב איך באשלאסן צו פארן קיין ישראל. נאר מיין פרוי האט בשום אופן ניט געוואלט פארן קיין ישראל, נאר קיין אויסטראליע, מאטיווירנדיק מיט דעם וואס מיין יונגערער ברודער מיט זיין פאמיליע זיינען שוין געווען אין אויסטראליע. נאר אזוי ווי איך האב ניט געוואלט פארן קיין אויסטראליע, נאר קיין ישראל, האב איך איר פארגעלייגט אלס פשרה אז מיר זאלן דערווייל פארן קיין פאריז און נאכער וועלן מיר באשליסן וואוהין צו פארן. מיין פארשלאג איז איר געפעלן געווארן, ווייל עס האט איר געגלוסט צו זיין אין פאריז, אגב ווייל זי האט געקענט פערפעקט די פראנצויזישע שפראך. נאך דעם אלעם, האבן מיר פארפאקט אונזערע זאכן און זיינען ארויסגעפארן קיין פאריז.

קומענדיק קיין פאריז איז מיין ערשטע ארבעט געווען צו געפינען די אלגעמיין ציוניסטישע ארגאניזאציע. איך האב איר געפונען אין דער שאבראל גאס פאר וועלכע איך האב זיך פארגעשטעלט אלס ציוני כללי ותיק און אלס דער פאטער פון לעאן אילוטאוויטש, דער דירעקטאר פון "ז.א.איי." אין אמעריקע, וועמען זיי האבן גוט געקענט. די מיטגלידער פון ועד האבן מיר זייער העפלעך אויפגענומען. איך האב זיי געמאלדן אז איך בין דא מיט מיין פרוי און אז אונזער באזוך אין פאריז איז א צייטווייליגער ווייל מיין שטרעבונג איז צו פארן פון

פאריז קיין ישראל. איך האב זיי געזאגט אז נאר פאר דער צייט וואס מיר וועלן פארברענגען אין פאריז, בין איך גרייט צו העלפן אין די ציוניסטישע ארבעט אלס מתנדב, נאר אין אזעלכע ארבעט אין וועלכע עס פאדערט זיך ניט די פראנצויזישע שפראך פשוט ווייל איך קען ניט די שפראך. אגב, די אלע מיטגלידער פון ועד האבן גערעדט א גוטן אידיש און אויך עברית.

אין פאריז האבן זיך געפונען אייניגע פאמיליעס פון אונזער שטאט לידא מיט וועלכע מיר האבן זיך בפאריינדעט פון וואס מיין פרוי עה"ש איז געווען זייער צופרידן. אגב, מיין פרוי האט באהערשט די פראנצויזישע שפראך, זא דאס מיר האבן געהאט. די לידער פאמיליעס האבן אונז געבעטן מיר זאלן זיי אפט באזוכן, פון וואס מיר האבן זיך ניט אנטזאגט. זיי פלעגן אונז פירן באווייזן אלע אינטערעסאנטע ערטער פון פאריז. איך האב מיין צייט איינגעטיילט אין פאריז אום צו ארבעטן ווי ווייט מעגלעך פארן ציוניזם, און ביז היינטיגס טאג שיקט מיר דער ועד זייער וועכנטלעכע צייטונג.

אויף אזא אופן האבן מיר פארבראכט אין פאריז 1½ יאר צייט. ווען מיר האבן אנגעהויבן צו ריידן וואוהין צו פארן, האב איך געמאלדן מיין פרוי עה"ש קאטעגאריש אז מיר פארן נאר קיין ישראל, אויף וואס זי האט אם ענדע איינגעשטימט. און אין יאר 1949 זיינען מיר ארויסגעפארן פון פאריז קיין מארסיי אום צו פארן פון מארסיי מיטן שיף קיין ישראל.

די סוכנות האט אונז, אלס פארלאנג פון אונזער זון, געגעבן א ספעציעלע קאבינע ערשטע קלאס אין שיף, נאר אין יאנואר און פעברואר איז דער ים געווען שטורמדיג און עס האט געווארפן די שיף, זא דאס די גאנצע צייט פון פארן האט מיין פרוי געליטן פון ים-קראנקהייט אין א שטארקע פארמע וועלכע האט זיך אויסגעדריקט אין ברעכן. אויף מיר האט אויך געווירקט די ים-קראנקהייט נאר אין א שוואכע פארמע. און אין ענדע פעברואר 1949 יאר, אין א רעגנדיגן טאג, זיינען מיר אנגעקומען קיין ישראל.

פון שיף האט מען אונז אפגעפירט קיין חדרה, וואו עס איז געווען צוגעגרייט ביידלעך פאר די עולים חדשים. און ווי באוואוסט איז חדרה געווען אין אלע צייטן א בלאטיקק פלאץ און בפרט אום ווינטער אין דער צייט פון די רעגנס זיינען די ביידאלעך געשטאנען אין טיפע בלאטע. אין די ערשטע נאכט פון אונזער קומען איז געווען א שלאקסרעגן. פון שלאפן איז קיין רייד ניט געווען, און די שאקאלן זיינען אויך ניט געווען צופרידן, ווי עס ווייזט, פון רעגן ווייל זיי האבן שטארק געשריגן. זיינען מיר די גאנצע נאכט אפגעזעסן אויפן בעטל אין די בגדים. גאנץ פרי בין איך אוועקגעפארן קיין תל-אביב צום סוכנות און טרעפנדיג דארט אלס פקיד דעם ה' הלל זיידל, וועלכער איז געווען אגב א פריינד פון מיין זון, האב איך אים געמאלדן אז אין די חדרה'ס בלאטעס איז אומעגלעך צו זיין. האט ער פאראורדנט אונז אריבער צו פירן קיין תל-אביב אין האטעל פלגה וועלכע געפינט זיך בא דעם שפת הים און אין דעם האטעל זיינען מיר פארבליבן ביז נאך פסח, דאס הייסט בערך פיר חדשים צייט. מעגלעך אז עס איז געווען צוליב דעם וואס מיין זון איז שוין דאן געווען דירעקטאר פון די אלגעמיינע ציוניסטן אין אמעריקע. נאר ניט קוקנדיג אויף דעם, זאפארט נאך פסח האט מען מיר געשיקט זאגן אז די גוטע צייט איז געענדיגט, און א מענש פון סוכנות האט מיר געפירט ווייזן מיין נייע וואוינונג. דאס איז געווען אין א אראבישן דארף פון וועלכן אין 48 יאר זיינען די אראבער צולאפן, איז געבליבן די צעבראכענע הייזלעך וועלכע די סוכנות האט פיל ווייניג רעמאנטירט. זיי זיינען געווען אָנע [=אָן] באקוועמלעכקייטן, נאר וואסער איז געווען. האט מען מיר דארט געגעבן פאר מיר מיט מיין פרוי עה"ש א צימער.

דער דארף האט געהייסן תל-עריש, יעצט תל גבורים לעבן חולון. ניט האבנדיג קיין געלט אויף צו דינגען א מענשלעכע וואוינונג אין תל-אביב, האט מען געמוזט זיך באנוגענען מיט דעם צימער וואוינונג. דאס דארף האט געהאט נאך א מעלה: די אייציגע גאס וואס דארט איז געווען (קיין טראטוארן זיינען אויך ניט געווען) איז ווינטער צייט אין די רעגנס איז דאס געווען אזעלכע בלאטעס אז מען האט ניט געקענט דורכגיין און מען האט געמוזט זיין צופרידן.

צוליב וואס שרייב איך דאס אלעס, צו באווייזן אז די עולים חדשים פון די יארן 1948 - 1949 זיינען געווען פיל ווייניג אידעאליסטן ניט צו פארגלייכן מיט די יעצטיגע עולים חדשים, וועלכע מען גיט נייע וואוינונגען

מיט באדע צימערן פאר צוויי פערזאן און פאר א גרעסערע פאמיליע דריי צימערן און פיר צימערן. און די עולים חדשים זיינען נאך ניט צופרידן, און זיי שטעלן אלערליי פאדערונגען.

וואס אנבעלאנגט ארבעט, האט מען צוגעזאגט, סיי מיין פארטיי און סיי די סוכנות, אז עס וועט זיין ווען זיי רופן. מיט אייןווארט אזוי האט מען זיך אפגעפלאגט אין דעם אראבישן שמוציגן דארף 5 יאר צייט. אמת, איך בין דאן שוין געווען בא 70 און אין דעם עלטער איז שווער צו באקומען ארבעט, בין איך גאר געווארן א חקלאי. הינטער מיין וואוינונג איז געווען א גרויסערליידיגער פלאץ, האב איך אויף דעם פלאץ פארזייט אלערליי גרינסן און קארטאפל, געהאדעוועט הינדלעך, איז געווען אייער. און צו דעם האט דער זון פון אמעריקע געהאלפן, האב איך געמאכט א לעבן. נאכער האב איך פארקויפט מיין וואוינונג מיט מיין משק [=פאַרם] און מיט די הילף פון מיין זון, האב איך געדונגען א צימער וואוינונג אין תל-אביב און מיין פארטיי האט מיר געגעבן ארבעט 4 שעה צייט אין ביורא.

און אזוי אויף דעם אופן א ביסל געארבעט און אמעריקענער הילף בין איך אין ישראל אלט געווארן און אויך באגראבן מיין פרוי. איך געפין זיך שוין 2½ יאר צייט אין א בית-אבות און אנגעשריבן די דאזיגע זכרונות.